בעזרת השם יתברך

סֵפֶר

# אויסדֶערְוֶועלְט

## זְמַן מַתַּן תּוֹרָתֵינוּ

בְּרִיוו פוּל מִיט הִתְחַזְּקוּת, עֵצוֹת אוּן הַדְרָכָה, וִוי אַזוֹי יֶעדֶער אִיד אָן אוֹיסְנַאם קֶען זוֹכֶה זַיין אוֹיסְצוּנוּצְן רִיכְטִיג דִי לִיכְטִיגֶע טֶעג פוּן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, זְמַן מַתַּן תּוֹרָתֵינוּ.

גֶעבּוֹיט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן,
אֲדוֹנֵינוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ

**רֶבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב**

זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד מוֹרֵנוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ

**רֶבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב**

זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זֵייעֶר תַּלְמִיד וָואס הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט זֵייעֶרֶע הֵיילִיגֶע לִימוּדִים אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט

**כְּבוֹד קְדוּשַּׁת מָרָן מוֹהֲרָא"שׁ**

זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

גֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים וּכְתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל, פוּן דִי גְמָרָא, מֶדְרָשִׁים אוּן זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ.

אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב,
עִיר הַקוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם תּוֹבְבָ"א

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
### וויליאמסבורג
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
### בארא פארק
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
### קרית יואל
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
### קרית יואל
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
### בלומינגראוו
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
### מאנסי
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
### ירושלים
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
### בני ברק
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


נדפס ע"י

**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י

**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

### קול ברסלב
**212.444.9191**

### חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# זֵכֶר עוֹלָם יִהְיֶה צַדִּיק

לִכְבוֹד נִשְׁמַת מְאוֹר עֵינֵינוּ חִיּוּת נַפְשֵׁנוּ,

אֲשֶׁר נָשָׂא אוֹתָנוּ עַל לִבּוֹ כַּאֲשֶׁר יִשָּׂא הָאֹמֵן אֶת הַיּוֹנֵק, לְהַחֲיוֹתֵנוּ כְּהַיּוֹם הַזֶּה, לְהַטְעִימֵנוּ מִצּוּף עֲרֵבוּת נְעִימוּת, יְדִידוּת, זִיו הֶאָרַת שְׁכִינַת עֻזּוֹ יִתְבָּרַךְ, וְהֶחְדִּיר בְּרִבְבוֹת נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל בְּכָל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ - אֱמוּנָה בְּרוּרָה וּמְזֻכֶּכֶת בּוֹ יִתְבָּרַךְ, וְקֵרֵב אַלְפֵי נְשָׁמוֹת אֶל הַחֵן וְהַיֹּפִי אֲשֶׁר בַּנַּחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה שׁוֹרֶה, הוּא נִיהוּ הָרַב הַגָּאוֹן הַצַּדִּיק, אִישׁ הָאֶשְׁכּוֹלוֹת - שֶׁהַכֹּל בּוֹ, הֶחָסִיד הָאֲמִתִּי עוֹבֵד ה' בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, מָסַר נַפְשׁוֹ אֵלָיו יִתְבָּרַךְ בְּכָל יוֹם וָיוֹם מִיּוֹם עָמְדוֹ עַל דַּעְתּוֹ, וְסָבַל יִסּוּרִים קָשִׁים וּמָרִים כָּל יְמֵי חַיָּיו, רַבִּים הֵשִׁיב מֵעָוֹן וְקֵרְבָם אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, הֶעֱמִיד תַּלְמִידִים רַבִּים, יִרְאֵי ה' וְחוֹשְׁבֵי שְׁמוֹ, בַּעַל הַמְחַבֵּר סִפְרֵי שׁוּ"ת 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל', וְסֵפֶר 'שְׂפַת הַנַּחַל' פֵּרוּשׁ עַל הַסֵּפֶר הַקָּדוֹשׁ לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. וְקִבֵּץ וְלִקֵּט סְפָרִים רַבִּים וְנִכְבָּדִים מִדִּבְרֵי רַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ מוֹהֲרַ"ן מִבְּרֶסְלֶב, וְתַלְמִידוֹ הַקָּדוֹשׁ מוֹהַרְנַ"תְ - זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ. וֶהֱפִיצָם בְּכָל קַצְוֵי תֵּבֵל, וּבִפְרָטִיּוּת הַקּוּנְטְרֵסִים הַמְפֻרְסָמִים שֶׁהֶחֱיוּ אֲלָפִים וְרִבְבוֹת נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, וְחִזְּקוּ אוֹתָם לַחֲזוֹר בִּתְשׁוּבָה.

עֲטֶרֶת רֹאשֵׁנוּ, נֵזֶר תִּפְאַרְתֵּנוּ, הַמַּלְאָךְ הַנִּצָּב עַל רֹאשׁ דֶּרֶךְ, עַמּוּד הָאֵשׁ אֲשֶׁר לִפְנֵי הַמַּחֲנֶה, מוֹרֶה דֶּרֶךְ וּמְשׁוֹבֵב נְתִיבוֹת

מוֹרֵנוּ וּמְאוֹרֵנוּ

## רַבִּי אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה זצוקללה"ה

בֶּן הַגָּאוֹן רַבִּי מְנַחֵם זְאֵב זַצַ"ל

הָרַב מִטֹּאקַאי וּבַעַל הַ'מִּנְחַת זְאֵב' וְעוֹד

**זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וְעַל כָּל יִשְׂרָאֵל**

בְּחַד קְטִירָא אִתְקַטִּיר לִישִׁיבָה שֶׁל מַעְלָה

לְהִתְלוֹנֵן בְּצֵל צַח הַצַּדִּיקִים אֲשֶׁר בְּגַן עֵדֶן

י"ז שְׁבָט תשע"ה

**תְּהֵא נִשְׁמָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה צְרוּרָה בִּצְרוֹר הַחַיִּים**

# הספר הקדוש הזה

## נדפס לזכות
## מורינו ראש הישיבה שליט"א

וזוגתו

## אסתר גיטל תחי',

וילדיהם

## שלמה ומשפ',
## אלחנן חיים ומשפ',
## מרים העניא זיסל ומשפ',
## שמעון ומשפ',
## נחמן נתן, יצחק דוד, צבי, רחל לאה, יוסף, מנחם, יחזקאל, מלכה.

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון.

# אויסדערוועלט


עֶרֶב ראש חוֹדֶשׁ סִיוָן – תְּפִילַּת הַשְּׁלָ"ה ........ א

דַארְף אִיךְ טַאקֶע נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער נָאר פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס וֶועגְן? ........ ג

פַארְוָואס זָאלְן דִי קִינְדֶער זַיין גוּט, אַז אִיךְ בִּין אַ גָארְנִישְׁט? ........ ח

ב' סִיוָן - יָארְצַייט פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ ........ ט

ב' סִיוָן - יָארְצַייט פוּנֶעם הֵיילִיגְן מוּנְקַאטְשֶׁער רַב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ ........ י

חַג הַשָּׁבוּעוֹת ........ יג

זֵיי שְׁטַארְק מִיט דִי צְוֵויי זַאכְן, דַאוֶונֶען אוּן לֶערְנֶען ........ טז

זַיי שְׁטַארְק צוּ קוּמֶען דַאוֶונֶען צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. ........ יז

בֵּיימֶער אוּן בְּלוּמֶען ........ כ

בַּאצִירְן דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ פַאר יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת ........ כ

חַג הַבִּכּוּרִים ........ כד

מִנְהָגִים פוּן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת ........ כז

תְּפִילַּת מַעֲרִיב ........ כח

תִּיקּוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת ........ כט

גַבָּאִים דַארְפְן זֶען אַז יֶעדֶער מִתְפַּלֵּל זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ ........ ל

תְּפִילַּת שַׁחֲרִית ........ לג

אַהֲבָה רַבָּה ........ לג

וִוי אַזוֹי אִיז מֶען מַצְלִיחַ צוּ גֶעדֶענְקֶען אוּן גוּט קֶענֶען דָאס לֶערְנֶען? ........ לד

הַלֵּל ........ לז

אַקְדָּמוּת ........ לח

מַתָּן תּוֹרָה ........ לט

וַיִּחַן שָׁם יִשְׂרָאֵל נֶגֶד הָהָר ........ לט

כֹּה תֹאמַר לְבֵית יַעֲקֹב וְתַגֵּיד לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל ........ מ

רֵד הָעֵד בָּעָם פֶּן יֶהֶרְסוּ אֶל ה' לִרְאוֹת וְנָפַל מִמֶּנּוּ רָב ........ מג

וַיַּעֲמֹד הָעָם מֵרָחֹק וּמֹשֶׁה נִגַּשׁ אֶל הָעֲרָפֶל אֲשֶׁר שָׁם הָאֱלֹקִים ........ מג

עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת ........ מד

אָנֹכִי ה' אֱלֹקֶיךָ - אֱמוּנָה ........ מד

לֹא יִהְיֶה לְךָ - עֲבוֹדָה זָרָה ........ מו

ווי אַזוֹי מֶען וֶוערְט פָּטוּר פוּן דִי תַּאֲוָה צוּ וֶוערְן רַייךְ?.................... מח
לֹא תִשָּׂא - שְׁבוּעָה.................... נב
זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת לְקַדְּשׁוֹ - שַׁבָּת.................... נד
כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ וְאֶת אִמֶּךָ - כִּיבּוּד אָב וָאֵם.................... נז
לֹא תִרְצָח - רְצִיחָה.................... ס
לֹא תִנְאָף - נִיאוּף.................... סג
ווי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן?.................... סג
לֹא תִגְנֹב - גְנֵיבָה.................... סה
לֹא תַעֲנֶה בְרֵעֲךָ עֵד שָׁקֶר - עֵדוּת שֶׁקֶר.................... סו
לֹא תַחְמֹד - קִנְאָה.................... סט
מַיינֶע קָאלֶעגֶעס בַּיי דִי אַרְבֶּעט רֶעדְן אוֹיף מִיר, וָואס טוּ אִיךְ?.................... ע
קַבָּלַת הַתּוֹרָה.................... עד
אִיךְ וויל אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען, ווי אַזוֹי הוֹיבְּט מֶען אָן?.................... עה
מֶעג מֶען לֶערְנֶען לִיגְנְדִיג?.................... פא
דִי שִׁידוּךְ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף אָנְהַאלְטְן.................... פב
מְגִלַּת רוּת.................... פו
תִּיקּוּן הַכְּלָלִי.................... פז
מִילְכִיגְס אוּן קְרֶעפְּלֶעךְ.................... פז
שְׁטַר הַתְּנָאִים וּכְתֻבָּה.................... צא
שְׁטַר אֵירוּסִין וּתְנָאִים שֶׁבֵּין יִשְׂרָאֵל לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם.................... צא
שְׁטַר הַכְּתוּבָּה שֶׁבֵּין יִשְׂרָאֵל לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם.................... צו
יָארְצַייט דָּוִד הַמֶּלֶךְ.................... צט
וואוּ אִיז דִי חֲזַ"ל אַז אַ בַּת קוֹל הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף דָּוִד הַמֶּלֶךְ "עֶר רוּפְט מִיךְ טַאטֶע"?...קב
תְּהִלִּים.................... קיז
יָארְצַייט בַּעַל שֵׁם טוֹב.................... קיט
אַ מְלַמֵּד זָאל דֶערְצֵיילְן פַאר דִי קִינְדֶער מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים.................... קכד
אִסְרוּ חַג.................... קלא
אָנְהַאלְטְן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן פוּן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת.................... קלא
י"ב סִיוָן.................... קלא

בעזהשי"ת

ערב חג השבועות, תשפ"ה

"אֲשֶׁר בָּחַר בָּנוּ מִכָּל הָעַמִּים", שכוח אייבערשטער וואס דו האסט אונז אויסדערוועלט פון אלע פעלקער און אונז געגעבן די הייליגע תורה שרייט זיך ארויס פון די הערצער פון אידישע קינדער דורכאויס יום טוב שבועות, אבער אנשי שלומינו פרייען זיך מיט דעם א גאנץ יאר, אזוי ווי דער רבי האט אונז געהייסן צו זיין פריילין שטענדיג, מיר זאלן זיך פרייען שלא עשני גוי (ליקוטי מוהר"ן חלק ב'. סימן י), אז מיר זענען א חלק פונעם אויסדערוועלטן פאלק, ווי אויך ליגט אויף אונז א חוב צו דאנקען דעם אייבערשטן אויף די גרויסע זכות וואס ער האט אונז אויסדערוועלט זיך צו ציילן צווישן תלמידי היכל הקודש חסידי ברסלב.

ברוב שבח והודי' צום הייליגן באשעפער זענען מיר זוכה ארויסצוגעבן דעם ספר "אויסדערוועלט", וואס איז כשמו כן הוא, א ספר וואס איז צאמגעקליבן פון די געשריבענע ווערק פון דער ראש ישיבה שליט"א וואס איז געדרוקט אין די ספרים "עצתו אמונה", "איש אמונות", "שפתי תפתח" און "חזית איש" אויף די טעג פון יום טוב שבועות, אויף לימוד התורה, קיום המצוות און נאך, און ווייזט א וועג ווי אזוי מיר קענען לעבן מיט די שמחה און גליק פון זיין א חלק פון די אויסדערוועלטע פאלק, און לעבן מיטן אייבערשטן און מיט די עצות פונעם הייליגן רבי'ן.

צווישן די שטיקלעך וואס מיר ברענגען אראפ זענען דא שטיקלעך וואס זעען אויס ענליך, אבער באמת איז עס נישט דאפעלט, נאר אין יעדע שטיקל איז דא אן אייגנארטיגע חידוש.

מיר דאנקען דעם אייבערשטן אויף די גרויסע מתנה וואס מיר זענען זוכה אין דעם דור, צו געניסן אזויפיל עצות, שכל און לימודים פונעם ראש ישיבה שליט"א, און עס איז אונזער געבעט און וואונטש אז דער ראש ישיבה זאל האבן ווייטער די כוחות צו לערנען אונז און אונזערע דורות ווי אזוי צו דינען דעם אייבערשטן מיט שמחה און געשמאק.

אין דעם קונטרס האבן מיר בס"ד צוגעלייגט דעם תפילת השל"ה. אזוי אויך האבן מיר אריינגעלייגט דעם שטר התנאים און כתובה פון הרה"ק רבי ישראל נג'ארה זכותו יגן עלינו, לויט די נוסח פון רביה"ק מסאטמער זכותו יגן עלינו.

מיר ווילן באדאנקען האברך החשוב ר' יודא לייב ווייס הי"ו, ר' יצחק פאפנהיים הי"ו מנהל מוסדות היכל הקודש בארץ הקודש, און ר' שמעון עוזר פערל הי"ו, פארן אריינלייגן פיל כוחות און הארעוואניע אז דער ספר זאל קענען ארויסקומען בס"ד.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן זוכה זיין צו מקבל זיין די תורה און מצוות פונדאסניי און לעבן מיטן הייליגן רבינ'ס עצות, אויף די וועג פון מוהרא"ש זכותו יגן עלינו לויט ווי דער ראש ישיבה שליט"א לערנט מיט אונז, אמן.

קראו ותחי נפשכם
א פרייליכן יום טוב
מכון עצתו אמונה

# עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן - תְּפִילַּת הַשְׁלָ"ה

הַיינְט אִיז עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, אַ טָאג פוּן תְּשׁוּבָה. בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פִירְט מֶען זִיךְ צוּ זָאגְן אַלֶע חֳדָשִׁים יוֹם כִּיפּוּר קָטָן; עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיז אַ טָאג פוּן חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ, זִיךְ נָאכְאַמָאל בַּארֶעכֶענֶען, אָפְּלָאזְן דִי נִישְׁט גוּטֶע מַעֲשִׂים.

הַיינְט אִיז אַ טָאג פוּן תְּשׁוּבָה, הַיינְט זָאגְן מִיר יוֹם כִּיפּוּר קָטָן; זָאלְסְטוּ זִיךְ אַרוֹיסְ׳גַנְבְ׳עֶנֶען פוּן דַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן, זִיךְ טְרֶעפְן אַ ווִינְקֶל אוּן זִיךְ גוּט אוֹיסְוֵויינֶען: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס וֶועט זַיין מִיט מִיר, אִיךְ בִּין אַזוֹי וַוייט פוּן דִיר, אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן, זַיי מִיךְ מְקָרֵב צוּ דִיר".**

וֶוען מֶען רֶעדְט אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, מֶען זָאגְט: "אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין גוּט" - וֶוערְט מֶען נֵיי גֶעבּוֹירְן, מֶען נֶעמְט אַרָאפּ פוּן זִיךְ אַלֶע דִינִים.

הַיינְט עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיז אַ צַייט פוּן תְּשׁוּבָה, פוּן תִּיקּוּן הַמַּעֲשִׂים, מֶען זָאגְט יוֹם כִּיפּוּר קָטָן; דֶער עִיקָר דַארְף מֶען אָפְּשְׁוַוייגְן אוֹיף אַלֶע בִּזְיוֹנוֹת, דָאס אִיז גְרֶעסֶער פוּן פַאסְטְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ו): "וְעִקַּר הַתְּשׁוּבָה כְּשֶׁיִּשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ, יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק", אַז מֶען הֶערְט אַ בִּזָּיוֹן אוּן מֶען שְׁוַוייגְט, מֶען עֶנְטְפֶערְט נִישְׁט - דָאס אִיז דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה.

עֶס אִיז אָנְגֶענוּמֶען בַּיי כְּלַל יִשְׂרָאֵל אַז עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן אִיז אַ טָאג וָואס אִיז מְסוּגָל מִתְפַּלֵּל צוּ זַיין אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט מֶען דִי תְּפִלָּה פוּנֶעם שְׁלָ"ה הַקָּדוֹשׁ; דִי תְּפִלָּה אִיז גוּט צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג, וַוייל ווִי מֶער תְּפִילּוֹת מֶען לֵייגְט אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ זֶען שְׁפֶּעטֶער שֵׁיינֶע פֵּירוֹת. אַזוֹי ווִי בְּלוּמֶען דַארְף מֶען הַאלְטְן אִיין אֵיין בַּאוַואסֶערְן, אוּן אוֹיבּ מֶען גִיסְט נִישְׁט קַיין וַואסֶער וֶוערְט דָאס פַארְוֶועלְקְט; נָאךְ מֶער דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער. תְּפִלָּה אִיז אַזוֹי ווִי וַואסֶער, ווִי מֶער מֶען אִיז מִתְפַּלֵּל

פאר די קינדער, אלץ מער באוואוסט מען זיי אז זיי זאלן אויסוואקסן ערליכע אידן.

אויך דארף מען זייער אכטונג געבן צו געבן אסאך ווארעמקייט פאר קינדער; קינדער וואס האבן א ווארעמע שטוב וועלן נישט אוועק לויפן מיט שלעכטע חברים און די קינדער וועלן אויך אויפשטעלן א שיינע ווארעמע שטוב.

מען דארף זיך כסדר אינטערעסירן וואס די קינדער טוען און מען דארף אויסהערן א קינד; זייער אסאך מאל ווערן קינדער פארקלאפט ווען זיי זעען אז עס איז נישטא קיין אזן קשבת, זיי זעען אז מען מאכט אוועק וואס זיי זאגן. ווי מער מען הערט זיי אויס וואקסן זיי אויף מער געזונט; דאס איז די ארבעט פון א אידישע מאמע, צו געבן פאר די קינדער ווארעמקייט.

שלמה המלך זאגט (משלי יד, א): "חכמות נשים בנתה ביתה", א קלוגע פרוי בויט אויף איר הויז, "ואולת, בידיה תהרסנו", און א נארישע פרוי צעברעכט עס מיט אירע אייגענע הענט; א פרוי מיט אביסל שכל קען זיך מאכן א גן עדן פון איר לעבן, אז זי ווייסט ווי אזוי צו רעדן צו איר מאן; זי רייסט אים נישט אראפ, זי זוכט אים נישט צו קריטיקירן אויף יעדע זאך, און זיכער סטראשעט זי אים נישט מיט וכו׳.

א קלוגע פרויווארט נישט אז איר מאן זאל איר פרייליך מאכן, אדרבה, זי מאכט פרייליך איר מאן; זי ווארט נישט אויף אים אז ער זאל אנהויבן געבן גוטע ווערטער וכו׳, נאר זי בעט זיך איבער מיט אים וכו׳, און אזוי ווערט די גאנצע שטוב פרייליך.

בעטס דעם אייבערשטן אויף אייער שפראך אז איר זאלט האבן שלום בית און ערליכע קינדער; בעטס דעם אייבערשטן אז איר זאלט זוכה זיין צו הייליגע קינדער, קינדער וואס וועלן ליכטיג מאכן די וועלט. חנה האט זוכה געווען צו א קינד וואס איז געווען אזוי גרויס ווי משה רבינו און אהרן הכהן נאר ווייל זי האט געבעטן דעם אייבערשטן (שמואל א א, יא): "ונתתה לאמתך זרע אנשים", זאגן חכמינו זכרונם לברכה (ברכות לא.), זי האט געבעטן אז זי וויל א קינד וואס וועט זיין אזוי גרויס ווי משה רבינו און אהרן הכהן; געווענליך איינער וואס האט נישט קיין

קִינְדֶער אִיז צוּפְרִידְן מִיט וָואס מֶען גֶעבְּט אִים, אָבֶער חַנָּה אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע צַדֶיקֶת, זִי הָאט נָאר גֶעוָואלְט אַ קִינְד אַ צַדִיק, און זִי הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דֶעם דוּרְךְ אִירֶע תְּפִילּוֹת.

## דַארְף אִיךְ טַאקֶע נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער נָאר פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס וֶועגְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַזָל טוֹב צוּ דִי חֲתוּנָה פוּן אַייעֶר קִינְד, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן אַסַאךְ אִידִישׁ נַחַת פוּנֶעם פָּארְפָּאלְק, עֶס זָאל זַיין אַ קֶשֶׁר שֶׁל קַיָּמָא און אַ בִּנְיַן עֲדֵי עַד, אִין זְכוּת פוּן דִי אַלֶע שְׁטִיבֶּער וָואס אִיר רַאטֶעוֶועט מֵאֲפֵלָה לְאוֹר גָּדוֹל.

אִיךְ זָאג דִי תְּפִילָה פוּן שְׁלָ"ה הַקָדוֹשׁ אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, אָבֶער בַּיי דִי וֶוערְטֶער "אַתָּה ה' יוֹדֵעַ כָּל תַּעֲלוּמוֹת, וּלְפָנֶיךָ נִגְלוּ מַצְפּוּנֵי לִבִּי, כִּי כַּוָּנָתִי בְּכָל אֵלֶּה לְמַעַן שִׁמְךָ הַגָּדוֹל וְהַקָדוֹשׁ וּלְמַעַן תּוֹרָתְךָ הַקְדוֹשָׁה", שְׁפִּיר אִיךְ זִיךְ ווִי אַ לִיגְנֶער, ווייל אִיךְ הַאלְט נִישְׁט אַז אִיךְ בֶּעט פַאר גוּטֶע קִינְדֶער מַמָשׁ פַארְן בַּאשֶׁעפֶער'ס וֶועגְן, אִיךְ מֵיין אַז עֶס אִיז מֶער פַאר כָּבוֹד און מְנוּחָה, אִיךְ הַאלְט נִישְׁט אוֹיף אַזַא מַדְרֵיגָה, וָואס טוּ אִיךְ?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, א׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

זַיי וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ צוּ זָאגְן דִי תְּפִילָה אוֹיף גוּטֶע עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער און וֶוען דוּ זָאגְסְט דִי וֶוערְטֶער פוּן תְּפִילַּת הַשְּׁלָ״ה: ״אַתָּה ה׳ יוֹדֵעַ כָּל תַּעֲלוּמוֹת, וּלְפָנֶיךָ נִגְלוּ מַצְפּוּנֵי לִבִּי, כִּי כַּוָּנָתִי בְּכָל אֵלֶּה לְמַעַן שִׁמְךָ הַגָּדוֹל וְהַקָדוֹשׁ וּלְמַעַן תּוֹרָתְךָ הַקְּדוֹשָׁה״ - זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט שְׁפִּירְן ווִי דוּ זָאגְסְט לִיגְנְט וַוייל בֶּאֱמֶת אִיז דָאס דַיין רָצוֹן און דֶער רָצוֹן פוּן יֶעדֶע אִיד, צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס וֶועגְן; יֶעדֶער אִיד ווִיל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן לִשְׁמָהּ - פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס וֶועגְן, נָאר דֶער יֵצֶר הָרָע פַארְדְרֵייט דֶעם קָאפּ, מֹחַ און הַארְץ מֶען

זָאל נָאכְגֵיין תַּאֲווֹת אוּן נַארִישְׁקֵייטְן. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער חִידָ"א בְּרֶענְגְט אִין דִי תְּפִילָּה וָואס עֶר פְלֶעגְט זָאגְן יֶעדְן עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן מִיר פִירְן זִיךְ אוֹיךְ דָאס צוּ זָאגְן יֶעדְן עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה נָאכְן מַאכְן הַתָּרַת נְדָרִים, מִיר זֶענֶען דֶערְבַּיי מְגַלֶּה דַּעַת אַז מִיר וִוילְן טוּן נָאר דֶעם רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע מַחְשָׁבוֹת וָואס קוּמֶען אַרַיין אִיז מִצַּד דֶעם יֵצֶר הָרָע.

אֵיידֶער אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, פַאר אִיךְ הָאבּ זִיךְ דֶערְוָוּיסְט פוּן דִי זִיסֶע עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת פְלֶעג אִיךְ זֵייעֶר אַסַאךְ זָאגְן דִי תְּפִילּוֹת פוּן סֵפֶר עֲבוֹדַת הַקוֹדֶשׁ, בִּפְרַט דִי "מְסִירַת מוֹדָעָה" וואוּ מֶען שְׁמוּעֶסְט זִיךְ אוֹיס אַז מֶען וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אֲפִילוּ עֶס זֶעט אוֹיס וִוי מֶען וִויל עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ.

דָא הָאסְטוּ דֶעם נוּסַח:

"הֲרֵינִי מוֹסֵר מוֹדָעָה לִפְנֵיכֶם שֶׁכָּל מַחֲשָׁבָה רָעָה וְהִרְהוּר רַע וּרְעוּתָא דְּלִבָּא אִם יַעֲלֶה בְּלִבִּי וּמֹחִי, וּבִפְרָט בְּעֵת הַתְּפִלָּה וְתַלְמוּד תּוֹרָה בְּאֵיזֶה צַד וָאֹפֶן שֶׁאֵינוֹ לִכְבוֹד וּרְצוֹן הַבּוֹרֵא יִתְבָּרֵךְ, מֵעַכְשָׁיו אֲנִי מְבַטֵּל אוֹתָן מַחֲשָׁבוֹת וְהִרְהוּרִים רָעִים וּרְעוּתָא דְלִבָּא אֲשֶׁר הֵם נֶגֶד רְצוֹן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בִּטּוּל גָּמוּר כְּחֶרֶס הַנִּשְׁבָּר, וּמִכָּל שֶׁכֵּן אִם אֲדַבֵּר אֵיזֶה דִּבּוּר רַע וְאִסּוּר מֵעַכְשָׁיו יִהְיוּ הַכֹּל בְּטֵלִים וּמְבֻטָּלִים. וְעַתָּה אֲנִי מְבָרֵר וּמְפָרֵשׁ בֵּאֵר הֵיטֵב וַאֲנִי מְגַלֶּה דַּעְתִּי וּרְצוֹנִי בְּכָל לִבִּי כִּי רְצוֹנִי וּמַאֲוַיי וְכַוָּנָתִי לַעֲבֹד אֶת בּוֹרְאֵנוּ אֱלֹקֵי אַבְרָהָם אֱלֹקֵי יִצְחָק וְיִשְׂרָאֵל עֲבוֹדָה שְׁלֵמָה, עֲבוֹדָה תַּמָּה בְּמַחֲשָׁבָה וְדִבּוּר וּמַעֲשֶׂה בְּיִרְאָה וְאַהֲבָה וְשִׂמְחָה כַּדָּת מַה לַּעֲשׂוֹת, וְכָל מַחֲשָׁבָה וְדִבּוּר וּמַעֲשֶׂה נֶגֶד רְצוֹנוֹ יִתְבָּרֵךְ מֵעַכְשָׁו בְּטֵלִים וּמְבֻטָּלִים, כִּי הֵם מִצַּד יֵצֶר הָרָע וְהַכֹּל הָבֶל, בְּאֹפֶן שֶׁכָּל עֲבוֹדָתֵנוּ לַבּוֹרֵא יִתְבָּרֵךְ בְּמַחֲשָׁבָה וְדִבּוּר וּמַעֲשֶׂה הַכֹּל הוּא לַעֲשׂוֹת נַחַת רוּחַ לְפָנָיו דַּוְקָא בְּלִי שׁוּם פְּנִיָּה כְּלָל וְעִקָּר, וְהַכֹּל הוּא לְשֵׁם יִחוּד קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּדְחִילוּ וּרְחִימוּ וּדְחִילוּ לְיַחֲדָא שֵׁם י"ה בְּו"ה בְּיִחוּדָא שְׁלִים בְּשֵׁם כָּל יִשְׂרָאֵל, לְדַעַת רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאי וְרַבִּי אֶלְעָזָר בְּנוֹ, וּלְדַעַת הָרַב רַבִּי יִצְחָק לוּרְיָא אַשְׁכְּנַזִּי. [וּלְדַעַת הָרַב רַבִּי יִשְׂרָאֵל בַּעַל שֵׁם טוֹב וְתַלְמִידָיו, וּלְדַעַת רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא וְתַלְמִידָיו], הַמָּקוֹם בְּרַחֲמָיו יַעְזְרֵנוּ עַל דְּבַר כְּבוֹד שְׁמוֹ מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם, יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ ה' צוּרִי וְגוֹאֲלִי".

לֵייג אַוֶועק אַלֶע דַיינֶע חָכְמוֹת, מֶען הָאט גָארְנִישְׁט פוּן חָכְמוֹת; קוּק וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן יב): "עִקַּר הַיַּהֲדוּת הוּא רַק לֵילֵךְ בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת", דָאס עִיקָר אִידִישְׁקֵייט אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ וִוי אַ פָּשׁוּט'עֶר אִיד, מִיט תְּמִימוּת אוּן פְּשִׁיטוּת. אוּן רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט מוֹרָא'דִיגֶע

וֶוערְטֶער (שָׁם, סִימָן קד): "הָיָה אוֹהֵב מְאֹד אֶת הָעֲבוֹדוֹת הַפְּשׁוּטוֹת", דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט דִי פָּשׁוּט'עֶ עֲבוֹדוֹת, "שֶׁל סְתָם בְּנֵי אָדָם הָאֲנָשִׁים הַפְּשׁוּטִים הַכְּשֵׁרִים", פוּן פָּשׁוּט'עֶ עֶרְלִיכֶע אִידְן. "וְהָיָה אוֹהֵב מְאֹד מִי שֶׁיָּכוֹל לוֹמַר הַרְבֵּה תְּחִנּוֹת וּבַקָּשׁוֹת בְּתוֹךְ הַסִּדּוּרִים הַגְּדוֹלִים כְּדֶרֶךְ הֶהָמוֹן עַם הַכְּשֵׁרִים", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט דִי וָואס זָאגְן אַלֶע תְּחִנּוֹת אוּן בַּקָּשׁוֹת וָואס זֶענֶען גֶעדְרוּקְט אִין דִי גְרוֹיסֶע סִדּוּרִים, אַזוֹי וִוי דִי פָּשׁוּט'עֶ מֶענְטְשְׁן פִירְן זִיךְ. "וְהָיָה מַזְהִיר וּמוֹכִיחַ אוֹתָנוּ כַּמָּה פְּעָמִים, לְזַמֵּר זְמִירוֹת בְּשַׁבָּת", דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט אוּנְז זֵייעֶר אָנְזָאגְן אוּן אָנְוָוארְעֶנֶען אַז מִיר זָאלְן זִינְגֶען זְמִירוֹת אוּם שַׁבָּת, "וְהָיָה מַקְפִּיד וְכוֹעֵס מְאֹד עַל מִי שֶׁהוּא חָכָם בְּעֵינָיו וְאֵינוֹ מִתְאַמֵּץ לְזַמֵּר זְמִירוֹת בְּשַׁבָּת וּבְמוֹצָאֵי שַׁבָּת אוֹ שְׁאָר עֲבוֹדוֹת פְּשׁוּטוֹת", אוּן דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט זֵייעֶר מַקְפִּיד זַיין אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הַאלְטְן זִיךְ פַאר חֲכָמִים אוּן זִינְגֶען נִישְׁט קַיין זְמִירוֹת שַׁבָּת בַּיי דִי סְעוּדוֹת אוּן מוֹצָאֵי שַׁבָּת בַּיי מְלַוֶּה מַלְכָּה, אוּן טוּעֶן נִישְׁט אַנְדֶערֶע פָּשׁוּט'עֶ עֲבוֹדוֹת. "כִּי עִקַּר הַיַּהֲדוּת הוּא בִּפְשִׁיטוּת וּבִתְמִימוּת גָּמוּר בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת", וַוייל דֶער עִיקָר אִידִישְׁקֵייט אִיז זִיךְ פִירְן פָּשׁוּט אָן קַיין חָכְמוֹת – וִוי אַ פָּשׁוּט'עֶר אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: "וִוי אַזוֹי הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶועֶן צוּ גוּטֶע קִינְדֶער? וַוייל יֶעדֶע נַאכְט בִּשְׁעַת אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט תִּיקּוּן חֲצוֹת הָאבּ אִיךְ גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער; אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעפִילְט אַ כּוֹס מִיט מַיינֶע טְרֶערְן אוּן גֶעבֶּעטְן פַאר גוּטֶע קִינְדֶער".

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן אוּנְז (תָּנָא דְּבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, פֶּרֶק יח): "מַעֲשֶׂה בְּכֹהֵן אֶחָד שֶׁהָיָה יְרֵא שָׁמַיִם בַּסֵּתֶר", עֶס אִיז גֶעוֶועֶן אַ כֹּהֵן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, "וְהָיוּ לוֹ עֲשָׂרָה בָּנִים מֵאִשָּׁה אַחַת, שִׁשָּׁה זְכָרִים וְאַרְבַּע נְקֵבוֹת", עֶר הָאט גֶעהַאט צֶען קִינְדֶער; זֶעקְס זֶעקְס זִין אוּן פִיר טֶעכְטֶער, "וּבְכָל יוֹם וָיוֹם הָיָה מִתְפַּלֵּל וּמִשְׁתַּטֵּחַ וּמִתְחַנֵּן וּמְבַקֵּשׁ רַחֲמִים וּמְלַחֵךְ בִּלְשׁוֹנוֹ עָפָר, כְּדֵי שֶׁלֹּא יֵצֵא אֶחָד מֵהֶן לִידֵי עֲבֵירָה וְלִידֵי דָּבָר מְכֹעָר", עֶר פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, "מַה הָיָה עוֹשֶׂה? בְּכָל יוֹם וָיוֹם הָיָה מַכְנִיסָן לְבֵית פְּנִימִי, וְיֹשֵׁב וּמְשַׁמְּרָן בְּבֵית הַחִיצוֹן, וּמִתְפַּלֵּל וּמִשְׁתַּטֵּחַ וּמְבַקֵּשׁ רַחֲמִים וּמְלַחֵךְ בִּלְשׁוֹנוֹ עָפָר כְּדֵי שֶׁלֹּא יְהֵא אֶחָד מֵהֶן בָּא לִידֵי עֲבֵרָה וְלִידֵי דָּבָר מְכֹעָר", עֶר פְלֶעגְט אַכְטוּנְג

גֶעבְּן אוֹיף זֵיי, עֶר הָאט זֵיי גֶעהַאלְטְן אִין שְׁטוּבּ זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט דְרֵייעֶן מִיט שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים און עֶר פְלֶעגְט זַיין אִינְדְרוֹיסְן אוּן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן; עֶס אִיז נִישְׁט אַרִיבֶּער אַ פָּאר יָאר - פַארְצֵיילְט אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא - בִּיז דֶער כֹּהֵן אִיז אַרוֹיף גֶעגַאנְגֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל צוּזַאמֶען מִיט עֶזְרָא הַסּוֹפֵר און עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זֶען אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער מְשַׁמֵּשׁ זַיין אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אַלֶע זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן כֹּהֲנִים גְּדוֹלִים; אוֹיף אִים אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דֶער פָּסוּק וָואס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים לז, ג): "בְּטַח בַּה' וַעֲשֵׂה טוֹב" וְגוֹ'; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אוֹיבּ וִויל מֶען הָאבְּן נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער דַארְף מֶען אַסַאךְ מִתְפַּלֵּל זַיין אוֹיף דֶעם, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה דֶערְצוּ.

"אַתָּה הוּא יְיָ אֱלֹהֵינוּ עַד שֶׁלֹּא בָּרָאתָ הָעוֹלָם, וְאַתָּה הוּא אֱלֹהֵינוּ מִשֶּׁבָּרָאתָ הָעוֹלָם, וּמֵעוֹלָם וְעַד עוֹלָם אַתָּה אֵל, וּבָרָאתָ עוֹלָמְךָ בִּגְין לְאִשְׁתְּמוֹדַע אֱלָהוּתָךְ בְּאֶמְצָעוּת תּוֹרָתְךָ הַקְּדוֹשָׁה, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, בְּרֵאשִׁית – בִּשְׁבִיל תּוֹרָה וּבִשְׁבִיל יִשְׂרָאֵל, כִּי הֵם עַמְּךָ וְנַחֲלָתְךָ אֲשֶׁר בָּחַרְתָּ בָּהֶם מִכָּל הָאֻמּוֹת, וְנָתַתָּ לָהֶם תּוֹרָתְךָ הַקְּדוֹשָׁה, וְקֵרַבְתָּם לְשִׁמְךָ הַגָּדוֹל. וְעַל קִיּוּם הָעוֹלָם וְעַל קִיּוּם הַתּוֹרָה בָּאוּ לָנוּ מִמְּךָ יְיָ אֱלֹהֵינוּ שְׁנֵי צִוּוּיִים: כָּתַבְתָּ בְּתוֹרָתְךָ פְּרוּ וּרְבוּ, וְכָתַבְתָּ בְּתוֹרָתְךָ וְלִמַּדְתֶּם אֹתָם אֶת בְּנֵיכֶם, וְהַכַּוָּנָה בִּשְׁתֵּיהֶן אֶחָת, כִּי לֹא לְתֹהוּ בָּרָאתָ כִּי אִם לָשֶׁבֶת, וְלִכְבוֹדְךָ בָּרָאתָ יָצַרְתָּ אַף עָשִׂיתָ, כְּדֵי שֶׁנִּהְיֶה אֲנַחְנוּ וְצֶאֱצָאֵינוּ וְצֶאֱצָאֵי כָּל עַמְּךָ בֵּית יִשְׂרָאֵל יוֹדְעֵי שְׁמֶךָ וְלוֹמְדֵי תוֹרָתֶךָ.

וּבְכֵן אָבוֹא אֵלֶיךָ יְיָ מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים, וְאַפִּיל תְּחִנָּתִי, וְעֵינַי לְךָ תְּלוּיוֹת עַד שֶׁתְּחָנֵּנִי וְתִשְׁמַע תְּפִלָּתִי לְהַזְמִין לִי בָּנִים וּבָנוֹת, וְגַם הֵם יִפְרוּ וְיִרְבּוּ הֵם וּבְנֵיהֶם וּבְנֵי בְנֵיהֶם עַד סוֹף כָּל הַדּוֹרוֹת לְתַכְלִית שֶׁהֵם וַאֲנִי כֻּלָּנוּ יַעַסְקוּ בְּתוֹרָתְךָ הַקְּדוֹשָׁה לִלְמֹד וּלְלַמֵּד לִשְׁמֹר וְלַעֲשׂוֹת וּלְקַיֵּם אֶת כָּל דִּבְרֵי תַלְמוּד תּוֹרָתְךָ בְּאַהֲבָה, וְהָאֵר עֵינֵינוּ בְּתוֹרָתֶךָ וְדַבֵּק לִבֵּנוּ בְּמִצְוֹתֶיךָ לְאַהֲבָה וּלְיִרְאָה אֶת שְׁמֶךָ.

אָבִינוּ אָב הָרַחֲמָן, תֵּן לְכֻלָּנוּ חַיִּים אֲרוּכִים וּבְרוּכִים, מִי כָמוֹךָ אַב

הָרַחֲמִים זוֹכֵר יְצוּרָיו לְחַיִּים בְּרַחֲמִים, זָכְרֵנוּ לְחַיִּים נִצְחִיִּים, כְּמוֹ שֶׁהִתְפַּלֵּל אַבְרָהָם אָבִינוּ לוּ יִחְיֶה לְפָנֶיךָ, וּפֵרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, בְּיִרְאָתֶךָ. כִּי עַל כֵּן בָּאתִי לְבַקֵּשׁ וּלְחַנֵּן מִלְּפָנֶיךָ שֶׁיְּהֵא זַרְעִי וְזֶרַע זַרְעִי עַד עוֹלָם זֶרַע כָּשֵׁר, וְאַל יִמָּצֵא בִי וּבְזַרְעִי וּבְזֶרַע זַרְעִי עַד עוֹלָם שׁוּם פְּסוּל וָשֶׁמֶץ, אַךְ שָׁלוֹם וֶאֱמֶת וְטוֹב וְיָשָׁר בְּעֵינֵי אֱלֹהִים וּבְעֵינֵי אָדָם, וְיִהְיוּ בַּעֲלֵי תוֹרָה, מָארֵי מִקְרָא, מָארֵי מִשְׁנָה, מָארֵי תַלְמוּד, מָארֵי רָזָא, מָארֵי מִצְוָה, מָארֵי גוֹמְלֵי חֲסָדִים, מָארֵי מִדּוֹת תְּרוּמִיּוֹת, וְיַעַבְדוּךָ בְּאַהֲבָה וּבְיִרְאָה פְּנִימִית, לֹא יִרְאָה חִיצוֹנִית, וְתֵן לְכָל גְּוִיָּה וּגְוִיָּה מֵהֶם דֵּי מַחְסוֹרָהּ בְּכָבוֹד, וְתֵן לָהֶם בְּרִיאוּת וְכָבוֹד וָכֹחַ, וְתֵן לָהֶם קוֹמָה וְיֹפִי וְחֵן וָחֶסֶד, וְיִהְיֶה אַהֲבָה וְאַחֲוָה וְשָׁלוֹם בֵּינֵיהֶם, וְתַזְמִין לָהֶם זִוּוּגִים הֲגוּנִים מִזֶּרַע תַּלְמִידֵי חֲכָמִים מִזֶּרַע צַדִּיקִים, וְגַם זִוּוּגָם יִהְיוּ כְּמוֹתָם כְּכָל אֲשֶׁר הִתְפַּלַּלְתִּי עֲלֵיהֶם, כִּי זִכָּרוֹן אֶחָד עוֹלֶה לְכָאן וּלְכָאן.

אַתָּה יְיָ יוֹדֵעַ כָּל תַּעֲלוּמוֹת, וּלְפָנֶיךָ נִגְלוּ מַצְפּוּנֵי לִבִּי, כִּי כַוָּנָתִי בְּכָל אֵלֶּה לְמַעַן שִׁמְךָ הַגָּדוֹל וְהַקָּדוֹשׁ וּלְמַעַן תּוֹרָתְךָ הַקְּדוֹשָׁה, עַל כֵּן עֲנֵנִי יְיָ עֲנֵנִי בַּעֲבוּר הָאָבוֹת הַקְּדוֹשִׁים אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב, וּבִגְלָלָם תּוֹשִׁיעַ בָּנִים לִהְיוֹת הָעֲנָפִים דּוֹמִים לְשָׁרְשָׁם, וּבַעֲבוּר דָּוִד עַבְדֶּךָ רֶגֶל רְבִיעִי בַּמֶּרְכָּבָה, הַמְשׁוֹרֵר בְּרוּחַ קָדְשֶׁךָ.

שִׁיר הַמַּעֲלוֹת, אַשְׁרֵי כָּל יְרֵא יְיָ הַהֹלֵךְ בִּדְרָכָיו: יְגִיעַ כַּפֶּיךָ כִּי תֹאכֵל אַשְׁרֶיךָ וְטוֹב לָךְ: אֶשְׁתְּךָ כְּגֶפֶן פֹּרִיָּה בְּיַרְכְּתֵי בֵיתֶךָ, בָּנֶיךָ כִּשְׁתִלֵי זֵיתִים סָבִיב לְשֻׁלְחָנֶךָ: הִנֵּה כִי כֵן יְבֹרַךְ גָּבֶר יְרֵא יְיָ: יְבָרֶכְךָ יְיָ מִצִּיּוֹן, וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלָיִם, כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ: וּרְאֵה בָנִים לְבָנֶיךָ, שָׁלוֹם עַל יִשְׂרָאֵל.

אָנָּא יְיָ שׁוֹמֵעַ תְּפִלָּה, יְקֻיַּם בָּנוּ הַפָּסוּק, וַאֲנִי זֹאת בְּרִיתִי אוֹתָם אָמַר יְיָ, רוּחִי אֲשֶׁר עָלֶיךָ וּדְבָרַי אֲשֶׁר שַׂמְתִּי בְּפִיךָ, לֹא יָמוּשׁוּ מִפִּיךָ וּמִפִּי זַרְעֲךָ וּמִפִּי זֶרַע זַרְעֲךָ אָמַר יְיָ מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם: יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ יְיָ צוּרִי וְגֹאֲלִי".

מִיר זֶענֶען גֶעפָאְרן קַיין טְבֶרְיָ', הָאַבְרֵךְ חַיִּים מֵאִיר עֶרְפְּס נֵרוֹ יָאִיר הָאט מִיךְ אַרוּם גֶעטְרָאגְן. קוֹדֶם זֶענֶען מִיר גֶעפָאְרן צוּם הֵיילִיגְן תַּנָא רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס, אִיךְ הָאבּ זִיךְ דָארְט מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען, אוֹיךְ גֶעצִינְדְן אַ לִיכְט מִיט שֶׁמֶן לְעִלּוּי נִשְׁמַת רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס. אוֹיךְ גֶעדַאוֶונְט מִנְחָה.

פוּן דָארְט זֶענֶען מִיר גֶעפָאְרן צוּם צִיּוּן הָרַמְבַּ"ם, אוּן צוּם צִיּוּן הַשְּׁלָ"ה הַקָּדוֹשׁ אוּן נָאךְ צַדִּיקִים. בַּיים צִיּוּן הַשְּׁלָ"ה הָאבְּן מִיר גֶעזָאגְט דִי תְּפִילַּת הַשְּׁלָ"ה, פוּן דָארְט זֶענֶען מִיר גֶעפָאְרן צוּם קֶבֶר רֶבִּי עֲקִיבָא, נָאכְדֶעם צוּ קֶבֶר רֶבִּי חִיָּיא וּבָנָיו. פוּן דָארְט זֶענֶען מִיר גֶעפָאְרן קַיין יְרוּשָׁלַיִם.

## פַארְוָואס זָאלְן דִי קִינְדֶער זַיין גוּט, אַז אִיךְ בִּין אַ גָארְנִישְׁט?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיוו.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַ שְׁטִיק צַייט צוּרִיק אַז אִיךְ זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן יֶעדְן טָאג דִי תְּפִילַּת הַשְּׁלָ"ה אוּן אוֹיךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אִידִישׁ.

עֶס פִילְט זִיךְ אָבֶּער אַבִּיסְל מָאדְנֶע, אִיךְ אַלֵיין בִּין נִישְׁט דֶער גְרוֹיסֶער צַדִּיק, וְוִי אַזוֹי קֶען אִיךְ עֶרְוַוארְטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל מַאכְן מַיינֶע קִינְדֶער עֶרְלִיךְ וֶוען אִיךְ הַאלְט בַּיי גָארְנִישְׁט?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ו מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶרְשְׁטְנְס - קְלַאפּ זִיךְ נִישְׁט; דָאס אַז דוּ ווִילְסְט עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, דוּ זָאגְסְט דִי תְּפִילַּת הַשְּׁלָ"ה אוּן דוּ בִּיסְט מִתְפַּלֵּל אוֹיף אִידִישׁ פַאר גוּטֶע קִינְדֶער - דָאס ווַייזְט אַז דוּ בִּיסְט יָא גוּט אוּן דוּ ווִילְסְט זַיין גוּט, מַאךְ זִיךְ נִישְׁט אַוֶועק.

מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעשְׁרִיבְּן קָרוֹב צוּ הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט בְּרִיוו, אִין יֶעדֶע בְּרִיוו וָואס מוֹהֲרָא"ש שְׁרַייבְּט עֵצוֹת אוּן סְגוּלוֹת פַאר גוּטֶע עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער - קוּמְט מוֹהֲרָא"ש אַלְץ צוּרִיק אַז דִי שְׁלִיסְל אִיז תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת.

מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט, וֶוען דִי הֵיילִיגֶע צְוֵויי בְּרִידֶער, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר׳ אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר׳ זוּשָׁא זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען גָלוּת לַיידְן, הָאבְּן זֵיי גֶעטְרָאפְן אִין אֵיינֶע פוּן דִי דֶערְפֶער אַ קִינְד, זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אוֹיף דֶעם קִינְד אַז עֶר הָאט אַ הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה, זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אַ שְׁטַארְקֶע לִיכְטִיגְקֵייט רוּט אוֹיף אִים, זֵיי הָאבְּן גֶעפְרֶעגְט דֶעם קִינְד וואו עֶר וואוֹינְט, זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט זֶען דֶעם טַאטְן, אִים נָאכְקוּקְן וִוי אַזוֹי עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אַרָאפּ צוּ בְּרֶענְגֶען אַזַא הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה, זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען דֶעם אִיד, אַ פָּשׁוּט׳עֶר אִיד וָואס דַאוֶוענְט דְרַיי מָאל אַ טָאג דִי דְרַיי תְּפִלּוֹת מִיט מִנְיָן, אוּן לֶערְנְט שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, זֵיי הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט וִוי קוּמְט צוּ אַזַא פָּשׁוּט׳עֶר אִיד אַזַא הֵיילִיג קִינְד.

זֵיי הָאבְּן גֶעפְרֶעגְט אוּן גֶעפְרֶעגְט, בִּיז דִי וַוייבּ הָאט גֶעזֶען וִוי זֵיי עַקְשְׁנ׳עֶן זִיךְ, הָאט זִי גֶעזָאגְט אַז יֶעדְן שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי בַּיי דִי זְמִירוֹת, בַּיי בָּרוּךְ הַשֵּׁם יוֹם יוֹם וֶוען אִיר מַאן קוּמְט אָן צוּ דִי וֶוערְטֶער: **"וְזַכֵּנוּ לִרְאוֹת בָּנִים וּבְנֵי בָנִים עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה וּבַמִּצְוֹת"** - וֵויינְט עֶר, עֶס רִינְט אִים טְרֶערְן פוּן דִי אוֹיגְן, עֶר זָאגְט אִיבֶּער דִי וֶוערְטֶער אָן אַ שִׁיעוּר מָאל, בִּיז עֶר פַאלְט פוּן דִי כֹּחוֹת, אַזוֹי חַזֶר׳ט זִיךְ אִיבֶּער יֶעדְן שַׁבָּת; הָאבְּן דִי צְוֵויי הֵיילִיגֶע בְּרִידֶער גֶעזָאגְט, יֶעצְט פַארְשְׁטֵייעֶן זֵיי וִוי קוּמְט אַזַא הֵיילִיג קִינְד צוּ אַזֶעלְכֶע פָּשׁוּטְ׳עֶ עֶלְטֶערְן, דוּרְךְ תְּפִלָּה; דֶער קִינְד אִיז אוֹיסְגֶעוַואקְסְן דֶער צַדִיק רֶבִּי דָוִד לֶעלוֹבֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# ב׳ סִיוָן - יָארְצַייט פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אִיךְ בֶּעט דִיר, קוּק גוּט אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער, נָאר אַזוֹי וֶועלְן זֵיי דִיךְ אוֹיסְהֶערְן.

מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט פוּנֶעם אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז

ווען ער האט זיך אריין געצויגן קיין מאַרמאַראָש וואו עס האבן געוואוינט אידישע קינדער וואס זענען געווען זייער ווייט פונעם דרך התורה והמצוות, האט מען אים געפרעגט: "ווי אזוי וועט דער רבי קענען פועל'ן ביי די מאַרמאַראָשע אידן זיי זאלן תשובה טון, זיי זאלן זיך פירן אזוי ווי עס דארף צו זיין?" האט זיי דער אהבת ישראל געענטפערט: "איך וועל זיי אזוי ליב האבן, ביז זיי וועלן פאלגן וואס איך לערן זיי און וואס איך פארלאנג פון זיי"; זעט מען אז מיט ליבשאפט קען מען אלעס פועל'ן.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (סנהדרין קז:): "לעולם תהא שמאל דוחה, וימין מקרבת"; ווען עס קומט מחנך צו זיין קינדער אדער תלמידים, אפילו מען דארף אמאל זאגן מוסר - דארף דאס זיין מיט ליבשאפט, מיט די רעכטע האנט דארף מען זיי מחזק זיין, מען דארף געבן מער חיזוק און מער ליבשאפט, ווי אוועקשטופן.

זיי פרייליך, זיי שטארק; שטארק זיך און שטארק דיין ווייב. געדענק, די גאנצע געלט - זאגט דער רבי - קומט בזכות די ווייב (לקוטי מוהר"ן חלק א', סימן סט); דארפסטו פרייליך מאכן אין שטוב, העלפן און בארואיגן.

געדענקסט אוודאי וואס מוהרא"ש פלעגט זאגן פונעם היילגן צדיק דער אהבת ישראל זכותו יגן עלינו: "מען ציפט זיך אויס די באקן, מען וואשט אפ די פנים, אלע מיינען אז עס גייט גוט"; מען קען נישט חלומ'ען אז דא איז דא א צעבראכענע הערצעלע, וד"ל.

## ב' סיון - יארצייט פונעם היילגן מונקאטשער רב זכותו יגן עלינו

דער מונקאטשער רב - דער היילגער מנחת אלעזר זכותו יגן עלינו ברענגט א מורא'דיגע זאך (דברי תורה, מהדורא רביעאה, סימן מד) אז די אלע עלטערן וואס האבן געדינט דעם אייבערשטן באהאלטענערהייט און זיי האבן נישט געזען אז די

קינדער זאָלן אויך וויסן פון זייער עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, איז גאַרנישט געבליבן פון זייערע קינדער, אָבער די וואס האָבן זיך אַראָפּ געלאָזט צו די קינדער, און מְחַנֵּךְ געווען די קינדער, און אַוועקגעגעבן צייט פאַר די קינדער, זיי האָבן געהאט עֶרְלִיכֶע אידישע דורות יְרֵאִים וּשְׁלֵמִים, און ער טייטשט אויס דעם פָּסוּק (דְּבָרִים כט, כט): "הַנִּסְתָּרֹת לַה׳ אֱלֹקֵינוּ, וְהַנִּגְלֹת לָנוּ וּלְבָנֵינוּ עַד עוֹלָם, לַעֲשׂוֹת אֶת כָּל דִּבְרֵי הַתּוֹרָה הַזֹּאת"; הַנִּסְתָּרֹת - די אַלע וואס דינען דעם אייבערשטן באַהאַלטן, איז 'לַה׳ אֱלֹקֵינוּ', אָבער 'וְהַנִּגְלֹת' - די וואס דינען דעם אייבערשטן אָפענערהייט, דאָס גייט אַריבער 'לָנוּ וּלְבָנֵינוּ עַד עוֹלָם'.

בנוגע וואס איר שרייבט אַז יעדעס מאָל איר ליינט אַ צייטונג גייט אַריין אין אייך שרעק און פְּחָדִים וְכוּ'; דאָס איז נישט נאָר בײַ אייך, דאָס איז בײַ אַלעמען אַזוי. דער הייליגער מִנְחַת אֶלְעָזָר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דער מונקאַטשער רב זאָגט: "דאָס וואס מיר האָבן אין די תּוֹכֵחָה (וַיִּקְרָא כו, לו): "וְרָדַף אֹתָם קוֹל עָלֶה נִדָּף", דאָס גייט אַרויף אויפן צייטונג. ווער עס ליינט צייטונגען ווערט געטרודפ'ט פון דעם, זיי דערשרעקן יעדן איינעם מיט זייער נייעס, דער צייטונג איז דער "עָלֶה נִדָּף" - אַ פאַרשטינקענעם בלאַט; דעריבער וואס פעלט אייך אויס אַריין צו ברענגען אין שטוב צייטונגען, בעסער נעמט מַעֲשֶׂה ביכלעך פון צַדִּיקִים, ליינט דאָס פאַר אייער קינדער, ענדערש ווי אַריין צו ברענגען צייטונגען אין שטוב.

דער הייליגער מִנְחַת אֶלְעָזָר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ ברענגט אין זיין סֵפֶר דִּבְרֵי תּוֹרָה (חֵלֶק ו', סִימָן מז) אויף דעם וואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זאָגן (בְּרָכוֹת יז.) אַז רַבִּי יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי פלעגט באַגריסן יעדן מענטש, אֲפִילוּ אַ גוֹי; זאָגט ער, אַז היינט איז עס נישט שייך, ווייל אויב מיר וועלן זיך אָפּשטעלן שמועסן מיט יעדן מענטש, אֲפִילוּ נאָר אים צו באַגריסן, וועלן מיר נישט אָנקומען אין שול, עַיֵּין שָׁם.

ווען אַ מענטש קומט זיך דורכשמועסן זיינע עִנְיָנִים, טראַכט ער נישט 'אֶפְשָׁר זענען שוין היינט געקומען צענדליגער מענטשן פאַר מיר, אֶפְשָׁר האָט דער איד נאָך נישט געגעסן, אֶפְשָׁר האָט דער איד נאָך נישט געהאט צייט צו רעדן איין

וָוארְט מִיט זַיין וַוייבּ און קִינְדֶער׳, וַוייל דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַ פְּרָאבְּלֶעם, און עֶר מֵיינְט אַז חוּץ פון זַיין פְּרָאבְּלֶעם אִיז גָארְנִישְׁט דָא. דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר, זַיי מִיר דָן לְכַף זְכוּת, וַוייל עֶס קוּמְט נִישְׁט פון לַייכְטְזִינִיקֵייט.

דוּרְכְאוֹיס אַלֶע דוֹרוֹת הָאבְּן זִיךְ דִי אִידִישֶׁע מַאמֶעס גֶעפִּירְט צוּ אַיינְוִויגְן דִי קִינְדֶער מִיט שֵׁיינֶע וַוארֶעמֶע נִיגוּנִים, נִיגוּנִים וָואס אַ קִינְד הֶערְט פון דִי מַאמֶע הָאט אַזַא שְׁטַארְקֶע כֹּחַ אוֹיפְן קִינְד אַז דָאס בַּאגְלֵייט זֵיי אַ גַאנְץ לֶעבְּן. אַזוֹי וְוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן אוֹיף רַבִּי חֲנִינָא (חוּלִין כד:) אַז בַּיי דִי אַכְצִיג יָאר הָאט עֶר נָאךְ גֶעהַאט כֹּחַ צוּ שְׁטֵיין אוֹיף אֵיין פוּס און אָנְטוּן דִי שִׁיךְ און אוֹיסְטוּן דִי שִׁיךְ פון דִי אַנְדֶערֶע פוּס, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: ״חַמִּין וְשֶׁמֶן שֶׁסַּכְתַּנִי אִמִּי בְּיַלְדוּתִי הֵן עָמְדוּ לִי בְּעֵת זִקְנוּתִי״, דִי וַוארֶעמֶע וַואסֶער און דִי אוֹיל וָואס מַיין מַאמֶע הָאט מִיר גֶעשְׁמִירְט און גֶעוַואשְׁן אִין מַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן דָאס הֶעלְפְט מִיר אִין דִי עֶלְטֶערֶע יָארְן; זָאגְט אוֹיף דֶעם דֶער הֵיילִיגֶער מִנְחַת אֶלְעָזָר (דִּבְרֵי תּוֹרָה חֵלֶק ט, סִימָן נג) אַז דָאס מֵיינְט נִישְׁט בִּפְשְׁטוּת וַוארֶעמֶע וַואסֶער מִיט אוֹיל, נָאר דָאס מֵיינְט מֶען דִי וַוארֶעמְקֵייט פון זַיין מַאמֶע, און דִי אוֹיל - דָאס אִיז דִי חָכְמָה פון זַיין מַאמֶע - דָאס הָאט אִים גֶעהָאלְפְן; אַז אַ מַאמֶע לֵייגְט אַרַיין וַוארֶעמְקֵייט אִין מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים הֶעלְפְט דָאס מֶען זָאל אַ גַאנְץ לֶעבְּן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (שָׁם): ״דְּהָא קֻדְשָׁא דִּלְעֵילָּא, לָא שַׁרְיָא בַּאֲתַר פְּגִים״, אוֹיבּ מֶען הָאט אַ מוּם - רוּט נִישְׁט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער. עֶס אִיז דָא אִין דֶעם זוֹהַר אַן אֲרִיכוּת פון הֵיילִיגְן מִנְחַת אֶלְעָזָר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (דִּבְרֵי תּוֹרָה מֵהַדוּרָא תִּנְיָינָא, סִימָן נד), וָואס עֶר פְרֶעגְט, מִיר וֵוייסְן דָאךְ פון אַזוֹיפִיל צַדִיקִים וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען פֶּעלֶערְדִיג, דָאךְ זֶענֶען זֵיי גֶעוֶוען בַּעֲלֵי רוּחַ הַקוֹדֶשׁ; דַאכְט זִיךְ מִיר עֶר בְּלַייבְּט בַּיי דִי קַשְׁיָא.

אוּלַי יֵשׁ לוֹמַר, אֲתַר פְּגִים, דָאס מֵיינְט מֶען אוֹיף דִי אֱמוּנָה, וָואס דָאס גֵייט בַּיים הֲמוֹן עַם מִיטְן גוּף; אַז מֶען הָאט אַ פֶעלֶער אִיז מֶען נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ אַרָאפּ אַ שְׁטַאפֶּל, צְוֵוייט קְלַאסִיג; מֶען הָאט טַעֲנוֹת און קֻשְׁיוֹת אוֹיף

די אֱמוּנָה. אַנְדֶערְשׁ אִיז בַּיי דִי צַדִּיקִים קְדוֹשִׁים, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען שְׁטֶענְדִיג בְּשִׂמְחָה, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אֲתָר פְּגָם, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען גַאנְץ מִיט דִי אֱמוּנָה.

עֶס אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם זִיךְ שַׁיין צוּ מַאכְן לְכָבוֹד שַׁבָּת; אַדְרַבָּה, עֶס אִיז אַ מִנְהָג בַּיי אַסַאךְ מְקוֹמוֹת זִיךְ אָנְצוּטוּן סְפֶּעצְיֶעלֶע מַלְבּוּשִׁים בְּשָׁעַת מֶען צִינְדְט דִי לִיכְט. עֶס זֶענֶען דָא וָואס זֶענֶען מַקְפִּיד אָנְצוּטוּן אַ טִיכְל מִיט אַ שִׁירְצְל וֶוען מֶען גֵייט צִינְדְן דִי שַׁבָּת לִיכְט. מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט בְּשֵׁם דֶעם הֵיילִיגְן מִנְחַת אֶלְעָזָר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַ רֶמֶז אוֹיף דֶעם, "נֵר" אִיז בְּגִמַטְרִיָּא "צָעִיף" (לִיכְט בַּאטְרֶעפְט אַזוֹי וִוי טִיכְל), אוּן צָעִי"ף אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: עַ'מְּךָ יִ'שְׂרָאֵל צְ'רִיכִים פַּ'רְנָסָה, אִידִישֶׁע קִינְדֶער דַארְפְן פַּרְנָסָה. אִיז דָא וָואס בְּשָׁעַת מֶען צִינְדְט דִי שַׁבָּת לִיכְט טוּעֶן זֵיי אָן אַ טִיכְל כְּדַאי מַמְשִׁיךְ צוּ זַיין פַּרְנָסָה פַאר דִי גַאנְצֶע וָואךְ (עַיֵּין דִבְרֵי תּוֹרָה חֵלֶק ו', סִימָן סח).

## חַג הַשָּׁבוּעוֹת

דִי וָואךְ קוּמְט דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת. גֶעבְּט אַכְטוּנְג נִישְׁט אַרַיינְצֶעמֶען דֶעם יוֹם טוֹב מִיט נֶערְוֶוען, אוּן נַארִישְׁקֵייטְן; דֶער עִיקָר אִיז אַרַיינְצֶעמֶען יוֹם טוֹב מִיט שִׂמְחָה. גָארְנִישְׁט דַארְף זַיין, נָאר אֵיין זַאךְ, מֶען דַארְף זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן אִיבֶּערְגֶעגֶעבְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ב): "וְדַרְכִּי", אִיךְ פִיר זִיךְ, "כְּשֶׁבָּא הַיּוֹם", וֶוען עֶס קוּמְט אַ נֵייעֶם טָאג, "אֲנִי מוֹסֵר כָּל הַתְּנוּעוֹת שֶׁלִּי", גֶעבּ אִיךְ אִיבֶּער דֶעם גַאנְצְן טָאג פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְשֶׁל בָּנַי, וְהַתְּלוּיִים בִּי, עַל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", אִיךְ גֶעבּ אִיבֶּער פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע מַיינֶע קִינְדֶער אוּן אַלֶע וָואס זֶענֶען אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין מִיר, "שֶׁיִּהְיֶה הַכֹּל כִּרְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ", אַז אַלֶעס זָאל זַיין אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל, "וְזֶה טוֹב מְאֹד", אוּן דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גוּטֶע זַאךְ, וַוייל אַזוֹי קֶען מֶען זַיין רוּאִיג אַז

אַלֶעס וָואס פּירְט זִיךְ, אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט – אִיז אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל.

"וְכֵן כְּשֶׁמַּגִּיעַ שַׁבָּת אוֹ יוֹם טוֹב", אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען עֶס קוּמְט שַׁבָּת אָדֶער יוֹם טוֹב, "אֲזַי אֲנִי מוֹסֵר כָּל הַהִתְנַהֲגוּת וְכָל הָעִנְיָנִים וְהַתְּנוּעוֹת שֶׁל אוֹתוֹ הַשַּׁבָּת אוֹ הַיּוֹם טוֹב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, שֶׁיִּהְיֶה הַכֹּל כִּרְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ", גֶעבּ אִיךְ זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּער פַּארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וַאֲזַי, אֵיךְ שֶׁמִּתְנַהֵג בְּאוֹתוֹ הַשַּׁבָּת וְיוֹם טוֹב, שׁוּב אֵינוֹ חוֹשֵׁב וְחוֹשֵׁשׁ כְּלָל שֶׁמָּא לֹא יָצָא יְדֵי חוֹבָה בְּהַנְהָגַת קְדֻשַּׁת אוֹתוֹ הַיּוֹם, מֵאַחַר שֶׁכְּבָר מָסַר הַכֹּל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְסָמַךְ עָלָיו יִתְבָּרַךְ לְבַד". אַזוֹי בִּין אִיךְ רוּאִיג אוּן פְרֵיילִיךְ פוּנֶעם שַׁבָּת אוּן פוּנֶעם יוֹם טוֹב, אִיךְ דַארְף נִישְׁט אִיבֶּערְטְרַאכְטְן אוּן אִיבֶּערְקְלֶערְן צִי אִיךְ הָאבּ גוּט גֶעטוּן אָדֶער נִישְׁט.

---

בְּנוֹגֵעַ וָואס דוּ פְרֶעגְסְט וִוי אַזוֹי דוּ קֶענְסְט הָאבְּן אַ גֶעשְׁמַאקֶע יוֹם טוֹב; נוּץ דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת. בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע יוֹם טוֹב, בֶּעט אִים דוּ זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ, עֶס זָאל דִיר גָארְנִישְׁט בַּאדֶערְן אוּן עֶס זָאל דִיר גָארְנִישְׁט אָנְגֵיין. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ אוּן עֶר הֶערְט נִישְׁט אוֹיף דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע פְּרַט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט אִים, פַאלְן מִמֵּילָא אַוֶועק אַלֶע פְּרָאבְלֶעמֶען אוּן אַלֶע וֵוייטָאגְן וְכוּ'.

---

אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ בַּיי מִיר, אַז בַּיי יֶעדֶע סְעוּדָה – סַיי שַׁבָּת אוּן סַיי יוֹם טוֹב, זָאגְן אַלֶע קִינְדֶער אַ מַעֲשֶׂה וָואס זֵיי גֶעדֶענְקֶען וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי גֶעהָאלְפְן. דִי קִינְדֶער הָאבְּן זֵייעֶר הֲנָאָה אוּן וַוארְטְן צוּ דֶערְצֵיילְן זֵייעֶר מַעֲשֶׂה, וַוייל יֶעדֶעס קִינְד זָאגְט עֶפֶּעס, נִישְׁט נָאר דִי וָואס זֶענֶען גֶעוֶוענְלִיךְ דִי רָאשׁ הַמְדַבְּרִים. אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען עֶס קוּמֶען גֶעסְט זָאגְט יֶעדֶער אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה.

---

גְרֵייט זִיךְ אָן שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת צוּ פַארְצֵיילְן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער; קִינְדֶער דַארְפְן נִישְׁט קַיין תּוֹרוֹת, קִינְדֶער דַארְפְן מַעֲשִׂיּוֹת, אוּן אוֹיבּ מֶען ווִיל הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע שַׁבָּת טִישׁ, אַ שֵׁיינֶע יוֹם טוֹב טִישׁ - דַארְף מֶען זִיךְ אָנְגְרֵייטְן שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים, ווַייל דָאס הַאלְט דִי קִינְדֶער רוּאִיג אוּן גֶעלַאסְן.

דִי וָואס הָאבְּן אַ שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער זָאלְן ווִיסְן אַז דִי שְׁטוּבּ, דִי סְעוּדוֹת שַׁבָּת וְיוֹם טוֹב - דַארְף זַיין אֵיין שְׁטִיק שִׂמְחָה, אֵיין שְׁטִיק גֶעשְׁמַאק, נָאר אַזוֹי קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין דִי קִינְדֶער זָאלְן ווַייטֶער גֵיין אוֹיף דֶּער ווֶועג פוּן דֶּער תּוֹרָה, ווַייל אַז קִינְדֶער זֶעעֶן ווִי מֶען ווֵיינְט, מֶען שְׁרֵייט, מֶען קְרִיגְט זִיךְ, טַאטֶע מַאמֶע קוּקְן זִיךְ נִישְׁט אִין דִי אוֹיגְן, יֶעדֶער הָאט אַנְדֶערֶע טַעֲנוֹת - ווִילְן דִי קִינְדֶער נָאר אַנְטְלוֹיפְן.

## דָאס עֶסְן פוּן יוֹם טוֹב אִיז אוֹיךְ אַזוֹי הֵיילִיג ווִי אֲכִילַת שַׁבָּת קוֹדֶשׁ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אַז דָאס עֶסְן פוּן שַׁבָּת אִיז כֻּלּוֹ אֱלֹקוּת כֻּלּוֹ קוֹדֶשׁ, ווִיל אִיךְ ווִיסְן אוֹיבּ דָאס גֵייט אוֹיךְ אַרוֹיף אוֹיף דִי עֶסְן פוּן יוֹם טוֹב אָדֶער אִיז דָאס נָאר פוּן שַׁבָּת?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ח אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן יז): "אֲכִילַת שַׁבָּת הִיא כָּל כֻּלּוֹ קֹדֶשׁ", - דָאס אִיז אוֹיךְ אוֹיף דִי סְעוּדוֹת פוּן יוֹם טוֹב; אַזוֹי ווִי רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת יוֹם טוֹב ב, ב): "כִּי אֲכִילַת יִשְׂרָאֵל, בִּפְרָט בְּשַׁבָּת וְיוֹם טוֹב, הוּא קֹדֶשׁ", דִי סְעוּדוֹת פוּן שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב אִיז הֵיילִיג; אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט רֶבִּי נָתָן אוֹיף דִי סְעוּדָה פוּן עֶרֶב

יוֹם הַכִּפּוּרִים (שָׁם הִלְכוֹת שַׁבָּת ז, נא): "כִּי הָאֲכִילָה שֶׁל עֶרֶב יוֹם כִּפּוּר שֶׁהוּא מִצְוָה זֶה בְּחִינַת אֲכִילַת שַׁבָּת קֹדֶשׁ", - אַז דָאס אִיז אוֹיךְ הֵיילִיג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן קֶענֶען פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, זַיין פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קלב): "אִם הוּא מְקֻשָּׁר לְהַצַּדִּיק", אוֹיב אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְקוּשָׁר צוּם צַדִיק, "יוּכַל לְהַרְגִּישׁ קְדֻשַּׁת יוֹם טוֹב", קֶען עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן דִי הֵיילִיגְקֵייט פוּן יוֹם טוֹב; מֶען הוֹיבְּט אָן פַארְשְׁטֵיין 'נִישְׁטָא גָארְנִישְׁט - נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, נִישְׁטָא "אִיךְ", "זִיךְ", "מִיךְ" - עֶס אִיז דָא דֶער בַּאשֶׁעפֶער; עֶר פִירְט אַלֶעס, עֶר מַאכְט אַלֶעס, עֶר טוּט אַלֶעס; נָאר צוּ אִים דַארְף מֶען זִיךְ וֶוענְדְן בְּעֵת צָרָה'.

**זַיי שְׁטַארְק מִיט דִי צְוֵויי זַאכְן, דַאוֶונֶען אוּן לֶערְנֶען**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נָשֹׂא א', ד' סִיוָן, מ"ח לָעֹמֶר, עֶרֶב חַג הַשָּׁבוּעוֹת, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

לְכָבוֹד דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת זָאלְסְטוּ זִיךְ מְקַבֵּל זַיין צְוֵויי זַאכְן:

אֵיינְס, גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶונֶען דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת.

צְוֵויי, לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, זַיי שְׁטַארְק מִיט דִי צְוֵויי זַאכְן, דַאוֶונֶען אוּן לֶערְנֶען. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רפז): "מַה יֵּשׁ לְהָאָדָם לַעֲשׂוֹת בְּזֶה הָעוֹלָם, אֵין צָרִיךְ כִּי אִם לְהִתְפַּלֵּל וְלִלְמֹד וּלְהִתְפַּלֵּל", וָואס דַארְף אַ אִיד טוּן אוֹיף דֶער וֶועלְט? נָאר דַאוֶונֶען, לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען.

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ זֵייעֶר צוּ דִיר, אִיךְ הָאבּ דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ.

עַל פִּי הָאֲרִיזַ"ל שֶׁערְט מֶען זִיךְ נִישְׁט אָפּ דִי הָאר בִּיז עֶרֶב שָׁבוּעוֹת (עַיֵין שַׁעֲרֵי תְּשׁוּבָה אוֹרַח חַיִים סִימָן תצג, סְעִיף קָטָן ח).

זַיי שְׁטַארְק צוּ קוּמֶען דַאוֶועןֶען צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת נָשֹׂא א', ג' סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זֶע צוּ דַאוֶוענֶען יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת מִיט תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ; שָׁבוּעוֹת אִיז אַ צַייט וָואס אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ קוּמֶען זִיךְ צוּזַאמֶען, מִיט דֶעם וֶוערְט מֶען נִיצוֹל פוּן דֶעם עוֹנֶשׁ פוּן עוֹלָם הַתֹּהוּ.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (פְּעוּלַת הַצַּדִיק, סִימָן תתמו) עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ רָב וָואס הָאט גֶעהַאט זַייעֶר אַ נָאנְטֶער חַבֵר אוּן זֵיי הָאבְּן מֶחֲמַת גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט אָפְּגֶעמַאכְט מִיט אַ 'תְּקִיעַת כַּף' אַז וֶוער עֶס וֶועט פְרִיעֶר נִסְתַּלֵק וֶוערְן וֶועט קוּמֶען דֶערְצֵיילְן פַאר'ן צְווֵייטְן וָואס עֶס טוּט זִיךְ אָפּ אוֹיבְן אִין הִימְל. דֶער רָב אִיז קוֹדֶם נִפְטַר גֶעוָוארְן אוּן עֶס אִיז אַרִיבֶּער צֶען יָאר וָואס דֶער חַבֵר הָאט גֶעוַוארְט אַז דֶער רָב זָאל אִים קוּמֶען דֶערְצֵיילְן וָואס עֶס טוּט זִיךְ אָפּ אוֹיבְן, אוּן דֶער רָב אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען. עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט וָואס דֶער חַבֵר הָאט שׁוֹין גֶעדַארְפְט אַוֶועק גֵייען פוּן דִי וֶועלְט הָאט עֶר גֶערוּפְן זַיין זוּן עֶר הָאט אִים דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה אוּן אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר גֶעבְּט אִים אִיבֶּער דִי 'תְּקִיעַת כַּף'.

עֶס אִיז אַרִיבֶּער נָאךְ צֶען יָאר אוּן דֶער רָב אִיז נָאךְ אַלְץ נִישְׁט גֶעקוּמֶען, אוּן עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט אַז דֶער זוּן הָאט שׁוֹין גֶעדַארְפְט נִפְטַר וֶוערְן הָאט עֶר גֶערוּפְן זַיין זוּן - אַן אֵיינִיקְל פוּנֶעם רָב'ס חַבֵר, אוּן אִים אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דֶעם 'תְּקִיעַת כַּף'.

נָאךְ אַכְט יָאר הָאט זִיךְ דֶער רָב בַּאווִיזְן צוּ דֶעם אֵיינִיקְל אוּן עֶר הָאט אִים דֶערְצֵיילְט אַזוֹי: גְלַייךְ וֶוען מֶען הָאט מִיךְ אַרַיין גֶעלֵייגְט אִין קֶבֶר הָאט זִיךְ מִיר גֶעדַאכְט אַז אִיךְ לֶעבּ נָאךְ, אַז אִיךְ בִּין גֶעזוּנְט אִין פְרִישׁ, אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶערֶעגְט: 'וָואס הֵייסְט מֶען נֶעמְט אַ גֶעזוּנְטֶער מֶענְטְשׁ אוּן מֶען בַּאעֶרְדִיגְט אִים?!' הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט וָואס מֶען קֶען דָא טוּן, הָאבּ אִיךְ אָפְּגֶעמַאכְט אַז

אִיךְ וֶועל אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן מַיין קֵבֶר אוּן אַהֵיים גֵיין. אוֹמֵר וְעוֹשֶׂה; אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּנֶעם קֵבֶר - אַלֶעס אִיז נָאר אַ חָלוֹם - אָבֶער אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעשֶׁעמְט אַהֵיים צוּ גֵיין מִיט תַּכְרִיכִים, הָאבּ אִיךְ גֶעוַוארְט בִּיז עֶס וֶועט וֶוערְן נַאכְט, דֶעמָאלְט וֶועל אִיךְ אַהֵיים גֵיין, אִין דִי טוּנְקֶל וֶועט קֵיינֶער זֶעט נִישְׁט. שְׁפֶּעטֶער הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט אָנְקוּמֶען אִינְמִיטְן דֶי נַאכְט בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ מִיט תַּכְרִיכִים, וַוייל דִי מִשְׁפָּחָה וֶועט שְׁטַארְבְּן פוּן שְׁרֶעק.

אַזוֹי טְרַאכְטְנְדִיג דַאכְט זִיךְ מִיר וִוי אִיךְ זֶע אַ פֶּעדְלֶער גֵייט אַרוּם פַּארְקוֹיפְן מַלְבּוּשִׁים, אוּן אִיךְ זֶע אַז עֶר הָאט אוֹיךְ רֶבִּי'שֶׁע מַלְבּוּשִׁים, בִּין אִיךְ צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט אִים, אוּן אִיךְ זָאג אִים: אֶפְשָׁר וִוילְסְטוּ זִיךְ טוֹישְׁן, אִיךְ גֶעבּ דִיר מַיינֶע תַּכְרִיכִים אוּן דוּ גֶעבּ מִיר דִי רֶבִּי'שֶׁע קְלֵיידֶער? אוּן דֶער פֶּעדְלֶער הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען; אִיךְ הָאבּ זִיךְ אָנְגֶעטוּן מִיט דִי רֶבִּי'שֶׁע קְלֵיידֶער אוּן אִיךְ בִּין אַרַיין אִין שְׁטָאט, אִיךְ הָאבּ אָבֶער גֶעזֶען אַז אִיךְ הָאבּ מִיךְ טוֹעֶה גֶעוֶוען, אוּן דָאס אִיז נִישְׁט דֶער שְׁטָאט וִוי אִיךְ וואוֹין, אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעוַואנְדֶערְט פוּן אֵיין פְּלַאץ צוּם צְוֵוייטְן, אִינְצְוִוישְׁן בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן הוּנְגֶעריִג, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַ קָאךְ אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן עֶסְן, הָאט מֶען מִיר גֶעפְרֶעגְט צִי אִיךְ הָאבּ צוּ בַּאצָאלְן, וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעעֶנְטְפֶערְט "נֵיין" הָאט מֶען מִיר אַרוֹיס גֶעשִׁיקְט. אִיךְ בִּין אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, אַרוֹיסְקוּמֶענְדִיג הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען וִוי צְוֵויי מֶענְטְשְׁן קְרִיגְן זִיךְ, הָאבּ אִיךְ זֵיי גֶעפְרֶעגְט: "אֶפְשָׁר קֶען אִיךְ מַאכְן אַ דִּין תּוֹרָה פַאר אַייךְ? אִיךְ בִּין אַ רָב", זֵיי הָאבְּן מַסְכִּים גֶעוֶוען, הָאבּ אִיךְ זֵיי גֶע'פַּסְקֶ'נְט דֶעם דִּין תּוֹרָה אוּן אֵיינֶער הָאט מִיר בַּאצָאלְט צְוֵויי גָאלְדֶענֶע מַטְבֵּעוֹת, בִּין אִיךְ צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי קָאךְ אוּן גֶעבֶּעטְן אַבִּיסְל בְּרוֹינְפְּן. אַזוֹי וִוי אִיךְ וִויל שׁוֹין טְרִינְקֶען קוּמֶען אַרַיין צְוֵויי מֶענְטְשְׁן אוּן זָאגְן מִיר אַז בֵּית דִּין רוּפְט מִיךְ, אִיךְ זָאל שׁוֹין קוּמֶען; הָאבּ אִיךְ זֵיי גֶעבֶּעטְן אַז אִיךְ וִויל קוֹדֶם עֶסְן וַוייל אִיךְ בִּין זֵייעֶר הוּנְגֶעריִג, אָבֶער זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן אוּן מִיךְ גֶעוָוארְנְט אַז אִיךְ מוּז שׁוֹין גֵיין מִיט זֵיי.

אִיךְ קוּם אָן צוּם בֵּית דִּין אוּן מֶען הַאלְט מִיךְ פָאר: "הֲיִתָּכֵן, וִוי מֶעג אַ פְרֶעמְדֶער רָב פַּסְקֶ'נֶען דָא אַ דִּין תּוֹרָה?" אוּן מֶען הָאט גֶעהֵייסְן אַז מֶען זָאל נָאכְזוּכְן בַּיי מִיר צִי אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען שֹׁחַד, אוּן מֶען הָאט גֶעטְרָאפְן דִי צְוֵויי גָאלְדֶענֶע מַטְבֵּעוֹת וָואס אֵיינֶער פוּן דִי מֶענְטְשְׁן הָאבְּן מִיר בַּאצָאלְט, הָאט בֵּית דִּין

גֶע׳פַּסְקְ׳נְט אַז מֶען זָאל מִיר אוֹיסְטוּן מַיינֶע קְלֵיידֶער אוּן אַרוֹיס לֵייגְן נַאקֶעט אוֹיפְן גַאס, אַלְס אַ שְׁטְרָאף אַז אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען שֹׁחַד.

פַארְצֵיילְט דֶער רָב וַוייטֶער פַאר דֶעם אֵיינִיקְל אִין חָלוֹם: אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט מוֹרָא׳דִיגֶע צַעַר אוּן מוֹרָא׳דִיגֶע בּוּשׁוֹת, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט אַז עֶס אִיז מִיר שׁוֹין בֶּעסֶער צוּרִיק צוּ גֵיין אִין קֶבֶר, וַוייל אֵיידֶער אַזַא לֶעבְּן אִיז שׁוֹין בֶּעסֶער דֶעם טוֹיט, אָבֶּער וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ צוּרִיק גֵיין אִין קֶבֶר אָן תַּכְרִיכִים?! אַזוֹי וַוארְטְנְדִיג הֶערְט עֶר וִוי מֶען זָאגְט: "וִוי לַאנְג נָאךְ וֶועט מֶען אִים מְצַעֵר זַיין? לָאמִיר אִים אוֹיסְזָאגְן דֶעם אֱמֶת אַז עֶר אִיז טוֹיט", (דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "מִסְתָּמָא הָאבְּן זַיינֶע זְכוּתִים דָאס גֶע׳טַעֲנָה׳ט"), הָאט מֶען גֶעזָאגְט אַז מֶען קֶען אִים נִישְׁט טְרָאגְן צוּם בֵּית דִּין שֶׁל מַעְלָה פַאר עֶר אִיז מְקַיֵּים דֶעם ׳תְּקִיעַת כַּף׳, דֶערְפַאר קוּמְט עֶר יֶעצְט דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵיינִיקְל וָואס טוּט זִיךְ אוֹיבְן, אוּן דָאס הָאט גֶענוּמֶען אַכְט אִין צְוָואנְצִיג יָאר; הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט: "אָבֶּער וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ מִיר דְרַיי מָאל אַ יָאר: ׳רֹאשׁ הַשָּׁנָה׳, ׳שַׁבַּת חֲנוּכָּה׳ אוּן ׳שָׁבוּעוֹת׳, וֶועט גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן דֶעם עוֹנֶש פוּן עוֹלָם הַתֹּהוּ".

עֶס אִיז דָא אַסַאךְ מְנִיעוֹת צוּ דַאוֶוענֶען מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ - תַּלְמִידֵי הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ; דֶער יֵצֶר הָרָע צִיטֶערְט זֵייעֶר פוּן רֶבִּי׳ן, עֶר הָאט אָן אַ שִׁיעוּר גוּטֶע סִיבּוֹת וָואס עֶר רֶעדְט אַיין דֶעם מֶענְטְשׁ נִישְׁט צוּ קוּמֶען דַאוֶוענֶען צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר טֵייעֶרֶע לִיבֶּער חַבֵר, שְׁפְּרִינְג אַרִיבֶּער אוֹיף אַלֶע מְנִיעוֹת אוּן קוּם דַאוֶוענֶען צְוִוישְׁן עֶרְלִיכֶע אִידְן, וֶועסְטוּ גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן עוֹלָם הַתֹּהוּ אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

מִיר הָאבְּן זִיךְ מְחַיֶּה גֶעוֶוען מִיט דֶעם אַז מִיר הָאבְּן אַ רֶבִּי וָואס רַאטֶעוֶועט אוּנְז פוּן עוֹלָם הַתֹּהוּ, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ מִיר דְרַיי מָאל אַ יָאר: ׳רֹאשׁ הַשָּׁנָה׳, ׳שַׁבַּת חֲנוּכָּה׳ אוּן ׳שָׁבוּעוֹת׳ - וֶועט גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן דֶעם עוֹנֶש פוּן עוֹלָם הַתֹּהוּ"; דָאס אִיז נִישְׁט נָאר נָאכְן אַוֶועק גֵיין פוּן דֶער וֶועלְט דָאס אִיז אוֹיךְ בַּיים לֶעבְּן, מֶען זָאל נִישְׁט זַיין פַארְנוּמֶען מִיט דֶעם אוּן יֶענֶעם; מֶען זֶעט מֶענְטְשְׁן, מֶען רֶעדְט פוּן דֶעם, פוּן יֶענֶעם, עֶר הַאקְט אוֹיף דֶעם,

דֶער אִיז אַ שֵׂגֶץ, דֶער אִיז אַ לִינְקֶער אוּן דֶער אִיז פַארְכַאפְּט וְכוּ׳, בִּשְׁעַת דֶער וָואס רֶעדְט - דַאוֶוענְט נִישְׁט דִי דְרַיי תְּפִלּוֹת מִיט מִנְיָן, לֵיינְט נִישְׁט קְרִיאַת שְׁמַע אוּן עֶפְּנְט נִישְׁט אוֹיף אַ סֵפֶר מִשְׁנָה לְשָׁנָה; דָאס אִיז עוֹלָם הַתֹּהוּ, אוּן פוּן דֶעם רַאטֶעוֶועט אוּנְז דֶער רֶבִּי.

מוֹהֲרָא״שׁ גֶעבְּט אוּנְז צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי בַּאדֵייט פוּן דִי דְרַיי צַייטְן. אַז מֶען קוּמְט צוּם רֶבִּי׳ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה - וֶועקְט אוּנְז דֶער רֶבִּי אוֹיף פוּן אוּנְזֶער טִיפְן שְׁלָאף וְכוּ׳, שַׁבָּת חֲנוּכָּה בַּאקוּמֶען מִיר פוּן רֶבִּי׳ן דֶער זַאךְ פוּן תּוֹדָה וְהוֹדָאָה, לוֹיבְּן אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר טוּט מִיט אוּנְז, אוּן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת בַּאקוּמֶען מִיר אַ שְׁטוּפּ אוּן אַ פְרִישְׁקֵייט צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז אַ וֶועג וִוי אַזוֹי מִיר קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען אוּן שְׁפַּאצִירְן בְּכָל חֶלְקֵי הַתּוֹרָה (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עו).

ווּאוֹיל אִיז דֶעם וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, עֶר פָאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, עֶר אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד יֶעדְן טָאג; עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר שְׁמוּעֶסְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דֶערְצֵיילְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ זַיין עֶרְלִיךְ, צוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן, עֶר גֵייט דַאוֶוענֶען דְרַיי מָאל אַ טָאג אִין שׁוּל, שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, אוּן עֶר לֶערְנְט שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן בְּכָל חֶלְקֵי הַתּוֹרָה; מִקְרָא, מִשְׁנָה, בַּבְלִי, יְרוּשַׁלְמִי, תּוֹסֶפְתָּא, אַלֶע מֶדְרָשִׁים, זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, רַמְבַּ״ם, טוּר, שֻׁלְחָן עָרוּךְ, סִפְרֵי הֲלָכָה, סִפְרֵי קַבָּלָה וְכוּ׳; דֶעמָאלְט וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דִי טָאג וֶוען מֶען וֶועט צוּרִיקְגֶעבְּן דִי נְשָׁמָה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועט עֶר נִישְׁט הָאבְּן מִיט עוֹלָם הַתֹּהוּ.

## בֵּיימֶער אוּן בְּלוּמֶען

**בַּאצִירְן דֶעם בֵּית הַמִּדְרָשׁ פַּאר יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ו אִיָּיר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט הָאבְּן דִי זְכוּת הֵיי יָאר אַזוֹי וִוי אַלֶע יָארְן אָנְצוּגְרֵייטְן דֶעם

בֵּית הַמֶדְרָשׁ מִיט שֵׁיינֶע בְּלוּמֶען פַאר יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, אַזוֹי וִוי דוּ פְלֶעגְסְט אַלֶע יָארְן בַּאצִירְן דֶעם בֵּית הַמֶדְרָשׁ מִיט שֵׁיינֶע בְּלוּמֶען, ווִיל אִיךְ דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט מִיר מוֹדִיעַ זַיין אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט הָאבְּן דִי זְכוּת דָאס יָאר אוֹיךְ.

בֶּעט דַיין וַוייבּ זִי זָאל פְרֶעגְן דִי פְרוֹיעֶן וֶוער עֶס ווִיל הֶעלְפְן אָנְגְרֵייטְן אַבִּיסְל מִילְכִיגֶע זַאכְן לְכָבוֹד שָׁבוּעוֹת.

וואוֹיל אִיז דִיר אוּן אוּן וואוֹיל אִיז דַיין וַוייבּ וָואס אִיר הֶעלְפְט אַזוֹי גֶעטְרֵיי אוּן שֵׁיין מִיט יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף.

לְכָבוֹד יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת זֶע צוּ קוֹיפְן פַאר דַיין וַוייבּ אַ שֵׁיינֶע זַאךְ, אוּן שֵׁיינֶע בְּלוּמֶען; אוּן דֶער עִיקָר שְׁרַייבּ אִיר אַ קְלֵיינֶע צֶעטֶעלֶע מִיט אַפָּאר שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער, וִוי לְמָשָׁל:

יְיַשֵׁר כֹּחַ מַיין טַייעֶרֶע...

דוּ בִּיסְט מַיין לֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ.

אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט פַאר מִיר אוּן פַאר דִי קִינְדֶער.

וְכָל הַמַּרְבֶּה הֲרֵי זֶה מְשֻׁבָּח; עֶס דַארְף נִישְׁט גְרַאמֶען, עֶס דַארְף נָאר זַיין פוּן הַארְץ, אוּן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא אַ הַארְץ מַאכְט מֶען זִיךְ אַ הַארְץ. אַזוֹי וִוי רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם וָואס הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "וִוי נֶעמְט מֶען אַ הַארְץ?" הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "דוּ הָאסְט אוֹיךְ אַ הַארְץ, נָאר דוּ בַּאהַארְצְט עֶס נִישְׁט".

מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט פוּן דֶעם מִנְהָג צוּ בְּרֶענְגֶען בֵּיימֶער אִין שׁוּל; זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פוּן סַאטְמֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, שָׁבוּעוֹת וֶוען מֶען אִיז דָן דִי פֵּירוֹת הָאִילָן - בְּרֶענְגְט מֶען דִי בֵּיימֶער, דִי עֶלְטֶערְן, אוּן מֶען זָאגְט זֵיי: 'אוֹיבּ וֶועלְן עֶנְק זִיךְ שֵׁיין אוֹיפְפִירְן - וֶועט זַיין גוּטֶע קִינְדֶער, גוּטֶע פְּרוּכְט'; מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט, מֶען בְּרֶענְגְט דִי בֵּיימֶער אִין שׁוּל, אַז דִי עֶלְטֶערְן קוּמֶען יֶעדְן טָאג דַאוֶוענֶען אִין שׁוּל דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת - אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער. אַז מֶען קוּמְט וואוֹינֶען

אין שטעטל, מען גייט זיך קויפן א דירה - דארף מען זען די דירה זאל זיין נעבן א שול, וואו מען וועט קענען גיין דאווענען שבת אלע תפלות.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (בבא מציעא קז.) אויפן פסוק (דברים כח, ג): "ברוך אתה בעיר", געבענטשט זאלסטו זיין אין שטאט - "שיהא ביתך סמוך לבית הכנסת", דיין שטוב זאל זיין נאנט צום שול; ווער איז א געבענטשטער? דער וואס גייט דאווענען די דריי תפלות אין שול; דעריבער ברענגט מען די ביימער אין שול, אזוי וועט זיין ערליכע דורות.

אויך לייגט מען ביימער אין שטוב; אז מען וועט זיין אין שטוב, מען וועט מחנך זיין די קינדער - וועט זיין גוטע פירות.

מוהרא"ש האט דערציילט, אז אמאל איז א איד געקומען צום הייליגן חפץ חיים זכותו יגן עלינו, און ער האט געבעטן א ברכה אויף גוטע קינדער, האט דער הייליגער חפץ חיים זכותו יגן עלינו גענומען א תהלים וואס איז געווען אויפגעבלאזן פון נאסקייט, און דאס געוויזן פאר דעם איד, און אים געזאגט: "דאס איז דער תהלים פון מיין מאמע עליה השלום, וואו זי פלעגט יעדן טאג וויינען אז זי זאל האבן גוטע קינדער, אזוי איז מען זוכה צו גוטע קינדער".

דערפאר זאלסטו אסאך בעטן דעם אייבערשטער אז דו זאלסט זוכה זיין צו קינדער וואס וועלן באלייכטן דער וועלט; מיין נישט אז איר קענט נישט זוכה זיין צו האבן קינדער וואס וועלן זיין גרויסע צדיקים, עס זענען געווען גרויסע צדיקים וואס האבן ליכטיג געמאכט די גאנצע וועלט, און זיי האבן געהאט פשוט'ע עלטערן. בעט דעם אייבערשטן: "רבונו של עולם, העלף מיר אז איך זאל זוכה זיין צו קינדער און אייניקלעך וואס וועלן לערנען די הייליגע תורה, און וועלן נאר דיך דינען; רבונו של עולם, הער אויס מיינע פשוט'ע תפילות וואס איך בעט דיר, און געב מיר קינדער וואס וועלן ליכטיג מאכן די וועלט, קינדער וואס וועלן זיין דבוק צו דיר. העלף מיר אייבערשטער אז איך זאל וויסן ווי אזוי צו מחנך זיין מיינע קינדער, מיינע קינדער זאלן וועלן זיין ערליך און חסידי'ש, און זיי זאלן נישט זוכן צו זיין קאלט וכו'".

ווי מער מען בעט דעם אייבערשטן, און ווי מער א מאמע וויינט פאר אירע

קִינְדֶער – בַּאוַואסֶערְט זֵי אִיר גָארְטְן. פִּינְקְט אַזוֹי וְוִי בֵּיימֶער אוּן גְרָאז וַואקְסְן שֵׁיין, נָאר דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען בַּאוַואסֶערְט עֶס, אַזוֹי אוֹיךְ – אוּן נָאךְ מֶער וַואקְסְט אוֹיף אַ שֵׁיינֶע דוֹר עֶרְלִיכֶע אִידְן, אַז מֶען זָאגְט יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

רֶבִּי נָתָן בְּרֶענְגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קיא): "אֶחָד שָׁאַל אוֹתוֹ בְּעִנְיַן הַנְהָגַת הִתְקָרְבוּת לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", אַ אִיד הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם רֶבִּי'ן עֶר זָאל אִים גֶעבְּן אַ וֶועג פַאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, "וְצִוָּה לוֹ לִלְמֹד", הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט עֶר זָאל לֶערְנֶען תּוֹרָה, "וְשָׁאַל אוֹתוֹ, הֲלֹא אֵינִי יָכוֹל לִלְמֹד", הָאט דֶער אִיד גֶעזָאגְט פַארְן רֶבִּי'ן, אִיךְ קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען. אִיךְ דַארְף אַן עֵצָה אוֹיף דִי עֵצָה, "הֵשִׁיב לוֹ, עַל יְדֵי תְּפִלָּה יְכוֹלִין לָבוֹא לַכֹּל", הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, דוּרְךְ תְּפִלָּה קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶעס, "לְכָל טוּב", צוּ אַלֶע גוּטְס, "לְתוֹרָה", צוּ תּוֹרָה, "וַעֲבוֹדָה", צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וּלְכָל הַקְּדֻשּׁוֹת", צוּ אַלֶע הֵיילִיגֶע מַדְרֵיגוֹת, "וּלְכָל הָעֲבוֹדוֹת", צוּ אַלֶע עֲבוֹדוֹת, "וּלְכָל הַטּוֹבוֹת שֶׁבְּכָל הָעוֹלָמוֹת", אוּן צוּ אַלֶע גוּטְס פוּן דִי הֶעכְסְטֶע וֶועלְטְן; מִיט דֶעם קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיז דֶער עִנְיָן אַז מֶען לֵייגְט בֵּיימֶער אוּן גְרָאז אַרוּם דֶעם אָרוֹן הַקּוֹדֶשׁ אוּן אוֹיךְ בַּיי דִי בִּימָה וואוּ מֶען לֵיינְט דִי תּוֹרָה, כְּדֵי צוּ וַוייזְן דֶער סוֹד וְוִי אַזוֹי מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה, אוֹיבּ מֶען וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה – דַארְף מֶען גֵיין צְוִוישְׁן דִי בֵּיימֶער זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, מֶען דַארְף גֵיין אִין פֶעלְד רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קסג), צְוִוישְׁן דִי גְרָאז אִיז גוּט אַז מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶען מַאכְט אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אַ פְּלַאץ פַאר הִתְבּוֹדְדוּת, מֶען בְּרֶענְגְט אַרַיין דִי פֶעלְד אִין שׁוּל, מִיר זָאלְן גֶעדֶענְקֶען אַז מֶען זָאל רֶעדְן אִין שׁוּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּנְטֶערְן טַלִּית זָאל מֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין.

מֶען הָאט גֶערֶעדְט אַז דָאס אִיז דִי מַעֲלָה פוּן דִי שְׁטֶעטְל קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, עֶס אִיז אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַלֶע הַייזֶער זֶענֶען אִין פֶעלְדֶער אוּן אִין וֶועלְדֶער, מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ – אִיז מֶען אִין פֶעלְד, מֶען קֶען זִיךְ גוּט מִתְבּוֹדֵד זַיין.

אִיךְ בִּין יֶעצְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, קוּמְט צוּ מִיר אַ אִיד אוּן גֶעבְּט מִיר צוּ הֶערְן אַ נִיגוּן פוּן אַ הֵיימִישֶׁער זִינְגֶער וָואס זִינְגְט בָּרַבִּים אַ נִיגוּן מִיט גְרַאמֶען: "וָואס טוּט מֶען אִין אַ שְׁוֶוערֶע מִינוּט? מֶען נֶעמְט אַבִּיסְל גְרַאזֶעלֶעךְ אוּן מֶען פַארְגֶעסְט פוּן אַלֶע צָרוֹת וְכוּ' וְכוּ'"; אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט גְלֵייבְּן וָואס אִיךְ הֶער, אַ רַחְמָנוּת אוֹיף אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים אַז דִי זִינְגֶערְס זֶענֶען דִי פִירֶערְס פוּנֶעם דוֹר; זֵיי פִירְן נִישְׁט דֶעם דוֹר, זֵיי פַארְפִירְן דֶעם דוֹר, אַנְשְׁטָאט זִינְגֶען אַ נִיגוּן: "וָואס טוּט אַ אִיד מִיט שְׁוֶוערֶע צָרוֹת? עֶר שְׁפִּירְט אַז עֶר קֶען נִישְׁט מֶער? נֶעמְט מֶען אַ תְּהִלִּים אוּן מֶען גִיסְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ", דֶעמָאלְט פַארְגֶעסְט מֶען פוּן אַלֶע צָרוֹת, מֶען זֶעט נִיסִים; תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת בְּרֶענְגְט נִיסִים, תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת קְלֶעבְּט צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

ווֵיי אוּן בִּיטֶער פַאר דִי יוּגֶענְט אַז אַזֶעלְכֶע נִיגוּנִים אוּן גְרַאמֶען זִינְגְט מֶען בַּיי הֵיימִישֶׁע פַארְבְּרֶענְגֶען, מַה יַּעֲשֶׂה הַבֵּן שֶׁלֹּא יֶחְטָא... עֶר הֶערְט אַ חַסִידִי'שֶׁער אִיד זִינְגְט "מֶען נֶעמְט אַבִּיסְל גְרַאזְלֶעךְ (דְרָאגְס) מֶען כַאפְּט אַ שְׁלֶעפּ", דֶער זִינְגֶער גֵייט מִיט אַ שְׁטְרַיימְל, מִיט אַ וַוייסֶע שַׁאל וְכוּ', מֵיינְט עֶר אַז וָואס עֶר זָאגְט אִיז גוּט, הֵייבְּט עֶר אָן מִיט אֵיין שְׁלֶעפּ אוּן נָאכְדֶעם נָאךְ אֵיין שְׁלֶעפּ, בִּיז דֶער לֶעבְּן ווֶערְט אוֹיס.

טֵייעֶרֶע בְּרִידֶער, גֶעבְּט זֵייעֶר אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ הֶערְן זִינְגֶערְס וָואס זִינְגֶען אוּן זָאגְן זַאכְן קֶעגְן דִי תּוֹרָה, גֶעבְּט אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּרִירְן צוּ דִי גְרַאזְלֶעךְ, מִיר הָאבְּן אַנְדֶערֶע גְרָאז; מִיר גֵייעֶן הִתְבּוֹדְדוּת צְווִישְׁן דִי גְרָאז. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קסג): "אִם הָיִיתָ זוֹכֶה לִשְׁמֹעַ אֶת קוֹל הַשִּׁירוֹת וְהַתִּשְׁבָּחוֹת שֶׁל הָעֲשָׂבִים, אֵיךְ כָּל עֵשֶׂב וְעֵשֶׂב אוֹמֵר שִׁירָה לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּלִי פְּנִיָּה, וּבְלִי שׁוּם מַחֲשָׁבוֹת זָרוֹת, וְאֵינָם מְצַפִּים לְשׁוּם תַּשְׁלוּם גְּמוּל, כַּמָּה יָפֶה וְנָאֶה כְּשֶׁשּׁוֹמְעִין הַשִּׁירָה שֶׁלָּהֶם", ווִי גוּט אוּן ווִי ווָאוֹיל אִיז צוּ רֶעדְן צְווִישְׁן דִי גְרָאז.

## חַג הַבִּכּוּרִים

דִי פַּרְשָׁה פוּן בִּכּוּרִים, דָאס אִיז דִי מִצְוָה פוּן הַכָּרַת הַטּוֹב, דָאס אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע מִדָּה, אוּן אַז מוֹהֲרַ"ש הָאט אוּנְז אַזוֹיפִיל גֶעגֶעבְּן - דַארְפְן מִיר הָאבְּן הַכָּרַת הַטּוֹב אוּן צוּרִיק טוּן פַאר מוֹהֲרַ"ש וָואס עֶר בֶּעט.

מוֹהֲרָא"שׁ בֶּעט אִין דִי צַוָואָה אֵיין זַאךְ; מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן, מִיר זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן צוּ טוּן מִיט מַחֲלֹקֶת, מִיר זָאלְן זִיךְ נָאר לִיבּ הָאבְּן, וַוייל דָאס אִיז דִי שְׁלִיסְל צוּ אַלֶעס, אוּנְזֶער הַצְלָחָה אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען נָאר אִין דִי אֵיין זַאךְ; אוֹיבּ עֶס וֶועט בְּלַייבְּן דִי לִיבְּשַׁאפְט צְווִישְׁן אוּנְז, כָּל זְמַן מִיר וֶועלְן זִיךְ פַּארְגִינֶען אוּן לִיבּ הָאבְּן - וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ רִיזִיגֶע הַצְלָחָה, אוֹיךְ וֶועלְן מִיר וַוייטֶער שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין דִי הִתְקַרְבוּת לְרַבֵּנוּ, מֶען קֶען שְׁפִּירְן אַז דֶער רֶבִּי אִיז מִיט אוּנְז, אָבֶער נָאר אַז דִי לִיבְּשַׁאפְט וֶועט אָנְהַאלְטְן; חַס וְחָלִילָה אוֹיבּ עֶס וֶועט גֶעלוּנְגֶען פַּארְן סַמֶ"ךְ מֶ"ם צוּ מַאכְן קִנְאָה אוּן שִׂנְאָה צְווִישְׁן אוּנְז - וֶועט דִי קְהִילָה, דִי מוֹסָד אוּן דִי שֵׁיינֶע חֲבוּרָה צֶעפַאלְן, הָיָה לֹא תִהְיֶה, אוּן מֶען וֶועט שׁוֹין נִישְׁט שְׁפִּירְן דִי זִיסֶע טַעַם פוּן הִתְקָרְבוּת לַצַּדִּיק, וַוייל (בְּרֵאשִׁית מט, ו): "בִּקְהָלָם אַל תֵּחַד כְּבֹדִי", דֶער צַדִּיק גֵייט אַוֶועק וֶוען מֶען קְרִיגְט זִיךְ אוּן מֶען הָאט זִיךְ פַּיינְט.

אַז מִיר וֶועלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן - וֶועלְן מִיר זֶען יְשׁוּעוֹת אִין אַלֶעס וָואס מִיר וַוארְטְן. מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל דֶעם סִיפּוּר, אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט זַיין בְּרוּדֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: "מִיט וָואס הָאסְטוּ זוֹכֶה גֶעוֶועְן אַז מֶען זֶעט בַּיי דִיר אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע מוֹפְתִים?" הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ גֶעזָאגְט: "בְּרוּדֶער, אִיךְ הָאבּ אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אַ שְׁטַארְקֶע לִיבְּשַׁאפְט צְווִישְׁן מַיינֶע תַּלְמִידִים, מֶען הָאט זִיךְ זֵייעֶר לִיבּ אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן אוּן מֶען רֶעדְט שֵׁיין אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן".

הַכָּרַת הַטּוֹב אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע מִדָּה, ווִידֶערְאוּם זַיין אַ כְּפוּי טוֹבָה אִיז זֵייעֶר אַ מִיאוּסְ'עֶ מִדָּה. דֶערְפַאר הָאבְּן מִיר דִי מִצְוָה פוּן בִּכּוּרִים, קוּמֶען צוּם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ מִיט דִי עֶרְשְׁט גֶעצַייטִיגְטֶע פְּרוּכְט אוּן דַאנְקֶען דֶעם אייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר טוּט, אַזוֹי ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְבָרִים כו, ג): "וְאָמַרְתָּ אֵלָיו הִגַּדְתִּי הַיּוֹם", אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין כְּפוּי טוֹבָה (סִפְרֵי דְבָרִים, פִּיסְקָא רצט).

דִי וָואךְ הָאבְּן מִיר אִין דִי סֶדְרָה דִי פַּרְשָׁה פוּן בִּכּוּרִים, דִי מִצְוָה פוּן "הַכָּרַת

הַטּוֹב", צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים זָאגְן אוֹיף יֶעדֶע פְּרַט אִין לֶעבְּן: "יְיַשֵּׁר כֹּחַ!" "יְיַשֵּׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער! אִיךְ בִּין נִישְׁט קֵיין כְּפוּי טוֹבָה".

דִי תּוֹרָה זָאגְט (דְבָרִים כו, יא): "וְשָׂמַחְתָּ בְכָל הַטּוֹב", זָאלְסְטוּ זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי גוּטְס, "אֲשֶׁ"ר נָתַ"ן", דָא אִיז מְרוּמָז מוֹהֲרָא"ש מִיט רֶבִּי נָתָן, "לְ'ךָ יְ' אֱ'לֹקֶיךָ וּ'לְבֵיתֶךָ", - דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גוּטְס, וָואס מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען אַזַא רֶבִּי מִיט אַזֶעלְכֶע תַּלְמִידִים, אַשְׁרֵינוּ מַה טוֹב חֶלְקֵינוּ וּמַה נָּעִים גּוֹרָלֵנוּ.

וְ'אָמַרְתָּ לִ'פְנֵי יְ' אֱ'לֹקֶיךָ (דְבָרִים כו, יג); אִיךְ זָאג פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן מַיין גַאנְצֶע עָבַר פוּן וואוּ אִיךְ קוּם, וָואס בִּין אִיךְ דֶען פַאר מִיר אַלֵיינְס אָן דֶעם צַדִּיק? אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ אִיז נָאר חֲסָדִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז עֶר הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶועְן פַאר אוּנְז אוּן פַאר אוּנְזֶערֶע דוֹרוֹת.

דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ אִיז דִי מִדָּה פוּן הַכָּרַת הַטּוֹב, זִיךְ בַּאדַאנְקֶען אוּן גֶעדֶענְקֶען דִי וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען גוּטֶע שְׁלִיחִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וַוייל דִי שֶׁענְסְטֶע מִדָּה אִיז הַכָּרַת הַטּוֹב, אוּן דִי עֶקֶלְדִיגְסְטֶע מִדָּה אִיז זַיין אַ כְּפוּי טוֹבָה.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מַעֲשֶׂה, אַ מֶענְטְשׁ אִיז גֶעוֶוען אוּנְטֶערְוֶועגְנְס אוּן גֶעהֶערְט אַ גֶעשְׁרֵיי, עֶר אִיז נָאכְגֶעגַאנְגֶען דִי קוֹל פוּן דִי גֶעשְׁרֵיי בִּיז עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ גְרוּבּ, אוֹיפְן גְרוּבּ אִיז גֶעלֶעגְן אַ גְרוֹיסֶע שְׁטֵיין אִין אִינֶעם גְרוּבּ אִיז גֶעלֶעגְן אַ וָואלְף. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ קְלֵיינֶע שְׁפַּאלְט אוּן פוּן דָארְט הָאט דֶער וָואלְף אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעקְט זַיין קָאפּ אוּן גֶעוֵויינְט אוּן גֶעשְׁרִיגְן מֶען זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים אוּן אִים בַּאפְרֵייעֶן, דֶער מֶענְטְשׁ הָאט בַּאקוּמֶען אַ רַחְמָנוּת גֶעפִיל, עֶר הָאט גֶעוָואלְט בַּאפְרֵייעֶן דֶעם וָואלְף אָבֶער עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט אַז דֶער וָואלְף וֶועט אִים פַארְצִיקְן, דֶער וָואלְף הָאט אִים צוּגֶעזָאגְט אוּן גֶעשְׁוואוֹירְן מִיט אַלֶע סָארְט שְׁבוּעוֹת: "אוֹיבּ דוּ וֶועסְט מִיךְ בַּאפְרֵייעֶן וֶועל אִיךְ דִיר גָארְנִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן", דֶער מֶענְטְשׁ הָאט שְׁוֶוער גֶעאַרְבֶּעט אַרָאפְּצוּנֶעמֶען דֶעם פֶעלְזְן שְׁטֵיין אוּן עֶר הָאט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען צוּ בַּאפְרֵייעֶן דֶעם וָואלְף.

עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַ מִינוּט אוּן דֶער וָואלְף זָאגְט פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ: "זָאג וִידּוּי

וַוייל בִּיז אַפָּאר סֶעקוּנְדֶעס בִּיסְטוּ טוֹיט, שׁוֹין אַפָּאר טֶעג וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעגֶעסְן און אִיךְ מוּז דִיךְ פַּארְצוּקְן"; דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גֶעוָוארְן טוֹיט דֶערְשְׁרָאקְן, עֶר זָאגְט דֶעם וָואלְף: "אִיךְ פַּארְשְׁטֵיי נִישְׁט ווִי אַזוֹי דוּ קֶענְסְט דָאס טוּן צוּ מִיר, אִיךְ הָאבּ דִיךְ גֶערַאטֶעוֶועט און דוּ הָאסְט מִיר צוּגֶעזָאגְט און גֶעשְׁוואוֹירְן אַז דוּ גֵייסְט מִיר נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן!" עֶנְטְפֶערְט אִים דֶער וָואלְף: "אֶמֶת, אִיךְ הָאבּ דִיר צוּגֶעזָאגְט, אָבֶּער דָאס אִיז אַן עִנְיָן פוּן פִּקּוּחַ נֶפֶשׁ, און דִי הֲלָכָה אִיז אַז פִּקּוּחַ נֶפֶשׁ אִיז דוֹחֶה כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט גֶעגֶעסְן פַּאר אַפָּאר טֶעג, אִיךְ גֵיי דִיךְ אוֹיפְעֶסְן", דֶער מֶענְטְשׁ טַעֲנָה'ט וַוייטֶער: "ווִי קֶענְסְטוּ דָאס טוּן?!" עֶס אִיז גֶעגַאנְגֶען דִי טַעֲנוֹת אַהִין און צוּרִיק.

פְּלוּצְלוּנְג זֶעט דֶער מֶענְטְשׁ דֶעם לֵייבּ, דֶער קֶענִיג פוּן דִי חַיּוֹת. זָאגְט עֶר פַּארְן וָואלְף: "לָאמִיר פְרֶעגְן דֶעם לֵייבּ", און דֶער וָואלְף אִיז מַסְכִּים. זֵיי לֵייגְן פָאר זֵייעֶרֶע טַעֲנוֹת צוּם לֵייבּ, זָאגְט דֶער לֵייבּ: "אִיךְ ווִיל זֶען דִי מַעֲשֶׂה ווִי אַזוֹי עֶס אִיז גֶעוֶוען, דֶער וָואלְף זָאל צוּרִיק גֵיין אִין גְרוּבּ, מֶען זָאל צוּרִיק לֵייגְן דִי שְׁטֵיין, אַזוֹי וֶועל אִיךְ קֶענֶען פַּסְקֶ'נֶען אַן אֱמֶתְ'עֶ פְּסַק דִין".

מֶען הָאט אַזוֹי גֶעטוּן, דֶער וָואלְף אִיז צוּרִיק אִין גְרוּבּ, און מֶען הָאט צוּרִיק גֶעלֵייגְט דִי שְׁטֵיין, און דֶער לֵייבּ רוּפְט זִיךְ אָן און זָאגְט פַּארְן וָואלְף: "דוּ בְּלַייבּ אִין גְרוּבּ, און דוּ מֶענְטְשׁ, פוּן יֶעצְט און וַוייטֶער זָאלְסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן צוּטוּן מִיט אַזַא אֵיינֶעם וָואס אִיז נִישְׁט מַכִּיר טוֹבָה".

אוֹיף דַיין פְּרַאגֶע ווִי אַזוֹי דוּ קֶענְסְט בַּאצָאלְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה פַאר דִי שֵׁיינֶע לֶעבְּן וָואס דוּ בַּאקוּמְסְט; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, הֲפָצָה אִיז דִי הַכָּרַת הַטּוֹב וָואס מִיר קֶענֶען אַרוֹיסְוַוייזְן פַּארְ'ן רֶבִּי'ן; אַז דֶער רֶבִּי הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן, מִיר לִיכְטִיג גֶעמַאכְט - וֶועל אִיךְ לִיכְטִיג מַאכְן פַאר אַנְדֶערֶע.

## מִנְהָגִים פוּן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת

אִיךְ שְׁרַייבּ אַייךְ אִין קוּרְצְן דִי מִנְהָגִים פוּן שָׁבוּעוֹת בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ. וֶוען עֶס וֶוערְט דֶער זְמַן פוּן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת אִיז מֶען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ,

מֶען גֵייט דַאוֶועןֶ, נָאכְן דַאוֶוענֶען בְּלַייבְּט מֶען נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן, מֶען גֵייט אַהֵיים צוּ דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער אוּן מֶען מַאכְט אַ סְעוּדָה. בַּיי דִי סְעוּדָה אִיז מֶען זֵייעֶר פְּרֵיילִיךְ, מֶען רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער וְוִי גְלִיקְלִיךְ מִיר זֶענֶען, מִיר זֶענֶען אִידְן נִישְׁט קֵיין גוֹיִם. בַּיינַאכְט אִיז מֶען זֵייעֶר פְּרֵיילִיךְ, מֶען זָאגְט דִי תִּיקוּן אוּן מֶען גֵייט אִין מִקְוֶה, אוּן בֵּיידֶע טֶעג אִיז מֶען זֵייעֶר זֵייעֶר פְּרֵיילִיךְ אַז מִיר זֶענֶען אִידְן.

אַיי וֶועסְטוּ פְרֶעגְן, זֵייעֶר שֵׁיין גֶעשְׁרִיבְּן אוּן זֵייעֶר שֵׁיין גֶערֶעדְט, אָבֶּער וְוִי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ זַיין פְּרֵיילִיךְ אוּן זַיין בְּשָׁלוֹם מִיט זִיךְ אַלֵיין? קוּק אַרַיין דִי וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן לג), דֶער רֶבִּי פְּרֶעגְט דִי פְּרַאגֶע: "וְעַל יְדֵי מָה יִמְצָא הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בֵּין בְּטִיבוּ בֵּין בְּעָקוּ", וְוִי אַזוֹי קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם, עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קֵיין חִילוּק פוּן גוּט אוּן שְׁלֶעכְט, מֶען זָאל וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס אוּן אַלֶעס אִיז נָאר גוּט? "עַל יְדֵי הַתּוֹרָה הַנִּקְרֵאת שָׁלוֹם", דוּרְךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ דֶעם, דִי תּוֹרָה מַאכְט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּפְרִידְן. אַזוֹי וְוִי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי ג, יז): "וְכָל נְתִיבוֹתֶיהָ שָׁלוֹם", דִי תּוֹרָה בְּרֶענְגְט שָׁלוֹם, "וְעַל יְדֵי צַדִּיקִים", אוֹיךְ דוּרְךְ דִי צַדִּיקִים; אַז מֶען לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, מֶען הֶערְט דִי עֵצוֹת אוּן חִיזוּק פוּן צַדִּיקִים - וֶוערְט מֶען אַ צוּפְרִידֶענֶער, "וּמֵחֲמַת זֶה יָכוֹל לֶאֱהֹב אֶת הַשָּׁלוֹם בְּכָל מָקוֹם, הֵן בְּטִיבוּ וְכוּ'", אַז מֶען אִיז מְקוּרָב צוּם צַדִּיק, מֶען פָאלְגְט דִי עֵצוֹת אוּן מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה - וֶוערְט מֶען אַ צוּפְרִידֶענֶער מֶענְטְשׁ, מֶען הָאט זִיךְ אַלֵיין לִיבּ, "וְיָכוֹל לִהְיוֹת שָׁלוֹם בֵּין יִשְׂרָאֵל, וְלֶאֱהֹב זֶה אֶת זֶה", אוּן אוֹיךְ הָאט מֶען לִיבּ יֶעדְן אִיד.

## תְּפִילַּת מַעֲרִיב

מֶען דַארְף נִישְׁט וַוארְטְן צוּ דַאוֶוענֶען מַעֲרִיב אוֹיף זְמַן רַבֵּינוּ תַּם. דֶער עִיקָּר זָאל מֶען נִישְׁט מַאכְן קִידוּשׁ אִין שְׁטוּבּ אֵיידֶער זְמַן רַבֵּינוּ תַּם, כְּדֵי עֶס זָאל זַיין שֶׁבַע שַׁבָּתוֹת תְּמִימֹת, אַזוֹי פַּסְקְ'נְט דֶער מָגֵן אַבְרָהָם (רֵישׁ סִימָן תצד).

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ דֶעם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת זֶענֶען מִיר גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ הֶערְלִיכֶער יוֹם טוֹב, אַ שֵׁיינֶער קִיבּוּץ.

די עֶרְשְׁטֶע נַאכְט צְווִישְׁן מִנְחָה מַעֲרִיב אִיז נָאךְ גֶעוֶוען צֶען פוּפְצְן מִינוּט פַאר רַבֵּינוּ תַּם'ס זְמַן, אִיךְ הָאבּ גֶעפְרֶעגְט דֶעם דַיָּין שְׁלִיטָ"א אוֹיבּ מִיר זָאלְן שׁוֹין דַאוְוענֶען, אָדֶער נָאךְ וַוארְטְן בִּיז רַבֵּינוּ תַּם, ווייל דֶער מָגֵן אַבְרָהָם זָאגְט (סִימָן תצד, בְּהַקְדָּמָה) מֶען זָאל נִישְׁט מַאכְן קַיין קִידוּשׁ פַאר עֶס וֶוערְט נַאכְט, עֶס דַארְף זַיין שֶׁבַע שַׁבָּתוֹת תְּמִימוֹת, אָבֶּער דַאוְוענֶען מֶעג מֶען יָא, אָבֶער דֶער טוּרֵי זָהָב זָאגְט (שָׁם) מֶען זָאל וַוארְטְן אוֹיף מַעֲרִיב; הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט אַפָּאר דִיבּוּרִים בִּיז דֶעם זְמַן רַבֵּינוּ תַּם.

בַּיי אוּנְז פִירְט מֶען זִיךְ נִישְׁט צוּ זָאגְן דִי פִּיּוּטִים פוּן מַעֲרָבִית.

יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת זִינְגֶען מִיר בַּיי תְּפִילַּת מַעֲרִיב דִי שְׁטִיקְל "אַהֲבַת עוֹלָם", מִיר הָאבְּן גֶעזִינְגֶען דִי נִיגוּן פוּן "אָבִינוּ אָב הָרַחֲמָן הַמְּרַחֵם רַחֵם עָלֵינוּ", אוּן זִיךְ גוּט אוֹיסְגֶעבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער מִיר וִוילְן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי תּוֹרָה".

## תִּיקוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת

שָׁבוּעוֹת בַּיינַאכְט זָאגְן מִיר אִינְאֵיינֶעם דִי תִּיקוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת, אֵיינֶער זָאגְט פָאר הוֹיךְ אוֹיפְן קוֹל אוּן אַלֶע זָאגְן מִיט אִינְאֵיינֶעם. מִיר זִינְגֶען הַארְצִיגֶע נִיגוּנִים צְוִוישְׁן תּוֹרָה אוּן נְבִיאִים, צְוִוישְׁן נְבִיאִים אוּן כְּתוּבִים אוּן צְוִוישְׁן כְּתוּבִים אוּן דִי תַּרְיַ"ג מִצְוֹת. אַזוֹי אוֹיךְ, נָאךְ יֶעדֶע הוּנְדֶערְט מִצְוֹת זִינְגֶען מִיר שֵׁיינֶע הַארְצִיגֶע אִידִישֶׁע נִיגוּנִים.

נָאכְן תִּיקוּן אַז עֶס אִיז נָאךְ דָא צַייט - טַאנְצְן מִיר אִינְאֵיינֶעם.

**גַבָּאִים דַארְפְן זֶען אַז יֶעדֶער מִתְפַּלֵל זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, ב' סִיוָן, מ"ו לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, גַּבְּאֵי בֵּית הַמִּדְרָשׁ עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

מִיר קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם שָׁבוּעוֹת בַּיינַאכְט אַרוּם אֵיינְס אַזֵייגֶער, מִיר זִינְגֶען אַבִּיסֶל לְכָבוֹד יוֹם טוֹב, נָאכְדֶעם זָאגְן מִיר אִינְאֵיינֶעם דֶעם "תִּיקוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת", אַזוֹי וִוי מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרָא"שׁ; מִיר זָאגְן דִי עֶרְשְׁטֶע פָּסוּק פוּן יֶעדֶע פַּרְשָׁה אוּן דִי לֶעצְטֶע פָּסוּק פוּן יֶעדֶע פַּרְשָׁה, נִישְׁט מֶער אוּן נִישְׁט ווֵיינִיגֶער.

אַזוֹי גֵייעֶן מִיר פוּן תּוֹרָה צוּ נְבִיאִים אוּן פוּן נְבִיאִים צוּ כְּתוּבִים, פוּן יֶעדְן סֵפֶר זָאגְן מִיר אִינְאֵיינֶעם הוֹיךְ אוֹיפְן קוֹל. וֶוען מִיר עֶנְדִיגְן תּוֹרָה זִינְגֶען מִיר אַ נִיגוּן, אוּן וֶוען מִיר עֶנְדִיגְן נְבִיאִים זִינְגֶען מִיר, אַזוֹי יֶעדֶעס מָאל זִינְגֶען מִיר.

נָאכְדֶעם זָאגְן מִיר תַּרְיַ"ג מִצְוֹת; מִיר זִינְגֶען נָאךְ יֶעדֶע הוּנְדֶערְט מִצְוֹת אַ נִיגוּן כְּדֵי דֶער עוֹלָם זָאל נִישְׁט אַיינְשְׁלָאפְן.

אַז עֶס בְּלַייבְּט אִיבֶּער צַייט רֶעד אִיךְ אַפָּאר וֶוערְטֶער, נָאכְדֶעם גֵייעֶן מִיר אִין אַ טַאנְץ, אוּן בַּיים עֲלוֹת הַשַּׁחַר גֵייעֶן מִיר אִין מִקְוֶה.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָאס אַלֶעס וַוייל דוּ הָאסְט מִיר גֶעבֶּעטְן אַז דוּ ווִילְסְט ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ מַאכְן בַּיי עֶנְק אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ. אָבֶּער אִיךְ ווִיל דִיר קְלָאר שְׁטֶעלְן אַז עֶס דַארְף נִישְׁט זַיין פִּינְקְט אַזוֹי, מִיר מַאכְן אַזוֹי וַוייל אַזוֹי אַרְבֶּעט זִיךְ אוֹיס בַּיי אוּנְז, דוּ מַאךְ ווִי אַזוֹי עֶס אַרְבֶּעט זִיךְ אוֹיס בַּיי עֶנְק; מֶען דַארְף נִישְׁט נָאכְמַאכְן דִי זַאכְן.

אֵיין זַאךְ דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן, גַבָּאִים דַארְפְן זֶען אַז יֶעדֶער מִתְפַּלֵל, יֶעדֶער אִיד וָואס הָאט נָאר אַרַיינְגֶעטְרָאטְן אִינֶעם שׁוּל - זָאל יֶענֶעם גוּט זַיין, יֶענֶער זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ.

גַבָּאִים דַארְפְן הַאלְטְן קָאפּ אוֹיבּ אֵיינֶער פֶעלְט, אֵיינֶער קוּמְט נִישְׁט - וָואס אִיז דִי מַעֲשֶׂה, אֶפְשָׁר דַארְף יֶענֶער הִילְף.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

שָׁבוּעוֹת בַּיינַאכְט אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ אוֹיפְבְּלַייבְּן זָאגְן דֶעם תִּיקוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת, מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ גָאר גְרוֹיסֶע זַאכְן. מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט, מֶען זָאל זָאגְן דִי עֶרְשְׁטֶע פָּסוּק אוּן דִי לֶעצְטֶע פָּסוּק פוּן יֶעדֶע פַּרְשָׁה, סַיי פוּן תּוֹרָה, סַיי פוּן נְבִיאִים אוּן סַיי פוּן כְּתוּבִים, אוּן נָאכְדֶעם זָאל מֶען זָאגְן דִי תַּרְיַ"ג מִצְוֹת, אוּן אַז עֶס בְּלַייבְּט צַייט - זָאל מֶען גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת, אוּן פַארְן עֲלוֹת הַשַּׁחַר גֵייט מֶען אִין מִקְוֶה. וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נו, אות ז) זִיךְ טוֹבֵל'ן אִין מִקְוֶה שָׁבוּעוֹת פַארְטָאגְס, פַארְן עֲלוֹת - אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס; אִין קַבָּלָה שְׁפְּרַאךְ אִיז דָאס 'שַׁעַר נ', חֶסֶד עֶלְיוֹן וְרַחֲמִים גְּדוֹלִים.

גֶעבּ אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען אִין אַזַא הֵיילִיגֶע נַאכְט - דִי צַייט, אוּן זִיכֶער נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ חִלּוּל יוֹם טוֹב, רֵייכֶערְן צִיגַארֶעטְלֶעךְ, וַוייל דִי נַאכְט אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס. דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל זָאגְט (שַׁעַר הַכַּוָּנוֹת דְּרוּשֵׁי חַג הַשָּׁבוּעוֹת, דְּרוּשׁ א): "וְכָל מִי שֶׁלֹּא יָשֵׁן בַּלַּיְלָה הַזֶּה כְּלָל, אֲפִילוּ רֶגַע אֶחָד", וֶוער עֶס דְרִימְלְט נִישְׁט דִי נַאכְט פַאר קַיין אֵיין רֶגַע נִישְׁט, "וְיִהְיֶה עוֹסֵק בַּתּוֹרָה כָּל הַלַּיְלָה", אוּן עֶר וֶועט זַיין פַארְנוּמֶען צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, "מֻבְטָח לוֹ שֶׁיַּשְׁלִים שְׁנָתוֹ", קֶען זַיין זִיכֶער עֶר וֶועט אוֹיסְלֶעבְּן דִי יָאר, "וְלֹא יֶאֱרַע לוֹ שׁוּם נֶזֶק בַּשָּׁנָה הַהִיא", אוּן עֶס וֶועט אִים נִישְׁט פַּאסִירְן קַיין שׁוּם שְׁלֶעכְטְס דִי גַאנְצֶע יָאר, אוּן דֶער צַדִּיק רֶבִּי חַיִּים פַלַאגִ'י זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט (מוֹעֵד לְכָל חַי סִימָן ח', אות טז), מֶען אִיז זוֹכֶה: "לְבָנִים וּבְנֵי בָנִים תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, וְעוֹשֶׂה תִּיקּוּן לַשְּׁכִינָה, וּמְתַקֵּן מַה שֶּׁפָּגַם בְּעֵינָיו".

אַז אִיר וֶועט קֶענֶען אוֹיפְזַיין שָׁבוּעוֹת בַּיינַאכְט - אִיז זֵייעֶר גוּט, מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ גְרוֹיסֶע זַאכְן. מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, דֶער עִיקַר תִּיקוּן אִיז זָאגְן דֶעם עֶרְשְׁטְן פָּסוּק פוּן יֶעדֶע פַּרְשָׁה אוּן דֶעם לֶעצְטְן פָּסוּק, סַיי פוּן תּוֹרָה אוּן פוּן נְבִיאִים וּכְתוּבִים, אוּן אוֹיךְ דִי תַּרְיַ"ג מִצְוֹת.

בַּיי אוּנְז נָאכְן זָאגְן דֶעם תִּיקוּן - טַאנְצְן מִיר; מִיר פְרֵייעֶן זִיךְ אַז מִיר זֶענֶען אִידְן אוּן מִיר וֵוייסְן פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים. מִיר טַאנְצְן בִּיז פַארְן עֲלוֹת הַשַּׁחַר, מֶען גֵייט אִין מִקְוֶה אוּן מֶען אִיז זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ.

לֵיל שָׁבוּעוֹת הָאבְּן מִיר גֶעזָאגְט אִינְאֵיינֶעם דִי תִּיקוּן, הוֹיךְ אוֹיפְן קוֹל, פָּסוּק בְּפָסוּק, אוֹיךְ הָאבְּן מִיר גֶעזִינְגֶען פְרֵיילִיכֶע נִיגוּנִים. עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, מֶען הָאט גֶעטַאנְצְן און גֶעזִינְגֶען, גֶעדַאנְקְט און גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זֶענֶען אִידְן און נִישְׁט קַיין גוֹיִם. אוֹיךְ בַּיי דִי תַּרְיַ"ג מִצְוֹת הָאבְּן מִיר נָאךְ יֶעדֶע מִצְוָה גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זֶענֶען מְקַיֵּים דִי מִצְוֹת, אַלֶע הָאבְּן אוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן אוֹיפְן קוֹל: "שְׁכּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיר טוּעֶן דִי מִצְוָה פוּן פְּרִיָּה וּרְבִיָּה", "שְׁכּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיר טוּעֶן דִי מִצְוָה פוּן מִילָה", "שְׁכּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיר טוּעֶן דִי מִצְוָה פוּן נִישְׁט עֶסְן דִי גִּיד הַנָּשֶׁה", און אַזוֹי וַוייטֶער.

פַארְן עֲלוֹת הַשַּׁחַר זֶענֶען אַלֶע גֶעגַאנְגֶען זִיךְ טוֹבֵל'ן אִין מִקְוֶה, עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיי אוּנְז אִין שְׁטֶעטְל אַ מִנְיָן וָתִיקִין אִין אַפָּאר שׁוּלְן, אִיךְ הָאבּ זִיךְ יָא גֶעלֵייגְט שְׁלָאפְן. אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען צוּ קְרִיאַת שְׁמַע און גֶעלֶערְנְט מִיט מַיין זוּן נַחְמָן נָתָן נֵרוֹ יָאִיר זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אוּנְטְן אִין וַואלְד צְוִוישְׁן דִי בֵּיימֶער. מִיר לֶערְנֶען יֶעדְן שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, אִיךְ טוּ דָאס מִיט אַלֶע מַיינֶע קִינְדֶער. אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"ש בְּרֶענְגְט פוּן דֶעם הֵיילִיגְן צַדִּיק פוּן קָאמַארְנָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (נוֹצֵר חֶסֶד אָבוֹת, פֶּרֶק ד): "לוּ עַמִּי שׁוֹמֵעַ לִי", הַלְוַאי זָאל מֶען מִיךְ אוֹיסְהֶערְן, "בַּדּוֹר הָרָע הַזֶּה", אִין דֶעם הַיינְטִיגְן דוֹר, "שֶׁהַמִּינוּת גּוֹבֵר", וָואס עֶס אִיז דָא אַזוֹיפִיל שְׁלֶעכְטְס - "הָיָה לְמֵדִים עִם תִּינוֹק בֶּן תִּשְׁעָה שָׁנִים סֵפֶר תִּיקּוּנֵי זוֹהַר לַהֲגוֹת בָּהּ", וָואלְט מֶען גֶעדַארְפְט צוּגֶעוואוֹינֶען קִינְדֶער פוּן דִי נַיין יָאר זֵיי זָאלְן עוֹסֵק זַיין אִין לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן זוֹהַר, "וְהָיָה אָז יִרְאַת חֶטְאוֹ קוֹדֶמֶת לְחָכְמָתוֹ", וָואלְט דָאס זֵיי גֶעהָאלְפְן זֵיי זָאלְן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן דֶעם יֵצֶר הָרָע; קוּק נָאךְ אִינֶעם סֵפֶר.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן נו): "הַמִּקְוֶה שֶׁל שָׁבוּעוֹת הִיא מִקְוֶה שֶׁל שַׁעַר נ', שֶׁהוּא שַׁעַר הָעֶלְיוֹן מֵחֲמִשִּׁים שַׁעֲרֵי בִּינָה, שֶׁהוּא שֵׂכֶל וְדַעַת עֶלְיוֹן, חֶסֶד עֶלְיוֹן וְרַחֲמִים גְּדוֹלִים", וֶוען מֶען טוֹבֵל'ט זִיךְ אִין מִקְוֶה יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת פַארְן

עֲלוֹת הַשַּׁחַר, אִיז מֶען זוֹכֶה מַמְשִׁיךְ צוּ זַיין גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת; מֶען בַּאקוּמְט שֵׂכֶל, און מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ גָאר גְרוֹיסֶע זַאכְן.

דֶערְפַאר, נָאכְן עֶנְדִיגְן דֶעם 'תִּיקּוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת' זָאלְסְטוּ לוֹיפְן אִין מִקְוֶה זִיךְ טוֹבֵל'ן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת; אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס עֶס מֵיינְט שַׁעַר הַחֲמִשִּׁים און דוּ וֵוייסְט גָארְנִישְׁט וְכוּ'. וַוייל דֶער תִּיקּוּן גֶעשֶׁעט פוּן זִיךְ אַלֵיין, צִי מֶען פַארְשְׁטֵייט יָא, צִי מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, דוּ גֵיי אִין מִקְוֶה 'עַל דַּעַת כָּל הַצַּדִּיקִים, וְעַל דַּעַת רַבֵּינוּ נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, וְתַלְמִידָיו הַקְּדוֹשִׁים'.

## תְּפִילַּת שַׁחֲרִית

בַּיי שַׁחֲרִית דִי עֶרְשְׁטֶע טָאג; אוֹיבּ מֶען דַאוֶּוענְט וָתִיקִין זָאגְט מֶען נִישְׁט יוֹצְרוֹת, און אַז מֶען דַאוֶּוענְט נִישְׁט וָתִיקִין זָאגְט מֶען יָא דִי יוֹצְרוֹת, אָבֶּער מֶען זָאגְט נִישְׁט דֶעם פִּיּוּט - פוּן "וּבְכֵן ה' קָנָנִי רֵאשִׁית דַּרְכּוֹ" - בִּיז "וּבְכֵן וַיֵּרֶד מֹשֶׁה" וְכוּ'. אוֹיךְ זָאגְן מִיר נִישְׁט דִי לַאנְגֶע פִּיּוּט פַאר קְדוּשָׁה.

### אַהֲבָה רַבָּה

יוֹם טוֹב אִינְדֶערְפְרִי בַּיי שַׁחֲרִית זִינְגֶען מִיר דִי בְּרָכָה פוּן "אַהֲבָה רַבָּה" מִיטְן נִיגּוּן פוּן דֶעם צַדִּיק רֶבִּי הֶערְשׁ מְרִימְנוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

אִינְדֶערְפְרִי בַּיים דַאוֶּוענֶען הָאבְּן מִיר גֶעזִינְגֶען בַּיי אַהֲבָה רַבָּה דִי נִיגּוּן וָואס מֶען זִינְגְט אִין סַאטְמֶער, פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי הֶערְשֶׁעלֶע רִימְנוֹבֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. אַ הַארְצִיגֶע זִיסֶע נִיגּוּן, וֶוען מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי וֶוערְטֶער: "**וְרַחֲמֶיךָ הַשֵּׁם אֱלֹקֵינוּ וַחֲסָדֶיךָ הָרַבִּים אַל יַעַזְבוּנוּ**", הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, רַחְמָנוּת'דִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ בֶּעט דִיר, אִיךְ ווִיל דִיךְ נִישְׁט אָפְּלָאזְן, - הָאבְּן מִיר נָאכְאַמָאל אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי נִיגּוּן, און גֶעוֵויינְט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער: "**אַל יַעַזְבוּנוּ נֶצַח סֶלָה וָעֶד**", אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ ווִיל דִיךְ נִישְׁט אָפְּלָאזְן, אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ ווִיל זַיין

מִיט דִיר, טְרַאכְטְן פוּן דִיר, לֶעבְּן מִיט דִיר, גֵיין מִיט דִיר, גֶעדֶענְקֶען אַז דוּ בִּיסְט מִיט מִיר, מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן; מִיר הָאבְּן גֶעוָואלְט בְּלַייבְּן בַּיי דִי וֶוערְטֶער, זִינְגֶען דִי נִיגוּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אָבֶּער מֶען הָאט שׁוֹין גֶעדַארְפְט גֵיין וַוייטֶער.

מֶען הָאט מַמָּשׁ גֶעשְׁפִּירְט וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן סה) וֶוען מֶען זָאגְט אַרוֹיס דִי וֶוערְטֶער בַּיים דַאוֶוענֶען בֶּעטְן זִיךְ דִי וֶוערְטֶער בַּיים מֶענְטְשׁ, גֵיי נִישְׁט אַוֶועק פוּן אוּנְז, "אֵיךְ תּוּכַל לְהִתְפָּרֵד מִמֶּנִּי", וִוי אַזוֹי קֶענְסְטוּ אַוֶועק גֵיין פוּן מִיר, "לְגֹדֶל הַהִתְקַשְּׁרוּת וְהָאַהֲבָה שֶׁיֵּשׁ בֵּינֵינוּ", פוּן גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט וָואס מִיר הָאבְּן, "כִּי אַתָּה רוֹאֶה אֶת יְקַר יָפְיִי וְזִיוִי וַהֲדָרִי וְתִפְאַרְתִּי", דוּ זֶעסְט דָאךְ מַיין שֵׁיינְקֵייט, מַיין לוֹיטֶערְקֵייט, מַיין פֶּערְפֶעקְטִיקֵייט, "וְאֵיךְ תּוּכַל לְנַתֵּק עַצְמְךָ מִמֶּנִּי וְלִפְרֹד מֵאִתִּי", וִוי אַזוֹי קֶענְסְטוּ זִיךְ פוּן מִיר שֵׁיידְן? "הֵן אֱמֶת, שֶׁאַתָּה צָרִיךְ לֵילֵךְ יוֹתֵר", בִּיסְט גֶערֶעכְט אַז דוּ דַארְפְסְט וַוייטֶער עֶנְדִיגְן דַאוֶוענֶען, "כְּדֵי לְלַקֵּט עוֹד סְגֻלּוֹת יְקָרוֹת וַחֲמוּדוֹת גְּדוֹלוֹת", אוּן קְלוֹיבְּן נָאךְ שֵׁיינֶע סְגוּלוֹת מִיט דִי וֶוערְטֶער פוּן דַאוֶוענֶען, "אֲבָל אֵיךְ תּוּכַל לִפְרֹד מִמֶּנִּי וְלִשְׁכֹּחַ אוֹתִי", אָבֶּער וִוי אַזוֹי קֶענְסְטוּ מִיךְ אָפְּלָאזְן? "עַל כָּל פָּנִים תִּרְאֶה שֶׁבְּכָל מָקוֹם שֶׁתֵּלֵךְ וְתָבוֹא לְשָׁם לֹא תִּשְׁכַּח אוֹתִי, וְלֹא תִּפָּרֵד מִמֶּנִּי", בֶּעט אִיךְ דִיר פַארְגֶעס נִישְׁט פוּן מִיר וְכוּ' וְכוּ'; מַמָּשׁ אַזוֹי הָאבְּן מִיר גֶעשְׁפִּירְט מִיט דִי זִיסֶע וֶוערְטֶער פוּן אַהֲבָה רַבָּה, וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט: "מְלַפֶּפֶת וּמְחַבֶּקֶת אוֹתוֹ, וְאֵינָהּ מַנַּחַת אוֹתוֹ לֵילֵךְ מֵאִתָּהּ", דִי וֶוערְטֶער נֶעמֶען אַרוּם דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן ווִילְן נִישְׁט מֶען זָאל וַוייטֶער גֵיין.

**וִוי אַזוֹי אִיז מֶען מַצְלִיחַ צוּ גֶעדֶענְקֶען אוּן גוּט קֶענֶען דָאס לֶערְנֶען?**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת וַיֵּצֵא, ח' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אַז דוּ ווִילְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶערְנֶען, דוּ ווִילְסְט גֶעדֶענְקֶען דָאס לֶערְנֶען, אוּן וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט אַ סִימָן אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אַ מִקְצוֹעַ - צוּ קֶענֶען דִי הֲלָכוֹת קְלָאר - זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם; בַּיים דַאוֶוענֶען בַּיי אַהֲבַת עוֹלָם אִינְדֶערְוָואכְן, אוּן בַּיי אַהֲבָה רַבָּה - זָאלְסְטוּ זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן אוּן בֶּעטְן: "וְתֵן בְּלִבֵּנוּ בִּינָה לְהָבִין וּלְהַשְׂכִּיל וְכוּ'". "וְהָאֵר עֵינֵינוּ בְּתוֹרָתֶיךָ" - זָאלְסְטוּ בֶּעטְן מִיט טְרֶערְן אַז עֶס זָאל דִיר לִיכְטִיג וֶוערְן דִי אוֹיגְן אִין דִי תּוֹרָה; אַנְשְׁטָאט זִיצְן אוֹיף אֵיין סְעִיף

אַ לַאנְגֶע צַייט און קְוֶועטְשְׁן אַזוֹי לַאנְג - זָאלְסְטוּ דַאוֶונֶען און וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין לְכִתְרָהּ שֶׁל תּוֹרָה.

גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת יֶעדְן טָאג צוּפְרִי, אִינְמִיטְן טָאג און בַּיינַאכְט, און בֶּעט אַסַאךְ פַאר דֶעם; זָאלְסְט פַארְשְׁטֵיין דִי תּוֹרָה, און זוֹכֶה זַיין לִלְמוֹד וּלְלַמֵּד לִשְׁמוֹר וְלַעֲשׂוֹת.

וַוייז דֶעם בְּרִיוו פַאר אַלֶע כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט.

אַז דוּ שְׁפִּירְסְט נִישְׁט קַיין טַעַם וֶוען דוּ לֶערְנְסְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר עֶפֶענֶען דַיינֶע אוֹיגְן און דַיין הַארְץ אַז דוּ זָאלְסְט שְׁפִּירְן דָאס זִיסְקֵייט און דָאס לִיכְטִיגְקֵייט וָואס לִיגְט אִין דִי תּוֹרָה. בִּפְרַט בַּיי דִי בְּרָכָה פוּן אַהֲבָה רַבָּה הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעזָאגְט זָאל מֶען מַאֲרִיךְ זַיין און בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל מֶען הָאט אִים אַנְטְפְּלֶעקְט פוּן הִימְל אַז דִי סִיבָּה פַארְוָואס מִיר זֶענֶען אַזוֹי לַאנְג אִין גָלוּת אִיז וַוייל מֶען אִיז נִישְׁט מַאֲרִיךְ בַּיי דִי בְּרָכָה (כַּמּוּבָא בְּתוֹלְדוֹת יַעֲקֹב יוֹסֵף פָּרָשַׁת וָאֵרָא); דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי דִי בְּרָכָה פוּן אַהֲבַת עוֹלָם: **"וְהָאֵר עֵינֵינוּ בְּתוֹרָתֶךָ, הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין דִי תּוֹרָה, אִיךְ וִויל שְׁפִּירְן דָאס זִיסְקֵייט וָואס לִיגְט אִין דִי גְּמָרָא"**, וֶועסְטוּ זֶען אַז בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין דִי תּוֹרָה, דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ שׁוֹין גָארְנִישְׁט דַארְפְן - נִישְׁט דִי וֶועלְט און נִישְׁט יֶענֶע וֶועלְט - נָאר דִי תּוֹרָה אַלֵיינְס.

בֶּעט זִיךְ אוֹיס בַּיי אַהֲבָה רַבָּה, וְהָאֵר עֵינֵינוּ בְּתוֹרָתְךָ, דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, און בֶּעט זִיךְ אוֹיס בַּיי שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, בַּיי דִי בְּרָכָה פוּן הֲשִׁיבֵנוּ אָבִינוּ לְתוֹרָתֶךָ - בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן, דַיינֶע אוֹיגְן וֶועלְן זִיךְ עֶפֶענֶען, דוּ וֶועסְט פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען און שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין לֶערְנֶען.

תְּפִלָּה אִיז דִי עֵצָה צוּצוּקוּמֶען צוּ אַלֶעס, אֵיינֶער הָאט אַמָאל גֶעבֶּעטְן דֶעם רֶבִּי'ן עֶר זָאל אִים גֶעבְּן הַנְהָגוֹת נָאנְט צוּ וֶוערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט אִים דֶער

רֶבִּי גֶעזָאגְט עֶר זָאל לֶערְנֶען תּוֹרָה, דָאס מַאכְט נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן קיא): "הֲלֹא אֵינִי יָכוֹל לִלְמֹד", אִיךְ קֶען דָאךְ נִישְׁט לֶערְנֶען? הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "עַל יְדֵי תְּפִלָּה יְכוֹלִין לָבוֹא לַכֹּל", דוּרְךְ תְּפִלָּה קֶען מֶען צוּקוּמֶען צוּ אַלֶעס; "לְכָל טוּב", צוּ אַלֶעס גוּטְס, "לְתוֹרָה", צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, "וַעֲבוֹדָה", צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וּלְכָל הַקְּדֻשּׁוֹת", צוּ אַלֶע הֵיילִיגְקֵייטְן, "וּלְכָל הָעֲבוֹדוֹת", צוּ אַלֶע עֲבוֹדוֹת וָואס אִיז נָאר פַארְהַאנֶען, "וּלְכָל הַטּוֹבוֹת שֶׁבְּכָל הָעוֹלָמוֹת", אוּן צוּ אַלֶעס גוּטְס פוּן אַלֶע וֶועלְטְן.

עֶס אִיז יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת אִינְדֶערְפְרִי, מֶען הָאט שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט הַלֵּל, מֶען גֵייט שׁוֹין בַּאלְד זָאגְן "אַקְדָמוּת", מֶען וַוארְט מֶען זָאל שׁוֹין עֶפֶענֶען דֶעם אָרוֹן הַקּוֹדֶשׁ, אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

פְּלוּצְלוּנְג הֶערְט מֶען שְׁרֵייעֶן הוֹיךְ: "אַ נֵייעֶ תּוֹרָה...! אַ נֵייעֶ תּוֹרָה...!" דֶער אִיד וָואס נֶעמְט אַרוֹיס דִי תּוֹרָה אִיז אִיבֶּערְגֶעדֶעקְט מִיטְ'ן טַלִּית אוּן שְׁרֵייט: "אַ נֵייעֶ תּוֹרָה! אַ נֵייעֶ תּוֹרָה!" עֶר הוֹיבְּט אָן זִינְגֶען: "סְ'אִיז בֶּעסֶער צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה מֶער פוּן אַלֶע גָאלְד אוּן זִילְבֶּער!"

אַלֶע מֶענְטְשְׁן וואוּנְדֶערְן זִיךְ 'וָואס גֵייט דָא פָאר? וָואס אִיז הַיינְט - שִׂמְחַת תּוֹרָה? הַיינְט אִיז יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת! וָואס טַאנְצְט עֶר אַזוֹי? וָואס שְׁרֵייט עֶר אַזוֹי?!'

קִינְדֶער, אִיר וֵוייסְט וֶוער עֶס אִיז דֶער אִיד וָואס טַאנְצְט אַזוֹי?

גֶעוֶוען אִיז דָאס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר פְלֶעגְט אַלְץ מַאכְן פְּתִיחַת הָאָרוֹן, עֶר פְלֶעגְט אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה פוּנֶעם אָרוֹן הַקּוֹדֶשׁ; פַּאסִירְט אֵיין יָאר יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, רֶבִּי נָתָן נֶעמְט אַרוֹיס דִי תּוֹרָה אוּן עֶר וֶוערְט אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, מִיר זֶענֶען אוֹיסְדֶערְוֶועלְט פוּן אַלֶע פֶעלְקֶער; רֶבִּי נָתָן נֶעמְט אַרוּם דִי תּוֹרָה אוּן הוֹיבְּט אָן טַאנְצְן, עֶר שְׁרֵייט: "אַ נֵייעֶ תּוֹרָה...! אַ נֵייעֶ תּוֹרָה...!" אַזוֹי וִוי אֵיינֶער פְרֵיידְט זִיךְ מִיט אַ נֵייעֶ זַאךְ, אַ נֵייעֶ קְלֵייד, אַ נֵייעֶ חֵפֶץ.

עֶר הָאט גֶענוּמֶען דִי תּוֹרָה אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן טַאנְצְן אַרוּם דֶעם בִּימָה, אוּן וֶוען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן דָאס גֶעזֶען הָאבְּן זֵיי אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן טַאנְצְן, עֶס אִיז גֶעוָוארְן מַמָּשׁ אַזוֹי וִוי שִׂמְחַת תּוֹרָה, מֶען הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט מִיט דִי תּוֹרָה.

לָאמִיר אַלֶע טַאנְצְן מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, לָאמִיר אַלֶע שְׁרֵייעֶן הוֹיךְ: "שְׁכּוֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ בִּין אַ אִיד! אִיךְ פְּרֵיי זִיךְ צוּ זַיין אַ אִיד!"

## הַלֵּל

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת אוֹת אַהֲבָה, סִימָן ח׳): "עַל יְדֵי אֲמִירַת הַלֵּל בְּקוֹל גָּדוֹל, זוֹכִים לְאַהֲבַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ", אַז מֶען זָאגְט הַלֵּל אוֹיפְן קוֹל אִיז מֶען זוֹכֶה לִיבּ צוּ הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר זָאגְן מִיר הַלֵּל אִין יְשִׁיבָה צוּזַאמֶען אוֹיפְן קוֹל.

נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם אוֹת מְרִיבָה, סִימָן ג׳) "עַל יְדֵי קְרִיאַת הַלֵּל יוֹשִׁיעַ לְךָ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מֵאוֹיְבֶיךָ". יְעֶדֶער הָאט פַּיינְט, בִּפְרַט דֶער גְרוֹיסֶער פַּיינְט דֶער יֵצֶר הָרָע וָואס עֶר הָאט פַּיינְט אַ מֶענְטְשׁ אוּן עֶר וִויל אִים נָאר צוּ נֶעמֶען דֶער וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט, אַזוֹי וִוי ר׳ אַבְרָהָם בֶּן ר׳ נַחְמָן הָאט גֶעזָאגְט: "דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם וִויל נִישְׁט צוּנֶעמֶען דֶעם מֶענְטְשׁ זַיין רוּחָנִיּוּת, עֶר וִויל אִים צוּנֶעמֶען זַיין גַשְׁמִיּוּת אוֹיךְ", עֶר וִויל אִים הַרְגְ׳עֶנֶען אִינְגַאנְצְן. נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם אוֹת שָׂרִים, סִימָן ג׳): "אֲמִירַת 'הַלֵּל' וּצְדָקָה מְסֻגָּלִין לְחֵן בְּעֵינֵי הַשָּׂר". אַז מֶען זָאגְט הַלֵּל בַּאקוּמְט מֶען חֵן.

זָאלְסְט נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן דַאנְקֶען אוֹיף וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט דִיר, "מְקִימִי מֵעָפָר דָּל", עֶר הָאט מִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן פוּן בְּלָאטֶע, "מֵאַשְׁפּוֹת יָרִים אֶבְיוֹן", וואוּ בִּין אִיךְ גֶעוֶוען? וואוּ בִּין אִיךְ גֶעלֶעגְן? אִין דִי מִיסְט, אִין דִי טוּמְאָה, "לְהוֹשִׁיבִי עִם נְדִיבִים", הַיינְט בִּין אִיךְ זוֹכֶה צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי׳ן, זִיצְן אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי צַדִּיקִים, "הַהֹפְכִי הַצּוּר", מַיין פַארְשְׁטֵיינֶערְטֶע הַארְץ הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט "אֲגַם מָיִם" - צוּ תּוֹרָה וּתְפִלָּה.

זִינְג הַלֵּל; זִינְג דִי זִיסֶע וֶוערְטֶער פוּן הַלֵּל, וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ זִינְגְט (תְּהִלִּים קיח, יג): "דָּחֹה דְחִיתַנִי לִנְפֹּל וַה׳ עֲזָרָנִי", מַיינֶע פַּיינְט ווִילְן מִיךְ אַרָאפְּוַוארְפְן, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט מִיר; דִי פַּיינְט מֶען מֶען דִי סִטְרָא אַחֲרָא, וָואס וִויל

אויסרייסן דעם מענטש פוןביידע וועלטן. אזוי ווי דער זוהר הקדוש טייטשט (פרשת וישלח, קעט.): "דא סטרא אחרא", דאס מיינט מען די סטרא אחרא, "דדחייא ליה לבר נש תדיר", וואס ווארפט אראפ דעם מענטש נאכאמאל און נאכאמאל, אבער: "וה' עזרני", דער אייבערשטער היט אים, ווי אזוי? וואס איז די עצה צו ווערן אפגעהיטן פונעם סמ"ך מ"ם? זאגט מוהרא"ש (סידור עת רצון, הלל) דורך (תהלים קיח, יד): "עזי וזמרת קה", דורך זינגען און לויבן צום אייבערשטן, "ויהי לי לישועה", דאס איז די ישועה; זינגען צום אייבערשטן און זוכן אין זיך גוטע נקודות - דאס פארשניידט די שלעכטס.

גיי אביסל שפאצירן יעדן טאג, בעט דעם אייבערשטן: "**הייליגער באשעפער, איך וויל זיין נאנט צו דיר, איך וויל דיך דינען, איך וויל לעבן מיט דיר**", וועסטו זוכה זיין צו שפירן א שטארקע נאנטקייט צום אייבערשטן.

דער הייליגער שפת אמת זכותו יגן עלינו האט אמאל געזאגט פאר איינעם: "ביים זאגן הלל, ביי די פסוק 'אנא השם' קען מען זוכה זיין צו פועל'ן זייער גרויסע זאכן". ווען דער איד האט דאס געהערט האט ער דאס דערציילט פאר אנדערע, ביז עס איז געווארן א גרויסע התעוררות ביי הלל, ביי די פסוק "אנא השם הושיעה נא". האט דער שפת אמת געזאגט, נישט דעם פסוק האב איך געמיינט, איך האב געמיינט דעם פסוק "אנא השם כי אני עבדך", ווען א איד וויינט זיך אויס: "**רבונו של עולם, איך בין דיין קנעכט, איך בין גרייט צו טון אלעס פאר דיר, איך וויל זיין נאנט צו דיר, איך וויל דיך דינען**", דעמאלט קען מען פועל'ן ישועות.

ברודער, ברסלב איז נישט קיין פלאץ, ברסלב איז אין הארץ, אין מח, זע צו זיין א ברסלב'ער, עס איז נישט גענוג צו וואוינען אין ברסלב.

גיי התבודדות, שריי: "אנא השם כי אני עבדך!"

## אקדמות

מען רופט אויס כהן און איידער ער איז עולה זאגט מען די אקדמות מיטן

זיסן באַקאַנטן ניגון וואס דער הייליגער רבי האט באַוואונדערט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רנו).

אַקְדָמוּת האבן מיר געזאגט מיט די זיסע ניגון. דער רבי האט געזאגט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רנו) דאס איז אַ ניגון וואס מאכט בענקען צום אייבערשטן, און בַּיי די ווערטער: "קְבִיעִין כֵּן תֶּהֱווּן, בְּהַנְהוּ חֲבוּרָתָא", האב איך געבעטן דעם אייבערשטן: **"הייליגער באַשעפער איך וויל בלייבן אין די הייליגע חבורה חבורת היכל הקודש, ווי דער רבי רופט עס** (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שטו) **'חֲבוּרָה אֲהוּבָה וַחֲבִיבָה', נישט אָפּלאָזן אַזאַ הייליגע פּלאַץ, נישט אַוועק גיין"**; מען דאַרף רַחֲמֵי שָׁמַיִם אויף דעם, ווייל דער סמ"ך מ"ם פאַרלייגט זיך זייער אַוועק צו שלעפּן יעדע איינעם פון הייליגן רבי'ן, יעדן איינעם מיט אַן אַנדערע בִּלְבּוּל, יעדן איינעם שטערט עפּעס אַנדערש; און אַז מען בעט נישט דעם אייבערשטן - פאַלט מען אַוועק, מען לאָזט אָפּ דעם הייליגן רבי'ן.

## מַתַּן תּוֹרָה

### וַיִּחַן שָׁם יִשְׂרָאֵל נֶגֶד הָהָר (שְׁמוֹת יט, ב)

מיר שטייען שוין בַּיים באַרג סיני, מיר גייען שוין זוכה זיין צו מְקַבֵּל זיין די תורה, און בַּיי קַבָּלַת הַתּוֹרָה שטייט (שְׁמוֹת יט, ב): "וַיִּחַן שָׁם יִשְׂרָאֵל נֶגֶד הָהָר", זאָגט רש"י, פאַרוואס שטייט אַ לָשׁוֹן יָחִיד? ווייל איבעראַל איז געווען תַּרְעוּמוֹת און מַחֲלֹקֶת, און בַּיים באַרג סיני איז געווען אָן מַחֲלֹקֶת.

דער הייליגער רבי זאָגט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן לג): "הַכְּלָל הוּא, שֶׁצָּרִיךְ לְבַקֵּשׁ שָׁלוֹם", מען דאַרף שטענדיג זוכה צו זיין בְּשָׁלוֹם, "שֶׁיִּהְיֶה שָׁלוֹם בֵּין יִשְׂרָאֵל", סיי מיט מענטשן, עס זאָל זיין שָׁלוֹם צווישן אידישע קינדער, "וְשֶׁיִּהְיֶה שָׁלוֹם לְכָל אָדָם בְּמִדּוֹתָיו", און סיי מיטן מענטש אַליין, דער מענטש זאָל זיין בְּשָׁלוֹם מיט זיך, "הַיְנוּ שֶׁלֹּא יִהְיֶה מְחֻלָּק בְּמִדּוֹתָיו וּבְמְאוֹרְעוֹתָיו", ער זאָל נישט זיין בְּרוֹגֶז ווען זאַכן גייען נישט ווי ער וויל, "שֶׁלֹּא יְהֵא לוֹ חִלּוּק בֵּין בְּטִיבוּ בֵּין בְּעָקוּ", 'סיי ווען עס גייט מיר גוט און סיי ווען עס גייט מיר פאַרקערט', "תָּמִיד יִמְצָא בּוֹ הַשֵּׁם

יִתְבָּרַךְ", 'וויס איך אַז דער אייבערשטער איז דָא מִיט מִיר און ער מַאכְט מִיר נָאר גוּטס, אַזוֹי ווי דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִלִּים נו, יא) 'בְּהַשֵּׁם', ווען דער אייבערשטער גִיבְּט מִיר חֲסָדִים, 'אֲהַלֵּל דָּבָר', דַאנְק אִיךְ אִים, 'בֵּאלֹקִים', און ווען עס קוּמְט דער מִידַּת הַדִּין, 'אֲהַלֵּל דָּבָר', דַאנְק אִיךְ אִים'; דָאס זָאגְט אוּנְז דִי תּוֹרָה, ווען דִי אִידְן זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם בַּארְג סִינַי אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין מַחֲלֹקֶת מִיט זִיךְ אַלֵיין, מֶען אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען בְּרוֹגֶז אוֹיפְן אייבערשטן, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין טַעֲנוֹת; דָאס מֵיינְט דער פָּסוּק: "וַיִּחַן שָׁם יִשְׂרָאֵל, 'כְּאִישׁ אֶחָד בְּלֵב אֶחָד'", מִיט אֵיין הַארְץ, אָן קֵיין תַּרְעוּמוֹת.

טַייעֶרֶע חֲבֵרִים, מֶען קֶען גֵיין אָנְגֶעטוּן מִיט דִי שְׁמוֹנָה בְּגָדִים, אָבֶער אוֹיבּ מֶען הָאט אֵיין פִּינְטֶעלֶע טַעֲנוֹת אוֹיפְן אייבערשטן, אֵיין פִּינְטֶעלֶע תַּרְעוּמוֹת - אִיז מֶען בַּיי דִי טוּמְאָה רַחֲמָנָא לִצְלָן; מֶען טָאר נִישְׁט הָאבְּן קֵיין קַשְׁיוֹת און טַעֲנוֹת אוֹיפְן אייבערשטן, מֶען דַארְף הָאבְּן אֱמוּנָה אַז דער אייבערשטער מַאכְט נָאר גוּט, ער פִירְט אַלֶעס בְּצֶדֶק וּבְמִשְׁפָּט בְּחֶסֶד וּבְרַחֲמִים.

## כֹּה תֹאמַר לְבֵית יַעֲקֹב וְתַגֵּיד לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל (שְׁמוֹת יט, ג)

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט עֶרֶב יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, דַארְפְט אִיר זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ ווייל אוֹיךְ דִי פְרוֹיעֶן זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען בַּיים בַּארְג סִינַי און מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה; מֶען זֶעט בַּיי מַתַּן תּוֹרָה הָאט דער אייבערשטער גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אַז ער זָאל קוֹדֶם גֵיין צוּ דִי פְרוֹיעֶן און נָאכְדֶעם צוּ דִי מֶענֶער, אַזוֹי ווי עס שְׁטֵייט (שְׁמוֹת יט, ג): "כֹּה תֹאמַר לְבֵית יַעֲקֹב, וְתַגֵּיד לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל"; זָאגְט רַשִׁ"י, לְ"בֵית יַעֲקֹב" - אֵלּוּ הַנָּשִׁים, "וְתַגֵּיד לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל" - עוֹנָשִׁים וְדִקְדּוּקִין, פָּרֵשׁ לַזְּכָרִים דְּבָרִים הַקָּשִׁין כְּגִידִין; פַארְוָואס הָאט דער אייבערשטער גֶעהֵייסְן זָאגְן קוֹדֶם פַאר דִי פְרוֹיעֶן און נָאכְדֶעם פַאר דִי מֶענֶער? ווייל אַז דִי פְרוֹי אִיז גוּט צוּ אִיר מַאן דֶעמָאלְט קֶען מֶען רֶעדְן צוּם מַאן, אַזוֹי ווי דער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "מִיט אֵיין זַאךְ אִיז מִיר גֶערָאטְן, אַז מַיין ווייבּ אִיז גֶעוֶוען מִיט מִיר".

ווייל ווען דער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט - אִין דֶעם טָאג פוּן זַיין בַּר מִצְוָה, הָאט ער גֶעבֶּעטְן זַיין ווייבּ אַז זִי זָאל אִים צוּזָאגְן אַז זִי וֶועט זַיין מִיט אִים, און אִים הֶעלְפְן צוּ ווערְן נָאנְט צוּם אייבערשטן, און זִי אִיז אַ גַאנְץ לֶעבְּן גֶעוֶוען מִיטְן רֶבִּי'ן, עַד כְּדֵי כַּךְ, אַז דער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: ווען אִיךְ זָאל וויסְן דָאס

גְרוֹיסְקַייט פוּן זִיווּג רִאשׁוֹן וָואלְט אִיךְ גֶעטוּן אַלֶעס אִין דֶער וֶועלְט אַז זֵי זָאל לֶעבְּן, אִיךְ וָואלְט גֶעזָאגְט "זָאלְסְטוּ קְרֶענְקֶען, אוּן לֶעבְּן זָאלְסְטוּ", וַוייל זֵי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר קְרַאנְק אַ לַאנְגֶע צַייט.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶעזָאגְט: וֶוען אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעהַאט מַיין עֶרְשְׁטֶע וַוייבּ, וָואלְט אִיךְ אַרוֹיף לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט אִין הִימְל אִינְמִיטְן טָאג, אַזוֹי וִוי אֵלִיָהוּ הַנָּבִיא אִיז אַרוֹיף לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט אִין הִימְל; אוּן אִיךְ וָואלְט אַרוֹיף אִין הִימְל אִינְמִיטְן דִי גַאס אִין מֶעזִיבּוּז, נִישְׁט אַזוֹי וִוי אֵלִיָהוּ הַנָּבִיא וָואס אִיז אַרוֹיף אִין הִימְל לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט אִין מִדְבָּר. וַוייל אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אוּן זַיין וַוייבּ הֶעלְפְט אִים צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ זֵייעֶר גְרוֹיסֶע זַאכְן.

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט עֶרֶב יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, דֶי יוֹם טוֹב פוּן מַתַּן תּוֹרָה וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז אַרוֹיף אוֹיפְן בַּארְג סִינַי נֶעמֶען דִי תּוֹרָה פַאר אוּנְז אִידְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעזָאגְט עֶר זָאל קוֹדֶם גֵייין צוּ דִי פְרוֹיעֶן אוּן נָאכְדֶעם צוּ דִי מֶענֶער, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (שְׁמוֹת יט, ג): "כֹּה תֹאמַר לְבֵית יַעֲקֹב, וְתַגֵּיד לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל"; "בֵּית יַעֲקֹב" דָאס מֵיינְט מֶען דִי פְרוֹיעֶן, אוּן "בְּנֵי יִשְׂרָאֵל" דָאס זֶענֶען דִי מֶענֶער. לִכְאוֹרָה, פַארְוָואס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עֶר זָאל קוֹדֶם רֶעדְן צוּ דִי פְרוֹיעֶן אוּן עֶרְשְׁט נָאכְדֶעם צוּ מֶענֶער? וַוייל פְרוֹיעֶן הָאבְּן אַ שְׁטֶערְקֶערֶע אֱמוּנָה וִוי מֶענֶער, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן לג): "אֵצֶל הָעוֹלָם אֱמוּנָה הוּא דָּבָר קָטָן, וְאֶצְלִי אֱמוּנָה הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד, וְעִקַּר הָאֱמוּנָה הִיא בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת וַחֲקִירוֹת כְּלָל, רַק בִּפְשִׁיטוּת גָּמוּר כְּמוֹ שֶׁהַנָּשִׁים וְהַהֲמוֹן עַם הַכְּשֵׁרִים מַאֲמִינִים", בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אֱמוּנָה אַ קְלֵיינִיקַייט, אָבֶּער בַּיי מִיר אִיז דֶער עִיקַר אֱמוּנָה, אָן קַיין חֲקִירוֹת אוּן אָן קַיין חָכְמוֹת, נָאר פָּשׁוּט אַזוֹי וִוי פְרוֹיעֶן אוּן פָּשׁוּט'עֶ מֶענְטְשְׁן – וָואס לֶעבְּן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - גְלֵייבְּן; דֶערְפַאר הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עֶר זָאל קוֹדֶם רֶעדְן צוּ דִי פְרוֹיעֶן, וַוייל דִי תּוֹרָה קֶען מֶען נָאר מְקַבֵּל זַיין אַז מֶען הָאט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה.

וָואס אִיר דַארְפְט זָאלְט אִיר בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ; אִיר זָאלְט זִיךְ מַאכְן אַ תְּפִלָּה צֶעטְל וואוּ אִיר זָאלְט אַרָאפּ שְׁרַייבְּן אַלֶעס וָואס אִיר דַארְפְט, אַלֶעס וָואס בַּאדֶערְט אַייךְ אוּן אַלֶע נַאטוּרְן וָואס אִיר דַארְפְט פַארְרֶעכְטְן. אִיר

זָאלְט דָאס פַאר קֵיינֶעם נִישְׁט ווייזְן, דָאס זָאל זַיין צְווִישְׁן אַייךְ אִינֶעם בַּאשֶׁעפֶער; יֶעדְן טָאג זָאלְט אִיר אַרוֹיסְנֶעמֶען דֶעם צֶעטְל און בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז אִיר וֶועט זֶען דִי יְשׁוּעָה. נָאכְדֶעם זָאלְט אִיר מַאכְן אַ סִימָן בַּיי יֶעדֶע זַאךְ וָואס אִיר זֶענְט שׁוֹין גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן; אַזוֹי זָאלְט אִיר טוּן בְּמֶשֶׁךְ אַייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן, וֶועט אִיר זֶען מִיט אַייעֶרֶע אוֹיגְן בַּאשֵׁיינְפֶּערְלִיךְ ווִי וַוייט מֶען קוּמְט אָן מִיט תְּפִלָּה.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שִׁיר הַשִּׁירִים רַבָּה א, ד): וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַאר דִי אִידְן הָאט עֶר זֵיי גֶעבֶּעטְן: "הָבִיאוּ לִי עֲרֵבִים טוֹבִים שֶׁתִּשְׁמְרוּהָ", בְּרֶענְגְט מִיר אַ גַארַאנְטִי אַז אִיר וֶועט הִיטְן דִי תּוֹרָה, הָאבְּן דִי אִידְן פְּרוּבִּירְט צוּ בְּרֶענְגֶען אַסַאךְ עֲרֵבִים, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיף אַלֶעמֶען גֶעעֶנְטְפֶערְט: "עָרֵבְךָ צָרִיךְ עָרֵב", דֶער עָרֵב אַלֵיינְס דַארְף אַ גַארַאנְטִי, בִּיז דִי אִידְן הָאבְּן גֶעזָאגְט: "בָּנֵינוּ עוֹרְבִים אוֹתָנוּ", אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זֶענֶען אוּנְזֶערֶע גַארַאנְטִיס אַז מִיר וֶועלְן הַאלְטְן דִי תּוֹרָה, "אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא הָא וַדַּאי עֲרֵבִים טוֹבִים, עַל יְדֵיהֶם אֶתְנֶנָּה לָכֶם, הֲדָא הוּא דִכְתִיב (תְּהִלִּים ח, ג): מִפִּי עוֹלְלִים וְיֹנְקִים יִסַּדְתָּ עֹז", דָאס זֶענֶען גוּטֶע גַארַאנְטִיס, בִּזְכוּת דִי קִינְדֶער וֶועל אִיךְ עֶנְק גֶעבְּן דִי תּוֹרָה; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶענוּמֶען אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער פַאר אַ גַארַאנְטִי אַז מִיר וֶועלְן הַאלְטְן דִי תּוֹרָה.

הֶיוֹת דִי אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן זֵיי זֶענֶען דִי וָואס זֶענֶען מְחַנֵּךְ דִי קִינְדֶער, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה פְרֶעגְן (בְּרָכוֹת יז.): "נָשִׁים בְּמַאי זָכְיָין", דִי מֶענֶער בַּאקוּמֶען שְׂכַר פַארְן לֶערְנֶען, אָבֶּער דִי פְרוֹיעֶן לֶערְנֶען דָאךְ נִישְׁט קֵיין תּוֹרָה, אוֹיף וָואס גֵייעֶן זֵיי בַּאקוּמֶען שְׂכַר? עֶנְטְפֶערְט דִי גְמָרָא: "בְּאַקְרוּיֵי בְּנַיְיהוּ לְבֵי כְּנִישְׁתָּא, וּבְאַתְנוּיֵי גַבְרַיְיהוּ בֵּי רַבָּנָן, וְנָטְרָין לְגַבְרַיְיהוּ עַד דְּאָתוּ מִבֵּי רַבָּנָן", מִיט דֶעם וָואס זֵיי טְרָאגְן דִי קִינְדֶער אִין חֵדֶר און מִיט דֶעם וָואס זֵיי וַוארְטְן אָפּ זֵייעֶרֶע מֶענֶער וֶוען זֵיי קוּמֶען אַהֵיים פוּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וְכוּ'; דֶערִיבֶּער וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ גֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַאר דִי אִידְן הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהֵייסְן פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ קוֹדֶם צוּ רֶעדְן צוּ דִי פְרוֹיעֶן וַוייל אִין זֵייעֶר זְכוּת הָאבְּן מִיר בַּאקוּמֶען דִי תּוֹרָה.

### רֵד הָעֵד בָּעָם פֶּן יֶהֶרְסוּ אֶל ה׳ לִרְאוֹת וְנָפַל מִמֶּנּוּ רָב (שְׁמוֹת יט, כא)

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳, סִימָן עב): מֶען דַארְף זִיךְ הִיטְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס טְרַייבְּט אִיבֶּער אוּן מַאכְט דֶער מֶענְטְשׁ זָאל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶער פוּן דִי מָאס, מֶער וִויפִיל מֶען קֶען פַארְנֶעמֶען; דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם) וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַאר דִי אִידְן הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ (שְׁמוֹת יט, כא): "רֵד הָעֵד בָּעָם פֶּן יֶהֶרְסוּ אֶל ה׳ לִרְאוֹת וְנָפַל מִמֶּנּוּ רָב", גֵיי זָאג דִי אִידְן זֵיי זָאלְן נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּם בַּארְג; וַוייל דִי אִידְן זֶענֶען דֶעמָאלְט גֶעוֶוען אִין אַ זֵייעֶרע אַ הוֹיכֶע מַדְרֵיגָה הָאט מֶען זֵיי גֶעדַארְפְט זָאגְן זֵיי זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן זִיךְ נִישְׁט אִיבֶּערְצוּוַוייסְן, נִישְׁט טוּן מֶער פוּן דִי מָאס.

וֶוער הָאט דִיר גֶעבֶּעטְן זָאלְסְט אָפְּלָאזְן דַיין אַרְבֶּעט? גֵיי צוּרִיק אַרְבֶּעטְן אוּן נֶעם מִיט דִיר מִיט אַ זֶעקֶל סְפָרִים, וֶוען דוּ הָאסְט אַפָּאר מִינוּט זָאלְסְטוּ אַרַיין כַאפְּן אַבִּיסְל לִימּוּד הַתּוֹרָה.

טוּ נִישְׁט קַיין וִוילְדֶע זַאכְן; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִין דִי אַרְבֶּעט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִין שְׁטוּב. מֶען דַארְף נִישְׁט אַוֶועק לוֹיפְן עֶרְגֶעץ וַוייט צוּ טְרֶעפְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### וַיַּעֲמֹד הָעָם מֵרָחֹק וּמֹשֶׁה נִגַּשׁ אֶל הָעֲרָפֶל אֲשֶׁר שָׁם הָאֱלֹקִים

(שְׁמוֹת כ, יח)

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳, סִימָן קטו) אַז מֶענְטְשְׁן וָואס לֶעבְּן נִישְׁט מִיט אַ צַדִּיק, וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף זֵיי אַ צָרָה וֶוערְן זֵיי זֵייעֶר מְבֻלְבָּל, זֵיי הָאבְּן קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה אוּן זֵיי פַאלְן אַוֶועק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט לֵיידֶער זֵייעֶר אַסַאךְ וָואס זֶענֶען אַוֶועק גֶעפַאלְן נָאר פוּן קַשְׁיוֹת וְכוּ׳. אָבֶּער וֶוען מֶען קוּמְט צוּם צַדִּיק, לֶערְנְט עֶר אוֹיס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִין דִי צָרָה, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס בַּאהַאלְט זִיךְ אִינֶעם נֶעפֶל, אוּן דֶער צַדִּיק גֶעבְּט אוּנְז אַן עֵצָה וִוי אַזוֹי מִיר זָאלְן אַרוֹיס גֵיין פוּן דִי נֶעפֶל, מֶען זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוּן לִיכְטִיג מַאכְן מֶען זָאל וִויסְן וָואס צוּ טוּן.

מִיט דֶעם טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי דֶעם פָּסוּק (שְׁמוֹת כ, יח): "'וַיַּעֲמֹד הָעָם מֵרָחֹק', כִּי כְּשֶׁרוֹאִין הָעֲרָפֶל, הַיְנוּ הַמְּנִיעָה, עוֹמְדִין מֵרָחֹק", דָאס הֵייסְט מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען נִישְׁט מְקוֹרָב צוּם צַדִּיק, וֶוען זֵיי זֶעעֶן אַ מְנִיעָה שְׁטֵייעֶן זֵיי פוּן דֶערְוַוייטְנְס וְכוּ׳,

זָאגְט דֶער רֶבִּי: "וּמֹשֶׁה, שֶׁהוּא בְּחִינוֹת דַּעַת כָּל יִשְׂרָאֵל, נִגַּשׁ אֶל הָעֲרָפֶל אֲשֶׁר שָׁם הָאֱלֹקִים, הַיְנוּ אֶל הַמְּנִיעָה, שֶׁבָּהּ בְּעַצְמָהּ נִסְתָּר הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", אָבֶּער דֶער צַדִּיק גֵייט נָאנְט צוּ דִי מְנִיעָה וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאהַאלְט זִיךְ, אוּן דָאס לֶערְנְט עֶר אוֹיס פַאר זַיינֶע מְקוּרָבִים; ווייל עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין שׁוּם מְצִיאוּת אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֲפִילוּ עֶר זֶעט דִי גְרֶעסְטֶע מְנִיעָה פַאר זַיינֶע אוֹיגְן וֶועט עֶר נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֶועט נָאר וֶוערְן שְׁטֶערְקֶער מִיט דִי אֱמוּנָה.

## עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת

### אָנֹכִי ה׳ אֱלֹקֶיךָ - אֱמוּנָה

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מִדְרָשׁ פְּלִיאָה) וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת (שְׁמוֹת כ, ב): "אָנֹכִי ה׳ אֱלֹקֶיךָ", הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גְלַייךְ אוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן: "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי!" אַלֶע פְרֶעגְן וָואס אִיז דֶער קֶשֶׁר אֵיינְס מִיטְ'ן צְווייטְן? זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה: "עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קֵיין קַשְׁיָא; וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן דִי תּוֹרָה אִיז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעוָוארְן אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי!' בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ בִּין אַ אִיד, אִיךְ בִּין נִישְׁט קֵיין גּוֹי"; אַז מֶען פְרֵייט זִיךְ מִיט דֶעם אִיז מֶען אֵייבִּיג פְרֵיילִיךְ, "אַ גּוֹי בִּין אִיךְ נִישְׁט, וָואס דוּ ווילְסְט נָאר זָאגְן אוֹיף מִיר קֶענְסְטוּ זָאגְן, אָבֶּער אַ גּוֹי בִּין אִיךְ נִישְׁט".

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן לג): "אֵצֶל הָעוֹלָם אֱמוּנָה הוּא דָּבָר קָטָן, וְאֶצְלִי אֱמוּנָה הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד, וְעִקַּר הָאֱמוּנָה הִיא בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת וַחֲקִירוֹת כְּלָל, רַק בִּפְשִׁיטוּת גָּמוּר כְּמוֹ שֶׁהַנָּשִׁים וְהֶהָמוֹן עַם הַכְּשֵׁרִים מַאֲמִינִים", בַּיי דֶער וֶועלְט אִיז אֱמוּנָה אַ קְלֵיינִיקְייט, אָבֶּער בַּיי מִיר אִיז דֶער עִיקָר אֱמוּנָה, אָן קֵיין חֲקִירוֹת אוּן אָן קֵיין חָכְמוֹת, נָאר פָּשׁוּט אַזוֹי וִוי פְרוֹיעֶן אוּן פָּשׁוּטְ'ע מֶענְטְשְׁן גְלֵייבְּן; וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה? דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה, אַזוֹי זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן מד): "הָאֱמוּנָה תּוֹלָה בְּפֶה שֶׁל אָדָם", אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים פט, ב): "אוֹדִיעַ אֱמוּנָתְךָ בְּפִי"; וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוינְט

זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלְץ שְׁטֶערְקֶער וֶוערְט אִין אִים אַיינְגֶעבַּאקְן דִי אֱמוּנָה.

אַז מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת הָאט מֶען אַ גוּט לֶעבְּן; עֶס אִיז אַסַאךְ מָאל זֵייעֶר שְׁוֶוער אָנְצוּגֵיין, מֶען שְׁפִּירְט וִוי מֶען וויל אוֹיף גֶעבְּן, בִּפְרַט וֶוען עֶס גֵייט אִיבֶּער מִבַּיִת וּמִבַּחוּץ, מַחֲלֹקֶת אוּן שְׁפִיכוּת דָמִים, מֶען כַאפְּט אַרַיין בִּזְיוֹנוֹת וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער אוֹיב מֶען פַארְלִירְט זִיךְ נִישְׁט, מֶען גֵייט וַוייטֶער אָן, אוּן אֲפִילוּ מֶען הָאט זִיךְ שׁוֹין יָא פַארְלוֹירְן פַארְלִירְט מֶען זִיךְ נִישְׁט וַוייטֶער, נָאר מֶען פְּרוּבִּירְט מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה, אִיז מֶען זוֹכֶה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה, סִימָן לג): "עַל יְדֵי אֱמוּנָה, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יִסְלַח לְךָ עַל כָּל עֲווֹנוֹתֶיךָ", אַז מֶען הָאט אֱמוּנָה אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת; מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג חַזֶר'ן דֶעם דִיבּוּר פוּן רֶבִּי'ן, וַוייל אַז מֶען שְׁפְּרִינְגְט אִיבֶּער אַלֶע קַשְׁיוֹת אוּן אַלֶע סְפֵיקוֹת אוּן מֶען הָאט אֱמוּנָה אִיז גָאר גוּט.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין רֶבִּי'נְ'ס סְפָרִים אוּן אִין דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

דִי סְפָרִים הָאבְּן אִין זִיךְ אַ כֹּחַ אַז מֶען אִיז זוֹכֶה דוּרְכְדֶעם צוּ אֱמוּנָה יְשָׁרָה דִקְדֻשָּׁה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב סִימָן ח, אוֹת ח): "כָּל הַמִּתְקָרְבִים לְמַנְהִיג אֲמִתִּי, זוֹכִין לֶאֱמוּנָה יְשָׁרָה דִקְדֻשָּׁה", אַלֶע וָואס וֶוערְן מְקוּרָב צוּם צַדִיק בַּאקוּמֶען אַ שְׁטַארְק לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה. אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט בַּיים בַּארְג סִינַי, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קמו.), דִי אִידְן הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶועְן צוּ אַזַא הֵיילִיגְקֵייט, עֶס אִיז גֶעוֶוען "פָּסְקָה זֻהֲמָתָן" - נָאר וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט דֶעם צַדִיק מֹשֶׁה רַבֵּינוּ. וַוייל וֶוען מֶען אִיז מְקוּרָב צוּם צַדִיק אִיז מֶען זוֹכֶה אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן אַלֶע דִמְיוֹנוֹת אוּן פַאלְשֶׁע זַאכְן, מֶען בַּאקוּמְט אַ לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, מֶען וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, נִישְׁטָא פוּן וָואס מוֹרָא צוּ הָאבְּן, נִישְׁטָא פוּן וָואס צוּ וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן; קֵיינֶער קֶען נִישְׁט חָרוּב מַאכְן דִי וֶועלְט, קֵיינֶער קֶען נִישְׁט טוּן - נִישְׁט קַיין גְרוֹיסֶע זַאךְ אוּן נִישְׁט קַיין קְלֵיינֶע זַאךְ, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס.

גֶעבְּט יֶעדְן טָאג צְדָקָה און בֶּעטְס דֶעם אייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, גֶעב מִיר אַ שְׁטַארְקֶע, קְלָארֶע און לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה". דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה, סִימָן ל): "אֱמוּנָה בָּא עַל יְדֵי צְדָקָה", דוּרְךְ צְדָקָה בַּאקוּמְט מֶען אֱמוּנָה.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר קוּקְן אוֹיפְן הִימְל וֶוען דִי הִימְל אִיז שֵׁיין לוֹיטֶער. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן יד): "כְּשֶׁתִּסְתַּכֵּל בַּשָּׁמַיִם כְּשֶׁהֵם זַכִּים וּבְהִירִים", וֶוען דוּ וֶועסְט קוּקְן אוֹיפְן הִימְל וֶוען זִי אִיז לוֹיטֶער און קְלָאר, "תִּזְכֶּה לֶאֱמוּנַת חֲכָמִים", וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אֱמוּנַת חֲכָמִים; גֵייט צוּם פֶּענְסְטֶער, קוּקְט אַרוֹיף צוּם הִימְל און זָאגְט: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעב מִיר אַ קְלָארֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, אִיךְ ווִיל דִיךְ זֶען, אִיךְ ווִיל דִיךְ שְׁפִּירְן, אִיךְ זָאל נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ און זִיךְ נִישְׁט צֶעמִישְׁן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ און מַיינֶע דוֹרוֹת זָאלְן אַלֶע הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אִין דִיר, אֱמוּנָה אִין דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים, אָמֵן".**

## לֹא יִהְיֶה לְךָ - עֲבוֹדָה זָרָה

בְּרוּדֶער, אַנְטְלוֹיף פוּן עַצְבוּת און מָרָה שְׁחוֹרָה. מוֹהֲרָא"ש בְּרֶענְגְט פוּנֶעם גְרוֹיסְן צַדִּיק רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע וויטֶעבְּסְקֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר זָאגְט (סֵפֶר פְּרִי הָאָרֶץ, מַטּוֹת מַסְעֵי): "עַצְבוּת אִיז אַן עֶרְגֶערֶע קְלִיפָּה פוּן עֲבוֹדָה זָרָה"; זֶעט מֶען ווִי שְׁטַארְק מֶען דַארְף זִיךְ הִיטְן פוּן עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה וָואס אִיז הַארְבֶּער פוּן דִי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירָה - עֲבוֹדָה זָרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ; מִיר הָאבְּן מִיט וָואס צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת נז.) אוֹיפְן פָּסוּק (שִׁיר הַשִּׁירִים ו, ז): "'כְּפֶלַח הָרִמּוֹן רַקָּתֵךְ', אֲפִילוּ רֵיקָנִין שֶׁבָּךְ", אֲפִלּוּ דִי פְּרָאסְטֶע אִידְן, "מְלֵאִים מִצְוֹת כְּרִמּוֹן", זֶענֶען פוּל מִיט מִצְוֹת, אַזוֹיפִיל ווִיפִיל קֶערְלֶעךְ עֶס אִיז דָא אִין אַ מִילְגְרוֹים.

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט דִי וָואךְ אַ גְרוֹיסֶע מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִלָּה, אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ קֶענֶען בַּאצָאלְן דִי מְלַמְּדִים - סֵיי אִין אַמֶעריקֶע, סֵיי אִין אֶרֶץ

יִשְׂרָאֵל. דִי מְלַמְּדִים אִין אַמֶעריקֶע אִין דִי דְרַיי תַּלְמוּד תּוֹרָה'ס – אִיז אַ חֶשְׁבּוֹן פוּן אַכְצִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער אַ חוֹדֶשׁ, דָאס אִיז אוֹיסֶער דִי טִיטְשֶׁערְס אוּן אוֹיסֶער אַלֶע אַנְדֶערֶע הוֹצָאוֹת, אוֹיךְ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז דִי חֶשְׁבּוֹן אַלֶעס צוּזַאמֶען דְרַייסִיג טוֹיזְנְט אַ חוֹדֶשׁ. אִיךְ בֶּעט שְׁטִילֶערְהֵייט דֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן; וֶוען אִיךְ גֵיי אִין גַאס, וֶוען אִיךְ זִיץ אוֹיף מַיין פָּארְטְשׁ, וֶוען אִיךְ לִיג אִין בֶּעט; וֶוען אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ אַז אִיךְ דַארְף בַּאצָאלְן מְלַמְּדִים – וֵויין אִיךְ צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן עֶר זָאל מִיר הֶעלְפְן, אוּן דִי וָואךְ אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין פָּאסְט אַ טְשֶׁעק פוּן זֶעקְס אוּן דְרַייסִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער, אַ טְשֶׁעק אָן אַ נָאמֶען, אַ נֵס, גֶעלְט פוּן הִימְל, גֶעלְט פוּן אֵייבֶערְשְׁטְן; אָן חַנְפְ'נֶען, אָן זִיךְ בִּיקְן פַאר עֲבוֹדָה זָרָה, אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, וִוי קֶען זַיין מִיר לֵיינֶען יֶעדְן טָאג אִין קְרִיאַת שְׁמַע, דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאגְט (דְבָרִים יא, טז): "הִשָּׁמְרוּ לָכֶם פֶּן יִפְתֶּה לְבַבְכֶם", אִיךְ וָוארְן עֶנְק אוֹיבּ עֶנְק וֶועלְן זִיךְ בִּיקְן פַאר עֲבוֹדָה זָרָה; פְרֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ, וִוי קֶען זַיין אַזַא זַאךְ, אִידְן זָאלְן זִיךְ בּוּקְן צוּ אַ שְׁטֵיין? צוּ בֵּיימֶער? עֶס הָאט נִישְׁט קֵיין שֵׂכֶל צוּ טוּן אַזוֹינְס, וָואס חַזֶר'ט מֶען דֶעם פָּסוּק יֶעדְן טָאג בַּיי קְרִיאַת שְׁמַע?! זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ, דָאס מֵיינְט מֶען וֶוער עֶס חַנְפְ'עֶט אַ צְוֵויטְן, עֶר מַאכְט אַ מְצִיאוּת פוּן אַ צְוֵוייטְן, עֶר בֵּייגְט זִיךְ פַאר אַן עוֹשֶׁר – דָאס אִיז עֲבוֹדָה זָרָה, דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער צֶערְנְט אוֹיף דֶעם, מֶען פַארְלִירְט אַלֶעס אוֹיבּ מֶען חַנְפְ'עֶט אוּן מֶען בִּיקְט זִיךְ צוּ אַ בָּשָׂר וָדָם, מֶען דַארְף זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְבַטֵּל זַיין צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן, נָאר צוּ אִים גֵיין, נָאר אִים בֶּעטְן.

דָאס אִיז אֵיינֶע פוּן דִי טוֹיזְנְטֶער זַאכְן וָואס אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ, נִישְׁט חַנְפְ'נֶען קֵיינֶעם, נִישְׁט מַאכְן קֵיין מְצִיאוּת פוּן גֶעלְט אוּן פוּן דִי וָואס הָאבְּן גֶעלְט. בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ אִיז מַמָּשׁ גֶעוֶוען דִי זַאךְ וָואס וֶועט זַיין וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, דֶער רֶבִּי זָאגְט, וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, מֶען וֶועט וֶועלְן אֵיינֶעם טְשֶׁעפֶּען וֶועט מֶען אִים טְשֶׁעפֶּען אַז עֶר הָאט גֶעלְט, דָאס וֶועט זַיין דִי גְרֶעסְטֶע בִּזָּיוֹן, אַז מֶען וֶועט וִויסְן מֶען הָאט גֶעלְט, וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט גֶעלְט שְׁמֶעקְן וִוי צוֹאָה, אוּן אַזוֹי אִין אַ גֶעוִויסֶע בְּחִינָה הָאבְּן מִיר גֶעשְׁפִּירְט בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען דִי זַאךְ פוּן גֶעלְט, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעמַאכְט פוּן דֶעם קֵיין עֵסֶק.

בְּרוּדֶער, אַז דוּ וֶועסְט פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, דוּ וֶועסְט גֵיין בִּתְמִימוּת אִין אַ וִוינְקֶל אוּן זִיךְ גוּט אוֹיסְוֵויינֶען – וֶועסְטוּ זֶען וִוי דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער וֶועט מַאכְן אַ גְרוֹיסֶע נֵס, דוּ וֶועסְט הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע, נָאר שְׁטַארְק זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ.

**ווי אַזוֹי מֶען ווערט פָּטוּר פוּן די תַּאֲוָה צוּ ווערן רַייךְ?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וויל פְרֶעגְן ווי אַזוֹי מֶען ווערט פָּטוּר פוּן די תַּאֲוָה פוּן ווערְן אַן עוֹשֶׁר?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ט' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

תַּאֲווֹת מָמוֹן אִיז אַ בִּיטֶערֶע מַעֲשֶׂה. דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אִין די מַעֲשֶׂה פוּנֶעם בַּעַל תְּפִלָּה (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יב) אַז תַּאֲווֹת מָמוֹן אִיז אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ, עֶס אִיז נָאךְ עֶרְגֶער פוּן אַלֶע תַּאֲווֹת; דֶער רֶבִּי זָאגְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּנֶעם מֶלֶךְ, אַז פוּן אַלֶע תַּאֲווֹת קֶען מֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען דֶעם מֶענְטְשׁ, חוּץ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין תַּאֲווֹת מָמוֹן", עֶס אִיז אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ די תַּאֲוָה פוּן גְלוּסְטְן אוּן טְרַאכְטְן פוּן גֶעלְט, עֶס אִיז אַזוֹי ווי עֲבוֹדָה זָרָה; אַזוֹי זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן כג): "אֵלּוּ בְּנֵי אָדָם הַנּוֹפְלִים בְּתַאֲווֹת מָמוֹן" די וָואס לִיגְן אִין די תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט, זֵיי גְלִיסְטְן צוּ זַיין רַייךְ, די קָאפּ לִיגְט אִין גֶעלְט, "וְאֵינָם מַאֲמִינִים שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יָכוֹל לְפַרְנֵס אֶת הָאָדָם בְּסִבָּה קַלָּה" זֵיי גְלֵייבְן נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען גֶעבְּן פַּרְנָסָה גְרִינְגֶערְהֵייט, "וְרוֹדְפִים אַחַר פַּרְנָסָתָם בִּיגִיעוֹת גְּדוֹלוֹת" זֵיי לוֹיפְן נָאךְ די גֶעלְט אוּן מוּטְשֶׁען זִיךְ זֵייעֶר פַאר די גֶעלְט, "וְהֵם אוֹכְלֵי לֶחֶם בְּעִצָּבוֹן" זֵיי זֶענֶען דֶעפְּרֶעסְטֶע מֶענְטְשְׁן, זֵייעֶר פַּרְנָסָה אִיז עַצְבוּת, אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט: "בְּעִצָּבוֹן תֹּאכֲלֶנָּה", "וְעַצְבוּת הוּא מָרָה שְׁחוֹרָה" זֵיי זֶענֶען אִין מָרָה שְׁחוֹרָה, "אֵלּוּ בְּנֵי אָדָם נִקְשָׁרִים בְּפָנִים דְּסִטְרָא אָחֳרָא" דָאס אִיז דִי סִטְרָא אַחֲרָא, "אֱלֹהִים אֲחֵרִים" די דִינֶען נֶעבֶּעךְ עֲבוֹדָה זָרָה, "חֹשֶׁךְ" די לֶעבְּן אִיז זֵיי פִינְסְטֶער, "בְּחִינַת מִיתָה" זֵייעֶר לֶעבְּן אִיז טוֹיט, אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט: "בְּמַחֲשַׁכִּים הוֹשִׁיבַנִי" וְכוּ', אוֹיךְ זֵיי אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דֶער פָּסוּק: "וּזְהָבָם לְנִדָּה", "הַיְנוּ בְּחִינַת עֲבוֹדַת אֱלִילִים" זֵייעֶר גֶעלְט אִיז אַזוֹי ווי עֲבוֹדָה זָרָה, אַזוֹי ווי חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים זָאגְן (שַׁבָּת פב.) "מִנַּיִן לַעֲבוֹדַת אֱלִילִים שֶׁמְּטַמֵּא כְּנִדָּה, שֶׁנֶּאֱמַר, 'תִּזְרֵם כְּמוֹ דָוָה'", אוּן די אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה ווי אַזוֹי מֶען קֶען אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן תַּאֲווֹת מָמוֹן אִיז נָאר דוּרְךְ דֶעם

צַדִּיק, אַזוֹי פִירְט דֶער רֶבִּי אוֹיס דִי תּוֹרָה: "כִּי רֹב הָעוֹלָם נִלְכְּדוּ בָּזֶה הַיְינוּ בְּתַאֲוַות מָמוֹן" רוֹב וֶועלְט אִיז גֶעכַאפְּט אִין תַּאֲווֹת מָמוֹן, "וְהַמָּמוֹן הוֹרֶגֶת וּמְמִית אוֹתָם" דִי גֶעלְט הַרְגְ'עט זֵיי.

אֵיין עֵצָה אִיז דָא אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן דִי תַּאֲוָה, דוּרְךְ הִתְקַרְבוּת לַצַּדִּיק, דֶער צַדִּיק קֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען אוֹיךְ פוּן דִי תַּאֲוָה, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם): "וְאִי אֶפְשָׁר לְהִנָּצֵל מִזֶּה כִּי אִם עַל יְדֵי הַצַּדִּיק" מֶען קֶען נִישְׁט גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן תַּאֲווֹת מָמוֹן נָאר דוּרְךְ דֶעם צַדִּיק; זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים; הוֹיבּ אָן שְׁמֶעקְן דִי גֶערוּךְ פוּן דִי עֶסְן וָואס דֶער רֶבִּי קָאכְט, וֶועסְטוּ פְּלוּצְלוּנְג אָנְהוֹיבְּן שְׁמֶעקְן דִי שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן גֶעלְט. דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, סוֹף מַעֲשֶׂה יב מֵהַבַּעַל תְּפִלָּה) דֶער גִּיבּוֹר הָאט גֶענוּמֶען דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דִי מְדִינָה פוּן עֲשִׁירִים אוּן זֵיי פְּרוּבִּירְט אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען פוּן דִי תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט, עֶר הָאט זֵיי גֶענוּמֶען צוּם קָאךְ וְכוּ', וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁמֶעקְט דִי גֶערוּךְ פוּן דִי עֶסְן הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן: "עֶס שְׁטִינְקְט!" זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס שְׁטִינְקְט, בִּיז דֶער גִּיבּוֹר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט: "אִיר זֶעט דָאךְ אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא וָואס זָאל שְׁטִינְקֶען, מוּז זַיין אַז אִיר אַלֵיינְס שְׁטִינְקְט"; דָאס וֶועט זַיין וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, גֶעלְט וֶועט שְׁטִינְקֶען אַזוֹי וִוי צוֹאָה, אַלֶע וֶועלְן אַוֶועק וַוארְפְן דִי גֶעלְט, מֶען וֶועט נָאר זוּכְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וֶועט זוּכְן וואוּ מֶען קֶען וֶוערְן נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס לֶערְנְט אוּנְז דֶער רֶבִּי שׁוֹין יֶעצְט, עֶר רַאטֶעוֶועט אוּנְז פוּן דִי נַארִישְׁקֵייט פוּן נָאכְלוֹיפְן גֶעלְט, אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים וֶועסְטוּ גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן דֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ בַּאקְן חַלּוֹת לִכְבוֹד שַׁבָּת. מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, פְּרוּיעֶן דַארְפְן וויסְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן פוֹעֶלְ'ן יְשׁוּעוֹת בַּיים מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה פוּן אָפְּשֵׁיידְן חַלָּה, מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ מִיט אֱמוּנָה. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה חֵלֶק ב, סִימָן יד): "אִשָּׁה הַזְּהִירָה בְּחַלָּה, בָּנֶיהָ בַּעֲלֵי אֱמוּנָה", אַ פְרוֹי וָואס גֶעבְּט אַכְטוּנְג צוּ טוּן דִי מִצְוָה פוּן אָפְּשֵׁיידְן חַלָּה - וֶועלְן אִירֶע קִינְדֶער הָאבְּן אֱמוּנָה, אַזוֹי וִוי

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה טו, ו): "אָמַר רַבִּי יוֹחָנָן, לָמָּה נִסְמְכָה פָּרָשַׁת חַלָּה לְפָרָשַׁת עֲבוֹדָה זָרָה", פַארְוָואס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה גֶעשְׁרִיבְּן דִי מִצְוָה פוּן חַלָּה נֶעבְּן דִי פַּרְשָׁה פוּן עֲבוֹדָה זָרָה? "לוֹמַר לָךְ", אוּנְז צוּ לֶערְנֶען, "שֶׁכָּל הַמְקַיֵּם מִצְוַת חַלָּה כְּאִלּוּ בִּטֵּל עֲבוֹדָה זָרָה", אַז וֶוער עֶס אִיז מְקַיֵּים דִי מִצְוָה פוּן חַלָּה - וֶוערְט גֶערֶעכְנְט אַזוֹי וִוי עֶר נֶעמְט אַוֶועק עֲבוֹדָה זָרָה פוּן דִי וֶועלְט.

מָאוִויס אִיז דִי עֲבוֹדָה זָרָה פוּן בַּעַל פְּעוֹר בִּזְמַנֵּינוּ. מוֹהֲרָא"ש בְּרֶענְגְט פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ מִלְיוּבַּאוִויטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר פְּרֶעגְט (לִקּוּטֵי שִׂיחוֹת, ד) דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְהוֹשֻׁעַ כב, יז): "אֶת עֲוֹן פְּעוֹר אֲשֶׁר לֹא הִטַּהַרְנוּ מִמֶּנּוּ עַד הַיּוֹם הַזֶּה", בִּיז הַיינְט זֶוענֶען מִיר נָאכְנִישְׁט רֵיין פוּן דִי עֲבוֹדָה זָרָה פוּן פְּעוֹר; דִי תּוֹרָה אִיז דָאךְ אַ נִצְחִיּוּת, וִוי אִיז שַׁיָּיךְ הַיינְטִיגֶע צַייטְן דִי עֲבוֹדָה זָרָה פוּן פְּעוֹר? זָאגְט עֶר, וֶוען מֶען נֶעמְט נִידְרִיגֶע זַאכְן, פְּסוֹלֶת אוּן דְבָרִים שְׁפָלִים אוּן מֶען הַאלְט דָאס חָשׁוּב - דָאס אִיז דִי עֲבֵירָה פוּן פְּעוֹר, עַיֵּין שָׁם; דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף שְׁמוּצִיגֶע מָאוִויס אוּן שְׁמוּצִיגֶע מַאגַאזִינֶען וָואס עֶנְטְהַאלְטְן נִידְרִיגֶע אוּן אוֹיסְגֶעלַאסֶענֶע בִּילְדֶער וְכוּ', וָואס דָאס אִיז דִי נִידְרִיגְסְטֶע זַאכְן וָואס אִיז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט. אַז מֶען קוּקְט דָאס אוּן מֶען מַאכְט אַן עֵסֶק דֶערְפוּן, דָאס אִיז דִי עֲבֵירָה פוּן פְּעוֹר.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט נִישְׁט הָאבְּן קַיין מַגָּע וּמַשָּׂא מִיט דִי עֲבוֹדָה זָרָה, וַוייל וֶוען מֶען הִיט זִיךְ נִישְׁט דִי אוֹיגְן אוּן מֶען קוּקְט שְׁמוּצִיגֶע מָאוִויס - וֶוערְט אוֹיסְגֶעמְרִיסְן דִי אֱמוּנָה. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן לא) אֱמוּנָה אוּן בְּרִית גֵייט צוּזַאמֶען, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים פט, כט): "וּבְרִיתִי נֶאֱמֶנֶת לוֹ"; אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן - פַארְלִירְט עֶר דִי אֱמוּנָה.

נִישְׁטָא נָאךְ אַ זַאךְ וָואס אִיז אַזוֹי מְטַהֵר דֶעם מֶענְטְשׁ וִוי לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ, פֶּרֶק יח): "מַה מַּיִם הַלָּלוּ מִקְוֶה טָהֳרָה הֵן לְכָל בָּאֵי הָעוֹלָם וּלְכָל מַעֲשֵׂה יָדָיו שֶׁבָּרָא בָּעוֹלָם", אַזוֹי וִוי מִקְוֶה רֵיינִיגְט פוּן אַלֶע טֻמְאוֹת, "כָּךְ דִּבְרֵי תּוֹרָה מִקְוֶה טָהֳרָה הֵן לְיִשְׂרָאֵל בְּכָל מְקוֹמוֹת מוֹשְׁבוֹתֵיהֶן",

אַזוֹי אוֹיךְ דִּי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה - רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ; וֶוען מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה - וֶוערְט מֶען אוֹיסְגֶערֵיינִיגְט פוּן אַלֶע טֻמְאוֹת אוּן אַלֶע זוּהֲמוֹת. אֲפִילוּ מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען, מֶען הָאט זִיךְ פַארְשְׁמִירְט מִיט עֲבֵירוֹת - וֶוערְט מֶען צוּרִיק רֵיין.

נָאךְ זָאגְן זֵיי (שָׁם): "בּוֹא וּרְאֵה כַּמָּה גְּדוֹלָה כֹּחָהּ שֶׁל תּוֹרָה", קוּק דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִּי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, "שֶׁמְּטַהֶרֶת אֶת פּוֹשְׁעֵי יִשְׂרָאֵל בִּזְמַן שֶׁעוֹשִׂין תְּשׁוּבָה אֲפִילוּ מֵעֲבוֹדָה זָרָה שֶׁבְּיָדָן", אֲפִילוּ מֶען הָאט גֶעדִינְט עֲבוֹדָה זָרָה, אוֹיבּ מֶען טוּט תְּשׁוּבָה אוּן מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה - וֶוערְט מֶען אוֹיסְגֶערֵיינִיגְט, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְחֶזְקֵאל לו, כה): "וְזָרַקְתִּי עֲלֵיכֶם מַיִם טְהוֹרִים" וְגוֹ', דָאס מֵיינְט מֶען דִּי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וָואס אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ וַואסֶער.

כַּעַס אִיז זֵייעֶר אַ שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה; עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא עֶקְלְדִיגֶע מִדָּה וִוי דִּי מִדָּה פוּן כַּעַס. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז בְּכַעַס פַארְצֵיילְט עֶר פַאר אַלֶעמֶען וֶוער עֶר אִיז, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קפד): "בְּהַחֹטֶם יְכוֹלִים לְהַכִּיר הַנּוֹאֵף", מֶען קֶען דֶערְקֶענֶען אַ נוֹאֵף דוּרְךְ זַיין נָאז; מוֹהֲרַנַ"ת זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז דָאס מַסְבִּיר אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף כַּעַס. אֵיינֶער וָואס אִיז שְׁטֶענְדִיג נֶערְוֶועז אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז אַ נוֹאֵף, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית לח, ז): "וַיְהִי עֵר בְּכוֹר יְהוּדָה רַע בְּעֵינֵי ה'", פְרֶעגְט דֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רמט): פַארְוָואס שְׁטֵייט: "רַע" בְּעֵינֵי ה' - עֶר אִיז גֶעוֶוען שְׁלֶעכְט אִין דִּי אוֹיגְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס וָואלְט גֶעדַארְפְט שְׁטֵיין: "רָשָׁע" בְּעֵינֵי ה'? נָאר וַוייל וֶוער עֶס טוּט דִּי עֲבֵירָה פוּן עֵר וְאוֹנָן, עֶר אִיז פּוֹגֵם בַּבְּרִית, וֶוערְט אַ 'רַע', - אַ שְׁלֶעכְטֶער מֶענְטְשׁ; עֶר שְׁרֵייט אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, עֶר שְׁרֵייט אוֹיף אַלֶע אַרוּם אִים, אַלֶע זָעעֶן אוּן וֵוייסְן אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַ בַּעַל עֲבֵירָה, מֶען וֶוערְט גֶעוואוֹיר זַיין גַאנְצֶע עָבַר וְכוּ'.

אַז דוּ ווִילְסְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִּי שְׁלֶעכְטֶע מִידָּה פוּן כַּעַס זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיךְ רַאטֶעוֶוען פוּן וֶוערְן בְּכַעַס, זָאלְסְט נִישְׁט פַארְלִירְן דַיין אֱמוּנָה; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן רֶעגְט עֶר זִיךְ נִישְׁט אוֹיף וֶוען עֶס גֵייט נִישְׁט וִוי אַזוֹי עֶר ווִיל, אַז מֶען רֶעגְט זִיךְ אוֹיף אִיז אַ סִימָן עֶס פֶעלְט דִּי אֱמוּנָה. דֶערִיבֶּער זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (שַׁבָּת קה:): "הַמְקָרֵעַ בְּגָדָיו בַּחֲמָתוֹ", וֶוער עֶס צֶערַייסְט זַיינֶע קְלֵיידֶער פוּן כַּעַס, "וְהַמְשַׁבֵּר כֵּלָיו בַּחֲמָתוֹ", וֶוער עֶס צֶעבְּרֶעכְט זַיינֶע כֵּלִים פוּן כַּעַס, "וְהַמְפַזֵּר מָעוֹתָיו בַּחֲמָתוֹ", אוּן וֶוער עֶס

וואַרפְט אַוֶועק זַיין גֶעלְט פוּן כַּעַס, "יִהְיֶה בְּעֵינֶיךָ כְּעוֹבֵד עֲבוֹדָה זָרָה", - אִיז אַזוֹי ווִי עֶר דִינְט עֲבוֹדָה זָרָה; ווַייל מִיט דֶעם ווָאס עֶר ווֶערְט בְּכַעַס ווַייזְט עֶר אַז עֶר גְלֵייבְּט נִישְׁט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווַייל ווֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - עֶר גְלֵייבְּט אַז קַיין שׁוּם זַאךְ גֶעשֶׁעט נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיין, אִיז אֲפִילוּ ווֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט ווִי אַזוֹי עֶר ווִיל ווֵייסְט עֶר אַז דָאס אִיז אַלֶעס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין ווָאס פְּרוּבִּירְט אִים אוֹיס.

יֶעדְן טָאג זָאלְסְטוּ זָאגְן דֶעם בֵּייגֶעלֵייגְטְן תְּפִילָה; נִישְׁט אֵיינְמָאל אַ טָאג נָאר אַפָּאר מָאל אַ טָאג זָאלְסְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר רַאטֶעווֶוען פוּן כַּעַס, ווֶועט דִיר זַיין גְרִינְגֶער בַּייצוּקוּמֶען דֶעם נִסָּיוֹן:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, טַאטֶע זִיסֶער, טַאטֶע גֶעטְרַייעֶר, הֶעלְף מִיר אוּן הִיט מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט צוּ קוּמֶען צוּ קַיין כַּעַס, אִיךְ זָאל נִישְׁט ווֶוערְן אוֹיפְגֶערֶעגְט, אוּן אוֹיבּ אִיךְ ווֶוער חַס וְשָׁלוֹם אוֹיפְגֶערֶעגְט זָאל אִיךְ נִישְׁט צוּ קוּמֶען צוּ טוּן זַאכְן ווָאס מֶען טָאר נִישְׁט, אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיף מַיין יֵצֶר הָרָע אוּן אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דִי כַּעַס אוֹיף רַחֲמָנוּת, אַנְשְׁטָאט זִיךְ אוֹיפְרֶעגְן זָאל אִיךְ רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אַלֶעמֶען; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט צוּ קוּמֶען צוּ דִי עֲבֵירָה פוּן: "וְלֹא יִהְיֶה בְּךָ אֵל זָר, וְלֹא אֶשְׁתַּחֲוֶה לְאֵל נֵכָר", ווָאס ווֶוען מֶען רֶעגְט זִיךְ אִיז מֶען עוֹבֵר אוֹיף דֶעם ווַייל עֶס אִיז כְּאִילוּ עוֹבֵד עֲבוֹדָה זָרָה.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! דוּ ווֵייסְט דָאךְ ווִי שְׁווֶוער עֶס אִיז צוּ צֶעבְּרֶעכְן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה פוּן כַּעַס ווַייל ווִי נָאר עֶס הֵייבְּט אָן בְּרֶענֶען אִין מִיר דִי כַּעַס חַס וְשָׁלוֹם, פַארְלִיר אִיךְ זִיךְ אִינְגַאנְצְן אוּן אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט קָאנְטְרָאלִירְן; בֶּעט אִיךְ דִיר טַאטֶע זִיסֶער הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל פוּן הַיינְט אָן נִישְׁט ווֶוערְן מֶער בְּכַעַס, עֶס זָאל מִיר גָארְנִישְׁט אָנְגֵיין, אִיךְ זָאל זַיין גוּט צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם, אָמֵן סֶלָה".

## לֹא תִשָּׂא - שְׁבוּעָה

בְּנוֹגֵעַ ווָאס דוּ הָאסְט גֶעפְרֶעגְט ווָאס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע גִירְסָא אִין סֵפֶר הַמִּידּוֹת (אוֹת נְפִילָה, סִימָן ו), ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט: "עַל יְדֵי הַשְּׁבוּעָה נִכְרֶת הַהִשְׁתּוֹקְקוּת שֶׁל אָדָם", אָדֶער "עַל יְדֵי הַשְּׁבוּעָה נִכְרַת הַהִשְׁתּוֹקְקוּת שֶׁל אָדָם"; דוּ פְרֶעגְסְט ווָאס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע גִירְסָא?

דער טשערינער רב זכר צדיק לברכה שרייבט: "שמעתי בשמו", איך האב געהערט בשם דעם רבי'ן, "ששתי הגירסאות אמת", אז ביידע גירסאות זענען ריכטיג, און ער פירט אויס: לויט די גירסא 'נכרת' פארשטייט מען נישט וואס האט דאס מיט די אות נפילה, און לויט די גירסא 'נכרת' פארשטייט ער בכלל נישט פשט פארוואס דורך א שבועה ווערט אפגעהאקט די השתוקקות פונעם מענטש.

דער גאון רבי אליהו עטיה געבט צו פארשטיין ביידע גירסאות אין זיין פירוש ספר המידות המבואר, דאס וואס טשערינער רב פרעגט וואס האט די גירסא 'נכרת' מיט אות נפילה? אז מען שווערט צו דינען דעם אייבערשטן, אזוי ווי דוד המלך זאגט (תהלים קיט, קו): "נשבעתי ואקימה לשמר משפטי צדקך", פון ליבשאפט צום אייבערשטן און צו די תורה האט דוד המלך געשווארן אז ער וועט נישט אפלאזן די תורה - פארשטייט מען וואס דאס האט מיט אות נפילה; דער רבי געבט אן עצה מען זאל נישט אראפפאלן פון עבודת השם.

לויט די גירסא "על ידי השבועה 'נכרת' ההשתוקקות של אדם"; בפשטות מיינט דאס ווארט נכרת - אפגעהאקט, דעריבער וואונדערט זיך דער טשערינער רב פארוואס דורך א שבועה ווערט אפגעהאקט די השתוקקות, אדרבה דורך א שבועה ווערט מען מער מחובר, אבער נכרת איז אויך מלשון (תהלים קה, ט): "אשר כרת את אברהם ושבועתו לישחק", מלשון כריתות ברית, איז דאך ביידע פשטים איינס; ביידע מיינען אז דורך א שבועה ווערט שטערקער די השתוקקות פונעם מענטש און דאס וועט אים נישט לאזן פאלן פון זיין עבודת השם יתברך.

לערן א בלאט גמרא. מיר האבן יעצט אין די גמרא (גיטין נא) די סברה אז א מענטש קען נישט זיין קיין כופר הכל, אבער מודה במקצת - דאס געפינט מען יא ביי מענטשן; ער גלייבט אודאי אינעם אייבערשטן, אבער ער נעמט פאר זיך אויך עפעס קרעדיט, זאגט די תורה אן עצה, ער זאל שווערן, דאס טוט מען מיט א ספר תורה און תפילין; גיי צו די תורה, לערן תורה און טו אן תפילין - וועסטו שוין זיין א מודה הכל, אז דער אייבערשטער טוט אלעס.

## זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת לְקַדְּשׁוֹ - שַׁבָּת

וֶוען מִיר וָואלְטְן גֶעוואוּסְט וָואס שַׁבָּת אִיז, וָואלְטְן מִיר גֶעטַאנְצְן אַ גַאנְץ שַׁבָּת.

שַׁבָּת אִיז דִי בֶּעסְטֶע מַתָּנָה וָואס מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שַׁבָּת י:): דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ "מַתָּנָה טוֹבָה יֵשׁ לִי בְּבֵית גְּנָזַי וְשַׁבָּת שְׁמָהּ", אִיךְ הָאב אַ גוּטֶע מַתָּנָה פַאר דִי אִידְן - דֶער הֵיילִיגֶער שַׁבָּת; שַׁבָּת וֶוערְן מִיר נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. שַׁבָּת אִיז אֱמוּנָה, מֶען חַזֶר'ט נָאכְאַמָאל אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט אִין זֶעקְס טֶעג פוּן דִי וָואךְ אוּן שַׁבָּת הָאט עֶר גֶערוּט.

דֶער הֵיילִיגֶער בְּאֵר מַיִם חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט שַׁבָּת זַיין מִיט אַ קָאפּ הֶעכֶער פוּן אַ גַאנְצֶע וָואךְ, מֶען הָאט גֶעזֶען אוֹיף זַיינֶע בְּגָדִים אַז זֵיי זֶענֶען קוּרְצֶער וִוי אִין דִי וָואכְן טֶעג; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דָאס גֶעגֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין, וָואס הֵייסְט עֶר אִיז גֶעוֶוען הֶעכֶער מִיט אַ קָאפּ? אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ שַׁבָּת, עֶר הָאט גֶעטַאנְצְן אוּן גֶעשְׁפְּרִינְגֶען אַז עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען וִוי עֶר אִיז הֶעכֶער מִיט אַ קָאפּ - פוּן גְרוֹיס שִׂמְחָה.

דָאס דַארְפְן מִיר נָאכְמַאכְן; מִיר דַארְפְן אַ גַאנְץ שַׁבָּת טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה, "בָּרוּךְ הַשֵּׁם שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי, אִיךְ בִּין אַ אִיד אוּן אִיךְ הַאלְט שַׁבָּת; אִיךְ דְרֵייוו נִישְׁט שַׁבָּת, אִיךְ רֵייכֶער נִישְׁט שַׁבָּת אוּן אִיךְ נוּץ נִישְׁט מַיין טֶעלֶעפָאן שַׁבָּת", אוּן אַזוֹי דַארְף מֶען זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט וָואס מֶען קֶען, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מַזְהִיר גֶעוֶוען (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן יז): "צָרִיךְ לִזָּהֵר מְאֹד לִהְיוֹת שָׂמֵחַ וְטוֹב לֵב בְּשַׁבָּת, כִּי מַעֲלוֹת וּקְדֻשּׁוֹת שַׁבָּת גְּדוֹלָה וִיקָרָה מְאֹד", מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת, "וְהַכְּלָל, שֶׁצָּרִיךְ לִנְהֹג שִׂמְחָה גְּדוֹלָה בְּשַׁבַּת קֹדֶשׁ, וְלִבְלִי לְהַרְאוֹת שׁוּם עַצְבוּת וּדְאָגָה כְּלָל, רַק לְהִתְעַנֵּג עַל ה'", שַׁבָּת טָאר מֶען נִישְׁט וַוייזְן קַיין שׁוּם עַצְבוּת, מֶען דַארְף אַרוּם גֵיין אַ גַאנְצְן צַייט מִיט אַ שְׁמֵייכֶל.

דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם וֵוייסְט אַז שַׁבָּת אִיז אַ צַייט וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ צוּקְלֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר מַאכְט עֶר עֶס זָאל זַיין מַחֲלֹקֶת אִין אִידִישֶׁע שְׁטוּבֶּער צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ, מֶען צֶעאַמְפֶּערְט זִיךְ צוּלִיבּ שְׁטוּתִים וַהֲבָלִים אוּן מֶען גֵייט אַרַיין אִין שַׁבָּת קוֹדֶשׁ צֶעקְרִיגְטֶערְהֵייט. אַנְשְׁטָאט זִיךְ אוֹיפְּעֶסְן פַארְוָואס דָאס אִיז נָאכְנִישְׁט גְרֵייט אוּן פַאר וָואס יֶענְץ אִיז נָאךְ נִישְׁט גֶעמַאכְט, טוּ דוּ, מַאךְ דוּ, הֶעלְף דוּ אָנְגְרֵייטְן דֶעם שַׁבָּת; אַז עֶס הָאט גֶעפַּאסְט פַאר אַלֶע

צַדִיקִים צוּ הֶעלְפְן אָנְגְרֵייטְן דֶעם שַׁבָּת מֶעג אוּנְז אוֹיךְ פַּאסְטְן צוּ הֶעלְפְן אִין שְׁטוּב.

אִין דִי גְמָרָא וֶוערְט אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט וִוי דִי הֵיילִיגֶע תַּנָאִים אוּן אֲמוֹרָאִים הָאבְּן גֶעהָאלְפְן אִין שְׁטוּב צוּגְרֵייטְן דֶעם שַׁבָּת (שַׁבָּת קיט.), רַב סַפְרָא הָאט אָפְּגֶעבְּרֶענְט דֶעם קָאפּ פוּנֶעם בְּהֵמָה לְכָבוֹד שַׁבָּת, רָבָא הָאט אַלֵיינְס גֶעזַאלְצְן דִי פִישׁ, רַב הוּנָא הָאט אָנְגֶעגְרֵייט דִי לִיכְט, רַב פָּפָּא הָאט גֶעמַאכְט דִי קְנוֹיטְן, רַב חִסְדָא הָאט גֶעשְׁנִיטְן דִי גְרִינְצַייג, רַבָּה אוּן רַב יוֹסֵף הָאבְּן גֶעהַאקְט הָאלְץ, רֶבִּי זֵירָא הָאט אָנְגֶעצִינְדְן דִי פַייעֶר מִיט קְלֵיינֶע שְׁטִיקְלֶעךְ הָאלְץ, רַב נַחְמָן בַּר יִצְחָק הָאט אַלֵיינְס אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט אַלֶע קְלֵיידֶער אוּן כֵּלִים אַזוֹי וִוי מֶען גְרֵייט זִיךְ אָן מְקַבֵּל צוּ זַיין אַ חָשׁוּבֶ'ע גַאסְט; זֶעט מֶען פוּן דֶעם וִוי דִי הֵיילִיגֶע תַּנָאִים אוּן אֲמוֹרָאִים הָאבְּן אַלֶעס אַלֵיינְס גֶעטוּן לְכָבוֹד שַׁבָּת מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס שִׂמְחָה.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ, פֶּרֶק א): "אַף עַל פִּי שֶׁאַתֶּם עוֹשִׂים מְלָאכָה כָּל שִׁשָּׁה יָמִים, יוֹם הַשַּׁבָּת יַעֲשֶׂה כּוּלּוֹ תּוֹרָה", אֲפִילוּ מֶען אַרְבֶּעט אַ גַאנְצֶע וָואךְ זָאל מֶען שַׁבָּת לֶערְנֶען תּוֹרָה, "מִכָּאן אָמְרוּ, לְעוֹלָם יַשְׁכִּים אָדָם וְיִשְׁנֶה בְּשַׁבָּת, וְיֵלֵךְ לְבֵית הַכְּנֶסֶת וּלְבֵית הַמִּדְרָשׁ, יִקְרָא בַּתּוֹרָה וְיִשְׁנֶה בַּנְּבִיאִים, וְאַחַר יֵלֵךְ לְבֵיתוֹ וְיֹאכַל וְיִשְׁתֶּה", דֶערְפַאר זָאל אַ מֶענְטְשׁ אוֹיפְשְׁטֵיין שַׁבָּת צוּפְרִי אוּן גֵיין אִין שׁוּל לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, אוּן נָאכְדֶעם אַהֵיים גֵיין מַאכְן דִי סְעוּדָה, "לְפִי שֶׁאֵין לוֹ מְנוּחָה לְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא אֶלָּא עִם עוֹשֵׂי תּוֹרָה בִּלְבַד", וַוייל דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט קַיין נַחַת פוּן אַ מֶענְטְשׁ נָאר אַז דֶער מֶענְטְשׁ לֶערְנְט תּוֹרָה. "מִכָּאן אָמְרוּ, שֶׁיִּקְרָא אָדָם כְּדֵי שֶׁלֹּא תַּשִּׂיגֵנוּ בּוּשָׁה וּכְלִימָּה בְּשָׁעָה שֶׁאוֹמְרִים לוֹ: "עֲמוֹד וַעֲרוֹךְ מִקְרָא שֶׁקָּרִיתָ", "עֲמוֹד וַעֲרוֹךְ מִשְׁנָה שֶׁשָּׁנִיתָ", זָאגְט אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא וַוייטֶער אַ מוֹרָא'דִיגֶער לָשׁוֹן: אַ מֶענְטְשׁ זָאל זֶען צוּ לֶערְנֶען חוּמָשׁ אוּן מִשְׁנַיוֹת, וַוייל וֶוען מֶען קוּמְט אַרוֹיף אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט פְרֶעגְט מֶען דֶעם מֶענְטְשׁ: "הֵייבּ אָן זָאגְן חוּמָשׁ וָואס דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט, הֵייבּ אָן זָאגְן מִשְׁנַיוֹת וָואס דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט", אוּן וִוי גְרוֹיס וֶועט זַיין דִי בּוּשָׁה אַז מֶען וֶועט בְּלַייבְּן שְׁטֵיין מִיט אַן אָפֶענֶעם מוֹיל אוּן מֶען וֶועט נִישְׁט הָאבְּן וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן.

מוֹהֲרַ"שׁ זָאגְט, דִי סְעוּדוֹת שַׁבָּת אִיז אַ יְסוֹד פַאר חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת; בַּיי דִי שַׁבָּת סְעוּדוֹת קֶען מֶען אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַ לִיבְשַׁאפְט צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן,

אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ דִי תּוֹרָה, דֶעמָאלְט אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט זֵיי אוֹיפְצוּבוֹיעֶן; אַ שָׁאד זֵיי זָאלְן נִישְׁט מִיטְהַאלְטְן דִי הֵיילִיגֶע סְעוּדוֹת, זֵיי זָאלְן גֵיין שְׁלָאפְן, אָדֶער זַיין מִיד אוּן ווֵילְד.

דֶער הֵיילִיגֶער מוּנְקַאטְשֶׁער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בְּרֶענְגְט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ (דִּבְרֵי תּוֹרָה ט, אוֹת יג) בְּשֵׁם דֶער הֵיילִיגֶער מֶעזְרִיטְשֶׁער מַגִּיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ פַארְוָואס עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט אִין דִי עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת מֶען זָאל שְׁלָאפְן עֶרֶב שַׁבָּת", פְּרֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער מִנְחַת אֶלְעָזָר (שָׁם): "וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן דִי וֶוערְטֶער 'עֶס וָואלְט וֶוען גֶעדַארְפְט שְׁטֵיין אִין דִי עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת' וָואס אִיז נִישְׁט גֶענוּג עֶס זָאל שְׁטֵיין אִין דִי תּוֹרָה?" עֶנְטְפֶערְט עֶר, ווַייל נָאר וֶוען מֶען שְׁלָאפְט עֶרֶב שַׁבָּת קֶען מֶען מַאכְן אַ שֵׁיינֶע סְעוּדָה, זִינְגֶען זְמִירוֹת, אַבִּיסְל לֶערְנֶען פַאר דִי סְעוּדָה אוּן נָאךְ דִי סְעוּדָה, אַז נִישְׁט שְׁלָאפְט מֶען אַיין בַּיי דִי סְעוּדָה, מֶען זִינְגְט נִישְׁט קַיין זְמִירוֹת, מֶען רֶעדְט נִישְׁט מִיט דִי קִינְדֶער.

בַּיי מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א זֶענֶען מִיר אַזוֹי מְחוּנָךְ גֶעוָוארְן, דִי גַאנְצֶע שְׁטוּב מִקָּטֹן וְעַד גָּדוֹל - אַלֶע הָאבְּן זִיךְ אַרָאפְּגֶעלֵייגְט, מַיין טַאטֶע פְּלֶעגְט זַיין זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג בַּיי דֶעם. וֶוען מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען קִינְדֶער הָאבְּן מִיר נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶפֶּעס מוּזְן מִיר שְׁלָאפְן, ווֵייסְט דָאךְ אַז קִינְדֶער ווִילְן נִישְׁט שְׁלָאפְן; הַיינְט פַארְשְׁטֵיי אִיךְ דָאס, וֶוען אִיךְ זֶע בַּיי אַסַאךְ שְׁטוּבֶּער לֵייגְט מֶען דִי קִינְדֶער שְׁלָאפְן אִינְמִיטְן דִי סְעוּדָה, אוּן אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ אוּנְזֶערֶע הֶערְלִיכֶע סְעוּדוֹת שַׁבָּת, ווִי אַלֶע קִינְדֶער זֶענֶען גֶעזִיצְן אוֹיסְגֶערוּט; מִיר הָאבְּן גֶעוַוארְט אַ גַאנְצֶע וָואךְ פַאר דִי שַׁבָּת סְעוּדוֹת.

אוּן אַזוֹי פִיר אִיךְ זִיךְ, בַּיי אוּנְז גֵייעֶן אַלֶע קִינְדֶער שְׁלָאפְן סַיי עֶרֶב שַׁבָּת מֶען זָאל קֶענֶען זַיין אוֹיסְגֶערוּט בַּיי דִי סְעוּדוֹת, אוּן שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג, מֶען זָאל קֶענֶען זַיין אָפְּגֶעהִיטְן אוּן קֶענֶען מִיט הַאלְטְן שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת, הַבְדָּלָה אוּן מְלַוֶּה מַלְכָּה.

מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט (אֲשֶׁר בַּנַּחַל חֵלֶק מז, מִכְתָּב ח אֲלָפִים תקפח) דִי זַאךְ פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס הָאט מְתַקֵּן גֶעוֶוען דִי מִנְהָג בַּיי חֲסִידִים זָאלְן עֶסְן דִי דְרִיטֶע סְעוּדָה צוּזַאמֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, אַז אַמָאל הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעזֶען אַ פָּשׁוּט'עֶר אִיד דְרֵייט זִיךְ אַרוּם בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת, עֶר זוּכְט אַ מִנְיָן אִידְן; דֶער אִיד הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב אוּן גֶעזָאגְט: "ר' אִיד, אִיךְ דַארְף מִנְיָן, אִיר ווִילְט

אֶפְשָׁר זַיין אַ צֶענְטֶער?" דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז אִים נָאכְגֶעגַאנְגֶען, עֶר קוּמְט אַרַיין בַּיים אִיד אִין שְׁטוּב אוּן עֶר זֶעט דֶער אִיד טֵיילְט אוֹיס פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם לֶחֶם מִשְׁנֶה, מֶען וַואשְׁט זִיךְ, מֶען עֶסְט אוּן מֶען הֵייבְּט אָן זִינְגֶען נִיגוּנִים בִּיזְן זְמַן מוֹצָאֵי שַׁבָּת, דֶערְנָאךְ הָאבְּן זֵיי גֶעבֶּענְטְשְׁט בִּרְכַּת הַמָּזוֹן אוּן גֶעדַאוְוענְט מַעֲרִיב, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְרֶעגְט דֶעם אִיד: "וָואס אִיז דִיר אַזוֹי וִויכְטִיג צוּ הָאבְּן מִנְיָן בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת?" עֶנְטְפֶערְט דֶער אִיד: "דוּ וֵוייסְט דָאךְ, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט עֶס זָאל זַיין מִנְיָן, וַוייל דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סַנְהֶדְרִין לט.): 'כָּל בֵּי עֲשָׂרָה', ווּאוּ עֶס זֶענֶען דָא צֶען אִידְן, 'שְׁכִינְתָּא שַׁרְיָא', אִיז דָארְט דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה, דֶערִיבֶּער אִיז מֶען מַקְפִּיד פַאר מִנְיָן, שַׁבָּת בַּאקוּמְט דָאךְ יֶעדֶער אֵיינֶער אַ נְשָׁמָה יְתֵירָה, ווִיל אִיךְ הָאבְּן מִנְיָן וֶוען דִי נְשָׁמָה יְתֵירָה גֵייט אַרוֹיס"; דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט דָאס גֶעהֶערְט, הָאט עֶר מְתַקֵן גֶעוֶוען בַּיי זַיינֶע תַּלְמִידִים מֶען זָאל זִיצְן אִינְאֵיינֶעם בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת, אוּן אַזוֹי פִירְן זִיךְ אַלֶע צַדִיקִים, צוּ זִיצְן אִינְאֵיינֶעם בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת, מֶען רֶעדְט דִּבְרֵי תּוֹרָה, מֶען דֶערְצֵיילְט מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים.

### כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ וְאֶת אִמֶּךָ - כִּיבּוּד אָב וָאֵם

זֶע צוּ רוּפְן דַיינֶע עֶלְטֶערְן יֶעדְן טָאג, דֶערְצֵייל זֵיי אַז אַלֶעס אִיז בַּיי עֶנְק גוּט, אוּן בַּאדַאנְק זִיךְ פַאר זֵיי; דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה.

אַסַאךְ מָאל הַאלְט מֶען זִיךְ צוּרִיק פוּן טוּן אַ מִצְוָה וַוייל מֶען ווִיל טוּן נָאר אַסַאךְ, אוּן זַיין סְפֶּעצִיעֶל, מֶען הָאט נִישְׁט דִי גֶעפִיל צוּ טוּן דִי פַּשְׁטוּת הַמִּצְוָה. אַזוֹי אוֹיךְ אִין כִּיבּוּד אָב וָאֵם, מֶען הַאלְט זִיךְ צוּרִיק פוּן רוּפְן דִי עֶלְטֶערְן אָדֶער אַרוֹיפְגֵיין צוּ עֶלְטֶערְן, וַוייל מֶען ווִיל מִיט עֶפֶּעס קוּמֶען, אָדֶער עֶפֶּעס סְפֶּעצִיעֶל טוּן וְכוּ', אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג, מֶען דַארְף נִישְׁט וַוארְטְן אוֹיף עֶפֶּעס סְפֶּעצִיעֶל, מֶען דַארְף טוּן דִי מִצְוֹת אָן קַיין חֶשְׁבּוֹנוֹת.

הַאלְט זִיךְ נִישְׁט צוּרִיק פוּן טוּן דִי מִצְוָה, רוּף דַיינֶע עֶלְטֶערְן, אֲפִילוּ נָאר צוּ זָאגְן אַ גוּט מָארְגְן אוּן אַז אַלֶעס אִיז פַיין, אוּן זִיךְ אִינְטֶערֶעסִירְן בַּיי זֵיי, אוּן בִּזְכוּת דִי מִצְוָה פוּן מְכַבֵּד זַיין דִי עֶלְטֶערְן זָאלְסְטוּ גֶעבֶּענְטְשְׁט וֶוערְן מִיט אַלֶע בְּרָכוֹת.

נעם זיך פאר צו רופן דיינע עלטערן יעדן טאג, כיבוד אב ואם איז אזא גרויסע מצוה און היינטיגע טעג איז דאס אזוי גרינג צו מקיים זיין. מען קען זיצן אין שטוב באקוועם און רופן די עלטערן און זיי אזוי מחי׳ זיין, און מיט דעם טוט מען דאס נישט.

מוהרא״ש דערציילט (פעלת הצדיק, סימן פא) אז דער הייליגער רבי פלעגט פארן צו זיינע עלטערן קיין מעזיבוז מפעם לפעם, אפילו ער האט געוואוינט ווייט פון זיי; פון וואו דער רבי האט געוואוינט אין אוסיאטין ביז וואו זיינע עלטערן האבן געוואוינט אין מעזיבוז – איז בערך דריי הונדערט פופציג קילאמעטער, דאס איז בערך צוויי הונדערט מייל, דאך פלעגט דער רבי פארן צו זיי; דעמאלט פארן איז נישט געווען ווי היינט מיט א קאר, מען איז געפארן מיט פערד און וואגן, עס איז געווען יענץ געשעפט, א שווערע ביטערע וועג, איז דאך ממש א פארשעמטע זאך נישט צו רופן די עלטערן יעדן טאג.

ווילסט א גוטע קבלה? נעם זיך פאר די קבלה, רופן דיינע עלטערן יעדן טאג. מוהרא״ש פלעגט יעדן טאג גלייך נאך שחרית רופן זיין טאטע; עס איז נישט קיין תירוץ אז מען האט נישט פון וואס צו רעדן, מען דארף נישט רעדן לאנג; מען פרעגט זיך נאך אויף זיי, מען אינטערעסירט זיך און מען דערציילט פון זיך, פון די משפחה און מען קויפט זיך איין עולם הבא.

געב נאר אכטונג נישט צו רעדן קיין שלעכטס און חס ושלום פון מחלקת, עלטערן האבן נישט קיין כח צו הערן קרעכצן וכו׳; יעצט איז די צייט וואס מען דארף זיי ברענגען נאר נחת.

יעצט אז דיין טאטע דארף צוקומען צו די קינדער׳ס הילף, ער האט זיך צעבראכן זיין פוס – זאלסטו אריבערגיין אים העלפן גיין און קומען.

עס איז אזוי נישט שיין צו הערן אז קיינער פון דיינע געשוויסטער קומען נישט, מען מאכט זיך נישט וויסנדיג, און נאר דער ברסלב׳ער קינד געבט זיך אפ אזוי געטריי.

לייג אלע אנדערע זאכן אין דער זייט, און טו די מצוה פון כיבוד אב מיט די גאנצע הארץ, כיבוד אב ואם איז זייער א גרויסע מצוה; חכמינו זכרונם לברכה

זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי פֵּאָה א, א), אַז דָאס אִיז חֲמוּרוֹת שֶׁבַּחֲמוּרוֹת, דָאס אִיז פוּן דִי הַארְבְּסְטֶע מִצְוֹת וָואס אִיז דָא.

עֶס אִיז אַזוֹי גְרוֹיס דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם, מֶען בַּאקוּמְט אוֹיף דֶעם אַזוֹיפִיל שְׂכַר, סַיי אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן סַיי אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פֵּאָה א, א): "אֵלּוּ דְּבָרִים שֶׁאָדָם אוֹכֵל פֵּירוֹתֵיהֶן בָּעוֹלָם הַזֶּה, וְהַקֶּרֶן קַיֶּימֶת לוֹ לָעוֹלָם הַבָּא: כִּיבּוּד אָב וָאֵם וְכוּ'"; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאצָאלְט שְׂכַר פַאר דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם סַיי אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן סַיי אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, אוּן דָאס וֶועט אַייךְ צוּרִיקְקוּמֶען בַּיי אַייעֶרֶע קִינְדֶער.

מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט זֵייעֶר פִיל רֶעדְן אוּן מְעוֹרֵר זַיין אִיבֶּער דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם, וִוי שְׁטַארְק מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף עֶלְטֶערְן; מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז אַמָאל דֶערְצֵיילְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲשֶׂה אוֹיף דֶעם, עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַ פְרוֹי מִיט אִיר זוּן צוּם גְרוֹיסְן צַדִיק רֶבִּי יִשְׂרָאֵל אַבּוּחֲצֵירָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (מֶען הָאט אִים גֶערוּפְן 'בַּאבַּא סַאלִי'), זִי הָאט גֶעוֵויינְט צוּ אִים: "מַיין זוּן מַאכְט מִיר אָן צָרוֹת אִין שְׁטוּב; עֶר שְׁרַייט אוֹיף מִיר, עֶר שְׁלָאגְט מִיר, אִיךְ הַאלְט מֶער נִישְׁט אוֹיס פוּן אִים", הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּאבַּא סַאלִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ וֵויינֶען: "אַיי אַיי אַיי, וֶוען אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעהַאט אַ מַאמֶע, וָואס אִין דִי וֶועלְט וָואלְט אִיךְ דֶען נִישְׁט גֶעטוּן פַאר אִיר? אִיךְ וָואלְט גֶעגַאנְגֶען שְׁפַּאצִירְן מִיט אִיר, אִיךְ וָואלְט גֶעגַאנְגֶען אַיינְקוֹיפְן פַאר אִיר וָואס זִי דַארְף, אִיךְ וָואלְט אִיר מְכַבֵּד גֶעוֶוען", אַזוֹי הָאט עֶר גֶעוֵויינְט אַ לַאנְגֶע צַייט, עֶר הָאט גֶעוֵויינְט מִיט אַזַא תְּמִימוּת וּפְּשִׁיטוּת אַז דָאס הָאט גֶעמַאכְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע רוֹשֶׁם אוֹיף דֶעם בָּחוּר בִּיז עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט צוּ וֵויינֶען מִיט אִים, אוּן עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז עֶר גֵייט זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן מֶער נִישְׁט צוּ מְצַעֵר זַיין זַיין מַאמֶע'ן.

וֶוען מֶען הֶערְט דִי מַעֲשֶׂה דַארְפְן מִיר אַלֶע מִיט וֵויינֶען אוּן זִיךְ פְרֶעגְן: 'וִוי אַזוֹי פִירְן מִיר זִיךְ אוֹיף צוּ אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן?' אוּן זִיךְ פַארְנֶעמֶען אַז מִיר וֶועלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן זֵיי מְכַבֵּד זַיין אוּן רֶעדְן צוּ זֵיי שֵׁיינֶערְהֵייט.

## לֹא תִּרְצָח - רְצִיחָה

רֶעד נִישְׁט מִיט קַיין בַּעֲלֵי מַחֲלֹקֶת, אויךְ נִישְׁט מִיט בַּעֲלֵי לָשׁוֹן הָרָע; נֶעם גוּטֶע חֲבֵרִים וָואס טוּעֶן חֶסֶד אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן און זוּכְן ווִי מֶען קֶען יֶענֶעם הֶעלְפְן.

ווֶער הָאט כֹּחַ פַאר מַחֲלֹקֶת, ווֶער הָאט צַייט פַאר דִי זַאכְן; דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען פַארְנוּמֶען דֶערְצֵיילְן פוּן יֶענֶעמ'ס פְּרִיוַואטֶע לֶעבְן און פוּן יֶענֶעמ'ס דוּרְכְפֶעלֶער... ווִי אִיז דָא צַייט? עֶרְשְׁט דַארְף מֶען זִיךְ אַלֵיינְס פַארְרֶעכְטְן, ווִי אִיז דָא צַייט צוּ זַיין פַארְנוּמֶען מִיט יֶענֶעמ'ס זַאכְן...

קְרִיג זִיךְ נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, זִיכֶער נִישְׁט בַּיים רֶבִּינְ'ס חֵדֶר. רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט זָאגְן: "ווֶען אִיךְ זֶע צְוֵויי אִידְן קְרִיגְן זִיךְ - שְׁפִּיר אִיךְ ווִי אֵיינֶער שְׁטֶעכְט מִיר מִיט אַ מֶעסֶער, אִיךְ קֶען עֶס נִישְׁט דֶערְהֵייבְּן"; בַּיים רֶבִּינְ'ס חֵדֶר אִין הֵיכַל הַקֹּודֶשׁ טָאר נִישְׁט זַיין קַיין פַיינְטְשַׁאפְט, זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פוּן קֵיינֶעם פַארְדְרֵייעֶן דִי קָאפּ, שְׁטֵיי וַוייט פוּן מַחֲלֹקֶת.

**גֵיי שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר, וָואס טוּ אִיךְ מִיט מַיין הֵייסֶע בְּלוּט וָואס צִיט צוּ נִצָּחוֹן, צוּ קִנְאָה, צוּ שִׂנְאָה, רְצִיחָה? ! רַאטֶעוֶועט מִיךְ".**

גֵיי אִין אַ לֵיידִיגֶע פֶעלְד אָדֶער אַ לֵיידִיגֶע צִימֶער און שְׁרֵיי זִיךְ אוֹיס, עֶס זָאל אַרוֹיסְגֵיין דִי בְּלוּט וָואס צִיט צוּ נִישְׁט גוּטְס, און זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ ווֶערְן אַ צַדִּיק.

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן, פָארִיגֶע וָואךְ ווֶען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה בַּיי עֶנְק, אִיז צוּגֶעקוּמֶען דֶער קִינְד ... נֵרוֹ יָאִיר מִיט אַ שְׁרֶעק אוֹיפְן פָּנִים, אַז עֶס אִיז דָא אַ קִינְד וָואס רֶעדְט מִיאוּסְ'עֶ ווֶערְטֶער, ווִי 'אִיךְ גֵיי דִיךְ הַרְגְ'עֶנֶען', 'אִיךְ גֵיי דִיךְ שֶׁחְטְ'ן'; אִיךְ פְרֶעג אִים: "פַארְוָואס רֶעדְסְטוּ נִישְׁט צוּם מְלַמֵּד?" זָאגְט עֶר: "אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶערֶעדְט און מֶען טוּט גָארְנִישְׁט".

אִיךְ בֶּעט דִיר, רֶעד אַסַאךְ צוּ דִי קִינְדֶער פוּן רֶעדְן אֵיידֶל, און בְּרָאק אַרַיין אִין זֵיי 'הַקּוֹל קוֹל יַעֲקֹב', אִידִישֶׁע קִינְדֶער נוּצְן דִי קוֹל צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, 'וְהַיָּדַיִם יְדֵי עֵשָׂו, עֵשָׂו נוּצְט דִי הֶענְט, 'וְעַל חַרְבְּךָ תִחְיֶ'; שְׁווֶערְד, שְׁפִּיזְן, שְׁלָאגְן, שֶׁעכְטְן, הַרְגְ'עֶנֶען; מִיר אִידְן זֶענֶען וַוייט פוּן דִי זַאכְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, גֶעבּ אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ הָאבְּן אִין זִיךְ דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה פוּן קַמְצָנוּת; גֶעלְט אִיז גֶעמַאכְט צוּ נִיצְן, אוּן אַז דַיין וַוייבּ דַארְף עֶפֶּעס הָאבְּן אִין שְׁטוּבּ גֶעבּ אִיר גֶעלְט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט (נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ, פַּרְשַׁת מִקֵּץ): אוֹיפְן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מא, מז): "וַתַּעַשׂ הָאָרֶץ ... לִקְמָצִים", אַז דֶער פָּסוּק קוּמְט אוּנְז מְרַמֵּז זַיין אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַרוֹיסְרַייסְן פוּן זִיךְ דִי מִדָּה פוּן קַמְצָנוּת, עַיֵּין שָׁם; בִּפְרַט אַז דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז קְלָאר גֶעזָאגְט אַז דִי גַאנְצֶע גֶעלְט קוּמְט נָאר בִּזְכוּת וָואס מֶען אִיז מְכַבֵּד דִי וַוייבּ (עַיֵּין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן סט), דֶערְפַאר, אַז דוּ וֶועסְט מְכַבֵּד זַיין דַיין וַוייבּ וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע.

נָאכְמֶער שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (תִּיקּוּנֵי זוֹהַר, הַקְדָּמָה ב.): "קַמְצָן נָבָל בְּמָמוֹנֵיהּ, דְּלָאו אִיהוּ נָדִיב וְלָאו אִיהוּ מִזַּרְעָא דְּאַבְהָן", אַ קַמְצָן אִיז אַ נָבָל אוּן דָאס אִיז אַ סִימָן אַז עֶר שְׁטַאמְט נִישְׁט פוּן אִידְן רַחֲמָנָא לִצְלָן.

פוּן אִינְדְרוֹיסְן קֶען מֶען גָארְנִישְׁט זֶען; עֶס קֶען זִיךְ דַאכְטְן אַמָאל אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ אַז עֶר אִיז אַ וואוֹילֶער מֶענְטְשׁ. עֶר אִיז מְנַדֵּב כְּסֵדֶר זַאכְן וְכוּ', עֶר קוֹיפְט עֲלִיּוֹת, עֶר שְׁנָאדֶערְט וְכוּ', אָבֶּער אִין שְׁטוּבּ אִיז עֶר אַ פָּשׁוּט'עֶר רוֹצֵחַ, עֶר פַּיינִיגְט זַיין וַוייבּ, עֶר לָאזְט נִישְׁט זַיין וַוייבּ נֶעמֶען אַ הֶעלְפֶּער צוּ רוֹימֶען דִי שְׁטוּבּ, עֶר לָאזְט נִישְׁט קוֹיפְן וְכוּ'; פַאר זִיךְ פַּאטְשְׁקֶעט עֶר גֶעלְט רֶעכְטְס אוּן לִינְקְס, עֶר רֵייכֶערְט צִיגֶרֶעטְלֶעךְ וְוי אַ קוֹימֶען, עֶר קוֹיפְט אַלְקָאהָאל וְכוּ', אוּן זַיין וַוייבּ צַאפְּט עֶר דָאס בְּלוּט.

אִיךְ בֶּעט דִיר לִיבֶּער בְּרוּדֶער, טֵייעֶרֶער חָבֵר, הַארְצִיגֶער תַּלְמִיד: "גֶעבּ פַאר דַיין וַוייבּ גֶעלְט וֶוען זִי דַארְף"; אַן עֶרְלִיכֶער אִיד גֶעבְּט פַאר דִי וַוייבּ גֶעלְט וֶוען זִי דַארְף, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד פִּירְט זִיךְ אוֹיף אִין שְׁטוּבּ שֵׁיין, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אִיז מְקַיֵּים וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (חוּלִּין פד:): "לְעוֹלָם יֹאכַל אָדָם וְיִשְׁתֶּה פָּחוֹת מִמַּה שֶּׁיֵּשׁ לוֹ, וְיִלְבַּשׁ וְיִתְכַּסֶּה בְּמַה שֶּׁיֵּשׁ לוֹ, וִיכַבֵּד אִשְׁתּוֹ וּבָנָיו יוֹתֵר מִמַּה שֶּׁיֵּשׁ לוֹ", אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט אוֹיסְגֶעבְּן זַיין גַאנְצֶע גֶעלְט פַאר זַיין עֶסְן, אוֹיךְ זָאל עֶר נִישְׁט קוֹיפְן קַיין קְלֵיידֶער פַאר מֶער וִויפִיל עֶר הָאט, אָבֶּער דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער זָאל עֶר מְכַבֵּד זַיין אוּן אוֹיסְגֶעבְּן מֶער וִויפִיל עֶר הָאט; אַזוֹי וְוי רֶבִּי חַיִּים וִיטַאל שְׁרַייבְּט (שַׁעַר הַמִּצְוֹת, פַּרְשַׁת עֵקֶב): "אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען בַּיי מַיין רֶבִּי דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל, אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקוֹיפְט פַאר זִיךְ טֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער, אוֹיךְ הָאט עֶר נִישְׁט גֶעגֶעסְן קַיין סַאךְ, אָבֶּער פַאר זַיין וַוייבּ הָאט עֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען צוּ קוֹיפְן טֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער, כְּדֵי זִי זָאל זַיין צוּפְרִידְן, אֲפִילוּ עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט".

אַייער מַאן אִיז גֶעוֶוען בַּיי מִיר עֶרֶב יוֹם הַקָּדוֹשׁ זִיךְ גֶעזֶעגֶענֶען און עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוֹיף דֶער עֶרְד און אַזוֹי בִּיטֶערְלִיךְ גֶעוֵויינְט אַז עֶר הַאלְט נִישְׁט אוֹיס ווִי אִיר דֶערְגֵייט אִים דִי יָארְן, עֶר הָאט אַזוֹי גֶעוֵויינְט, עֶר אִיז גֶעפַאלְן אוֹיף דֶער עֶרְד און זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּארוּאִיגְן; אִיךְ הָאבּ אִים צוּגֶעזָאגְט אַז אִיךְ וֶועל אִים הֶעלְפְן.

אִיר הָאט אַ טַייעֶרֶער מַאן, אַ גוּטֶע הַארְץ, אִיךְ הָאבּ אִים זֵייעֶר לִיבּ, אִיךְ ווִיל אִיר זָאלְט פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת אִים צוּ הֶעלְפְן און אִים נָאר שְׁטַארְקְן. עֶר ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק אַ רוּאִיגֶע שְׁטוּבּ און אַ פְרֵיילִיכֶע שְׁטוּבּ, און אִיר הָאט אוֹיךְ שְׁטַארְקֶע כֹּחוֹת, אִיר קֶענְט עֶס בַּאוַוייזְן.

**בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעבּ מִיר כֹּחַ, גֶעבּ מִיר בִּינָה יְתֵירָה אִיךְ זָאל קֶענֶען פְרֵיילִיךְ מַאכְן מַיין מַאן, אִיךְ זָאל קֶענֶען פְרֵיילִיךְ מַאכְן מַיין שְׁטוּבּ, אִיךְ זָאל זַיין רוּאִיג, אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן אַזוֹיפִיל סְפֵיקוֹת, אִיךְ זָאל זַיין צוּפְרִידְן פוּן מַיין לֶעבְּן".**

אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען יוֹם הַקָּדוֹשׁ פַאר עֲנְקֶער שָׁלוֹם בַּיִת, עֶנְק זָאלְן הָאבְּן אַ גוּט יָאר.

וָואס קֶען מֶען טוּן? דֶער רֶבִּי אִיז אַזוֹי פַארְשֶׁעמְט, יֶעדֶער קֶען טוּן וָואס מֶען ווִיל – בִּיז בְּרֶסְלֶב; אוֹיבּ מֶען וֶוערְט גֶעוָואר אַז אַ אִינְגֶערְמַאן אִיז מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן – וֶוערְט אַ פֵייעֶר, דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה נֶעמְט זִיךְ אוֹיף זַיינֶע בֵּיינֶער, מֶען טְשֶׁעפֶּעט, מֶען פַארְשֶׁעמְט, מֶען רוֹדְפְ'ט – בִּיז מֶען דֶערְגֵייט אִים דִי יָארְן; אַלֶעס צוּלִיבְּן חֵטְא פוּן שֶׁעפְּן חַיוּת, נֶעמֶען יִרְאַת שָׁמַיִם – פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אִיךְ הָאבּ מִיטְלַייד מִיט דִיר, אַז מֶען רוֹדְפְ'ט דִיךְ און דַיין מִשְׁפָּחָה פַארְן זִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּם רֶבִּי'ן.

אִיךְ בִּין מִתְפַּלֵל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן דִי זְכִיָּ' צוּ בְּלַייבְּן צוּגֶעבִּינְדְן צוּם רֶבִּי'ן; וַוייטֶער לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם וּבְאַהֲבָה מִיט דַיין וַוייבּ, לֶעבְּן מִיט זִכָּרוֹן בְּעָלְמָא דְאָתֵי; ווִיסְן אַז מִיר זֶענֶען דָא פַאר נָאךְ אַבִּיסְל און בַּאלְד גֵייעֶן מִיר שׁוֹין צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און דָארְט וֶועט גָארְנִישְׁט נוּצְן, דָארְט אִיז חָשׁוּבּ נָאר פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, פְּסוּקִים תְּהִלִּים, מִצְוֹת און מַעֲשִׂים טוֹבִים.

## לֹא תִנְאָף - נִיאוּף

### וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ לֵיין דִי קוּנְטְרֵסִים פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, אוּן אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה פוּן דֶעם פַאקְט אַז יֶעדֶער קֶען פְרֶעגְן סַיי וָואס עֶר וִויל, אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א עֶנְטְפֶערְט אַלְץ מִיט אַזַא קְלָארְקֵייט וָואס מֶען הָאט צוּ טוּן, מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף.

אִיךְ בִּין אַ גֶעוֶועןנְלִיכֶער חֲסִידִישֶׁע אִינְגֶערְמַאן, אוֹיפְגֶעוַואקְסְן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אוֹיף אַ גֶעזוּנְטֶע וֶועג בְּרוּחָנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת, אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן מִיר הָאבְן אַ גֶעזוּנְטֶע עֶרְלִיכֶע מִשְׁפָּחָה. מִיר הָאבְן נָאר כָּשֵׁרְ'עֶ טֶעלֶעפָאן, אָן טֶעקְסְט, אוּן אַלֶעס גֵייט בָּרוּךְ הַשֵּׁם וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

אֵיין פְּרָאבְּלֶעם הָאבּ אִיךְ אָבֶער, עֶטְלִיכֶע יָאר צוּרִיק בִּין אִיךְ גֶעוֶועןְ אִין אַ כָּשֵׁרְ'עֶ קִיאַסְק, אִיךְ הָאבּ גֶענוּצְט דָארְט אַ גֶעפִילְטֶערְטֶע קָאמְפְּיוּטֶער מִיט אַ הֶכְשֵׁר, אָבֶער אוֹיף עֶפֶּעס אָן אוֹפְן זֶענֶען דָארְט אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען נִישְׁט אֵיידֶעלֶע זַאכְן, אוּן זַייט דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן גָאר שְׁטַארְק פַאלְן אִין קְדוּשָׁה. פוּן אוּנְטֶער דֶער עֶרְד וֶועל אִיךְ זִיךְ טְרֶעפְן דָא אוּן דָארְט נִישְׁט כָּשֵׁרְ'עֶ דֶעוִוייסֶעס, אוּן קוּקְן דֶערוֹיף דִי עֶרְגְסְטֶע זַאכְן רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אִיךְ וֵוייס אַז מֶען טָאר נִישְׁט, אוּן אִיךְ וֵוייס אַז עֶס אִיז נִישְׁט גוּט פַאר מִיר, אָבֶער אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ מַמָּשׁ וִוי גֶעבִּינְדְן דֶערְצוּ, אָן קַיין וֶועג אַרוֹיס. אִיךְ בְּרֶעךְ אוּנְטֶער פוּן דִי שְׁוֶוערֶע שוּלְד גֶעפִילְן וָואס אִיךְ הָאבּ יֶעדֶעס מָאל נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ קוּק וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, אָבֶער אִיךְ קֶען זִיךְ מַמָּשׁ נִישְׁט הֶעלְפְן.

אִיךְ לֶערְן סְפָרִים אוּן אִיךְ הֶער שִׁיעוּרִים אִיבֶּער דִי וִוּיכְטִיגְקֵייט פוּן שְׁמִירַת עֵינַיִם, אִיבֶּער דִי הַארְבְּקֵייט פוּן קוּקְן עֲבֵירוֹת, אָבֶער עֶס הֶעלְפְט מִיר נִישְׁט. אִיךְ וִויל בֶּאֱמֶת זַיין עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג, אִיךְ וִויל דָאס נִישְׁט טוּן, אָבֶער וִוי אַזוֹי בַּאוַוייזְט מֶען דָאס?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת אַחֲרֵי-ב', כ"ד נִיסָן, ט' לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס אִיז מִיט דִיר גֶעשֶׁען? וואוּ אִיז דַיין שֵׂכֶל? וֶועגְן אַבִּיסְל דִמְיוֹן וִוילְסְטוּ אַלֶעס פַארְלִירְן?! וָואס אִיז שׁוֹין דָא צוּ זֶען אוֹיף דִי מָאוִויס? נָאכְאַמָאל שְׁמוּץ אוּן נָאכְאַמָאל שְׁמוּץ, נָאכְאַמָאל נִיאוּף אוּן נָאכְאַמָאל נִיאוּף; פַאר דִי דִמְיוֹן בִּיסְטוּ גְרֵייט צוּ פַארְלִירְן דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט?! דַיין וַוייבּ וֶועט דִיר אִיבֶּערְלָאזְן, דַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן זִיךְ שֶׁעמֶען מִיט דִיר, דוּ וֶועסְט וֶוערְן פַארְשֶׁעמְט פַאר אַלֶעמֶען.

בִּכְלַל אַז מֶען טְרַאכְט אַרַיין, וֶוער קוּקְט מָאוִויס? נָאר אַ חֲסַר דֵעָה, וַוייל וָואס אִיז דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן מָאוִויס? דִמְיוֹן אוּן פַאנְטַאזִיעֶס, דִי בַּעֲלֵי מָרָה שְׁחוֹרָה דֶעפְּרֶעסְטֶע מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין פְּלַאץ אִין דֶער וֶועלְט דִי לוֹיפְן צוּ דֶעם.

קוּקְן נִיאוּף אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה, אַז מֶען קוּקְט נִיאוּף וֶוערְט מֶען אוֹיסְגֶערִיסְן פוּן דִי וֶועלְט, מֶען פַארְלִירְט דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט, מֶען פַארְלִירְט דִי גֶעלְט; וִויפִיל מֶען אַרְבֶּעט, וִויפִיל מֶען מֵיינְט אַז מֶען מַאכְט שׁוֹין אַפָּאר דָאלֶער – פַארְלִירְט מֶען דִי גֶעלְט. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי כג, ג): "וְרֹעֶה זוֹנוֹת יְאַבֶּד הוֹן", דֶער וָואס טוּט עֲבֵירוֹת פוּן נִיאוּף פַארְלִירְט זַיין גֶעלְט; עֶס אִיז נִישְׁט קַיין שְׁפִּיל, דִי אַלֶע וָואס קוּקְן נִיאוּף הָאבְּן נִישְׁט בַּיים סוֹף אַ שְׁטִיקְל בְּרוֹיט. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (שָׁם ו, כו): "כִּי בְעַד אִשָּׁה זוֹנָה", וֶועגְן טוּן עֲבֵירוֹת פוּן נִיאוּף "עַד כִּכַּר לָחֶם", קוּמְט מֶען צוּ בֶּעטְלֶען אַ שְׁטִיקְל בְּרוֹיט.

גֶעוַואלְד, רַאטֶעוֶוע זִיךְ, וֶועסְט אַלֶעס פַארְלִירְן דוּרְךְ קוּקְן נִיאוּף, וֶועסְט פַארְלִירְן דַיין וַוייבּ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן פז): "מֵחֲמַת זֶה הַפְּגָם יוּכַל לְאַבֵּד אֶת זִוּוּגוֹ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית פַארְלִירְט עֶר זַיין שִׁידוּךְ, "וַאֲפִילוּ אִם יִמְצָא אֶת זִוּוּגוֹ, תִּהְיֶה לוֹ מְנַגֶּדֶת וְלֹא תִּהְיֶה נוֹטָה אַחַר רְצוֹנוֹ", אוּן אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס אִיז חַתוּנָה גֶעהַאט, וֶועט פַארְלִירְן זַיין שָׁלוֹם בַּיִת.

גֵיי שְׁרֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס טוּ אִיךְ? וָואס קוּק אִיךְ? וואוּ בִּין אִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט? אִיךְ בַּאהַאלְט זִיךְ פוּן דִיר, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, קֶען מֶען זִיךְ דֶען בַּאהַאלְטְן פוּן דִיר? 'אִם יִסָּתֵר אִישׁ בַּמִּסְתָּרִים', קֶען זִיךְ דֶען אַ מֶענְטְשׁ בַּאהַאלְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? 'וַאֲנִי לֹא אֶרְאֶנּוּ', אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אִים נִישְׁט זֶען?

אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּן בַּאצַייטְנְס, אִיךְ זָאל זִיךְ שֶׁעמֶען פַאר דִיר, אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אַז דוּ בִּיסְט מִיט מִיר, דוּ זֶעסְט

אַלֶעס וָואס אִיךְ טוּ אוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ קוּק, אוּן זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע מִינֵי פְּגָמִים, נֶעם אָן מַיין תְּשׁוּבָה".

אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן יֶעדְן טָאג, זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דַיין הַארְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ, וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיךְ רַאטֶעוֶוען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָנְנֶעמֶען דַיין תְּשׁוּבָה.

## לֹא תִּגְנֹב - גְּנֵיבָה

גַּנְבְ'עֶנֶען אִיז זֵייעֶר אַ הַארְבֶּע זַאךְ, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין קח.): "בֹּא וּרְאֵה כַּמָּה גָּדוֹל כּוֹחָהּ שֶׁל חָמָס, שֶׁהֲרֵי דוֹר הַמַּבּוּל עָבְרוּ עַל הַכֹּל וְלֹא נֶחְתַּם עֲלֵיהֶם גְּזַר דִּינָם עַד שֶׁפָּשְׁטוּ יְדֵיהֶם בְּגֶזֶל", בַּיים דוֹר הַמַּבּוּל הָאבְּן דִי מֶענְטְשְׁן עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת, אָבֶּער דִי גְזֵירָה פוּן פַארְלֶענְדְן דֶעם גַאנְצְן דוֹר דוּרְךְ דֶעם מַבּוּל - הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶע'חַתְמְ'עֶט נָאר נָאכְדֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן דִי עֲבֵירָה פוּן גַנְבְ'עֶנֶען, אַזוֹי הַארְבּ אִיז דִי עֲבֵירָה פוּן גַנְבְ'עֶנֶען.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת גְּנֵיבָה וּגְזֵילָה, סִימָן א): "מִי שֶׁנִּפְתָּה לִבּוֹ לִגְזֹל וְכֵיוָן שֶׁהִתִּיר לְעַצְמוֹ גְּזֵלַת חֲבֵרוֹ, הֲרֵי הוּא מוּכָן לְכָל חֵטְא וְעָוֹן, וְאֵין תַּקָּנָה לַהֲסִירוֹ מִדַּרְכּוֹ הָרָעָה", וֶוער עֶס גַנְבְ'עֶט אִיז נִישְׁטָא קַיין וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען קֶען אִים מַאכְן אוֹיפְהֶערְן גַנְבְ'עֶנֶען; מוֹהֲרָא"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר, פַארְוָואס טַאקֶע אִיז גַנְבְ'עֶנֶען אַזוֹי הַארְבּ אַז דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז מֶען קֶען נִישְׁט צוּרִיק בְּרֶענְגֶען דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם גוּטְן וֶועג? וַוייל מֶען זֶעט אִין דִי גְמָרָא (בָּבָא קַמָּא עט:), דִי תַּלְמִידִים פוּן רֶבִּי יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט: "מִפְּנֵי מָה הֶחֱמִירָה תּוֹרָה בְּגַנָּב יוֹתֵר מִגַּזְלָן", פַארְוָואס הָאט דִי תּוֹרָה מֶער מַחְמִיר גֶעוֶוען וֶוען אֵיינֶער הָאט גֶע'גַנְבְ'עֶט אַז עֶר דַארְף בַּאצָאלְן דָאפְּלְט וִוי בַּיי אֵיינֶער וָואס גַזְלְ'עֶט? הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "זֶה הִשְׁוָה כְּבוֹד עֶבֶד לִכְבוֹד קוֹנוֹ, וְזֶה לֹא הִשְׁוָה כְּבוֹד עֶבֶד לִכְבוֹד קוֹנוֹ", דֶער וָואס גַנְבְ'עֶט בַּאהַאלְט זִיךְ אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט זֶען, וַוייזְט עֶר מִיט דֶעם אַז עֶר גְלֵייבְּט נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, קוּמְט אוֹיס אַז עֶר אִיז אַ כּוֹפֵר בָּעִיקָּר, וַוייל וֶוען עֶר וָואלְט וֶוען גֶעגְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּערָאל, עֶר זֶעט אַלֶעס אוּן הֶערְט אַלֶעס, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט בַּאהַאלְטְן פוּן אִים, וָואלְט עֶר זִיכֶער נִישְׁט גֶע'גַנְבְ'עֶט - פוּן גְרוֹיס פַּחַד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זאָג נישט אַז דו קענסט נישט וכו', זאָג אַז דו ווילסט נישט; איינער האָט אַמאָל געפרעגט דעם רבי'ן: "ווי איז שייך צו זאָגן אַז אַ מענטש האָט אַ בחירה? אויב מען איז צוגעקלעבט צו שלעכטע מעשים ווי אַזוי איז שייך צו זאָגן פאַר אַ מענטש 'דו האָסט אַ בחירה', עס איז דאָך אוממעגליך זיך אָפּצושיידן פון אַ געוואוינהייט!" האָט אים דער רבי געזאָגט (לקוטי מוהר"ן חלק ב', סימן קי): "אויב מען וויל טוט מען עס, און אַז מען וויל נישט טוט מען נישט"; שרייבט רבי נתן (שם): "איך האָב מיר פאַרצייכנט וואָס דער רבי האָט אים געענטפערט, ווייל זייער אַסאַך מענטשן זענען זיך טועה אין דעם, זיי פרעגן די קשיא: "ווי איז שייך צו זאָגן אַז איך האָב אַ בחירה, ווען איך קען זיך נישט אָפּשיידן פון מיין געוואוינהייט וואָס איך האָב זיך צוגעוואוינט צו טון?" דערפאַר מיינען זיי אַז עס איז טאַקע אוממעגליך אַרויסצוקריכן פון דעם, אָבער באמת איז נישט אַזוי, נאָר יעדער מענטש האָט שטענדיג אַ בחירה און קען אויפהערן טון שלעכטע מעשים.

בנוגע אויב מען מעג גנב'ענען פון די רעגירונג, זיך אַרויף כאַפּן אויפן באַס אָן באַצאָלן חס ושלום; איר זאָלט קיינמאָל נישט גנב'ענען, דער רבי זאָגט זייער שאַרף (ספר המידות אות גניבה, סימן א): "מי שנפתה לבו לגזול, וכיון שהתיר לעצמו גזלת חברו, הרי הוא מוכן לכל חטא ועון, ואין תקנה להסירו מדרכו הרעה", ווער עס גנב'עט איז אַ סימן אַז ער איז גרייט צו טון אַלע עבירות פון די תורה און עס איז נישטאָ קיין וועג אים צוריק צו ברענגען צו די גוטע וועג; דערפאַר האָט רבי נתן געזאָגט: "איך קען יעדן איינעם העלפן חוץ אַ גנב"; איר זאָלט קיינמאָל נישט גנב'ענען, געלט געבט דער אייבערשטער.

## לא תענה ברעך עד שקר - עדות שקר

בנוגע די לשון הרע'ס וואָס מען רעדט אויפן רבי'ן און אויפן רבינ'ס מענטשן; דערמאַנסט מיר די מעשה וואָס האָט פאַסירט ביי רבי נתן, מען האָט עדות געזאָגט אויף רבי נתן אַז ער עסט אום ט' באָב, צוויי עדות האָבן געשוואוירן אַז זיי האָבן

גֶעזֶען ווִי רֶבִּי נָתָן מַאכְט אַ סְעוּדָה, עֶר עֶסְט און טְרִינְקְט אום ט' בְּאָב; רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוֶוען גַאנְץ ט' בְּאָב אַיינְגֶעשְׁפַּארְט, מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶעהֶערְט וֵויינֶען אַ גַאנְצְן טָאג, רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעוֵויינְט אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ נִישְׁט נָאר ט' בְּאָב, נָאר יֶעדֶע נַאכְט בַּיי תִּיקּוּן חֲצוֹת. זַיין שָׁכֵן, יוֹנָה מְלַמֵּד, הָאט גֶעזָאגְט פַּאר זַיין רֶבִּי, וֶוען זַיין רֶבִּי הָאט אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל בַּיינַאכְט הַרְגְ'נֶען רֶבִּי נָתָן: "דֶער רֶבִּי זָאל מְכַבֵּד זַיין אַ צְוֵוייטְן מִיט דִי מִצְוָה, אִיךְ קֶען דָאס נִישְׁט טוּן פַּאר מַיין שָׁכֵן רֶבִּי נָתָן, אִיךְ הֶער יֶעדֶע נַאכְט ווִי עֶר זָאגְט תִּיקּוּן חֲצוֹת מִיט אַזַא גֶעוֵויין, מִיט אַ זִיסְקֵייט, אִיךְ וֶועל דָאס נִישְׁט טוּן"; אוֹיף אַזַא אִיד הָאט מֶען גֶעזָאגְט אַז עֶר עֶסְט ט' בְּאָב און טַאנְצְט ט' בְּאָב.

שְׁפֶּעטֶער הָאט מֶען גֶעפְרֶעגְט אֵיינֶער פוּן דִי עֵדוּת וָואס הָאבְּן מֵעִיד גֶעוֶוען דִי פַאלְשֶׁע עֵדוּת, עֲקִיבָא מֵאירְטְשֶׁעס, הֲיִתָּכֵן, ווִי קֶען זַיין אִיר הָאט גֶעשְׁווֹאוֹירְן אוֹיף לִיגְנְט? הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "מִיר הָאבְּן גֶעזֶען רֶבִּי נָתָן עֶסְן ט' בְּאָב וָואס אִיז גֶעפַאלְן אום שַׁבָּת, מִיר הָאבְּן נִישְׁט גֶעשְׁווֹאוֹירְן פַאלְשׁ, מִיר הָאבְּן גֶעוּוִיסְט אַז מֶען וֶועט אוּנְז נִישְׁט פְּרֶעגְן אוֹיבּ דָאס אִיז גֶעוֶוען ט' בְּאָב שֶׁחָל בְּשַׁבָּת"; דִי רַבָּנִים, זֵיי הָאבְּן גֶעמֵיינְט אַז רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעגֶעסְן אִין אַ וָואכֶענְדִיגֶע ט' בְּאָב.

אַזוֹי אוֹיךְ הָאט מֶען גֶעזָאגְט אוֹיף רֶבִּי נָתָן נָאךְ פַּאלְשֶׁע עֵדוּת, דִי זֶעלְבֶּע צְוֵויי עֵדוּת הָאבְּן גֶעשְׁווֹאוֹירְן אַז זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען רֶבִּי נָתָן זִיצְן מִיט אַ מֵיידְל, שְׁפֶּעטֶער הָאט מֶען גֶעפְרֶעגְט דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן דָאס מֵעִיד גֶעוֶוען, הֲיִתָּכֵן, ווִי קֶען זַיין אִיר הָאט גֶעשְׁווֹאוֹירְן אוֹיף לִיגְנְט, הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט, מִיר הָאבְּן גֶעזֶען רֶבִּי נָתָן זִיצְן מִיט זַיין אֵיינִיקְל (אַ קִינְד פוּן זַיין טָאכְטֶער חַנָּה צִירְל), אַ קְלֵיין מֵיידְל פוּן וֵוינִיגֶער פוּן אַ יָאר, מִיר הָאבְּן נִישְׁט גֶעשְׁווֹאוֹירְן פַאלְשׁ, מִיר הָאבְּן גֶעוּוִיסְט אַז מֶען וֶועט אוּנְז נִישְׁט פְּרֶעגְן אוֹיבּ דָאס אִיז גֶעוֶוען אַן אֵיינִיקְל; אַזוֹי אִיז גֶעוָוארְן דִי מַחְלֹקֶת הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן; דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַּאר רֶבִּי נָתָן עֶר זָאל פָּארְן צוּם הֵיילִיגְן קְדוּשַׁת לֵוִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוֹיף שַׁבָּת, ווַייל דֶער חוֹלֵק וָואס הָאט גֶעקְרִיגְט אוֹיפְן רֶבִּי'ן אִיז גֶעפָארְן צוּ זַיין אוֹיף שַׁבָּת אִין בַּארְדִיטְשׁוּב רֶעדְן לָשׁוֹן הָרָע אוֹיפ'ן רֶבִּי'ן. רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעפָארְן, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט בַּאווִיזְן בִּיזְן זְמַן כְּנִיסַת הַשַּׁבָּת ווַייל עֶר הָאט גֶעוּוִיסְט אַז אוֹיבּ דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת לֵוִי וֶועט אִים זֶען וֶועט עֶר אִים בֶּעטְן עֶר זָאל אַוֶועקְפָארְן כְּדֵי עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קֵיין מַחֲלֹקֶת, פְרֵייטָאג צוּנַאכְטְס אִיז רֶבִּי נָתָן אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, וֶוען

דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת לֵוִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אִים גֶעזֶען הָאט עֶר אִים זֵייעֶר מְכַבֵּד גֶעוֶוען, רֶבִּי נָתָן מִיט זַיין חַבֵר רֶבִּי נַפְתָּלִי הָאבְּן גֶעוַוארְט צוּ זֶען וואוּ דֶער חוֹלֶק וֶועט זִיךְ אַוֶועק זֶעצְן, זֵיי זֶענֶען דָאךְ גֶעקוּמֶען נָאר פַאר דֶעם, עֶר זָאל נִישְׁט קֶענֶען רֶעדְן זַיינֶע שְׁקָרִים אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן; זֵיי הָאבְּן גֶעוַוארְט אוּן גֶעוַוארְט בִּיז וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען וואוּ עֶר נֶעמְט זַיין פְּלַאץ, וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעזֶעצְט הָאט זִיךְ רֶבִּי נָתָן גֶעזֶעצְט נֶעבְּן אִים אוּן רֶבִּי נַפְתָּלִי אַנְטְקֶעגְן אִים (מֶען הָאט שְׁפֶּעטֶער גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי נָתָן פַארְוָואס עֶר אִיז גֶעזֶעצְן נֶעבְּן אִים? הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין גֶעוֶוען גְרֵייט אַז אוֹיבּ אִיךְ וֶועל הֶערְן אֵיין וָוארְט רֶעדְן קֶעגְן רֶבִּי'ן וֶועל אִיךְ אִים פַארְשְׁוַוייגְן"), אַ גַאנְצֶע סְעוּדָה הָאט עֶר נִישְׁט גֶעעֶפְנְט זַיין מוֹיל צוּ רֶעדְן אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן.

נָאךְ שַׁבָּת אִיז רֶבִּי נָתָן אַרַיין צוּם הֵיילִיגְן קְדוּשַׁת לֵוִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, פְרֶעגְט אִים דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת לֵוִי אוֹיבּ עֶס אִיז אֱמֶת אַז דֶער רֶבִּי הֵייסְט זַיינֶע תַּלְמִידִים טְרִינְקֶען בְּרוֹינְפְן אִינְדֶערְפְרִי פַארְן דַאוֶונֶען כְּדֵי מֶען זָאל קֶענֶען דַאוֶונֶען מִיט שְׁטַארְקֶע הִתְלַהֲבוּת? הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "רֶבִּי, אִיר אוֹיךְ?! אִיר גְלֵייבְּט דִי אַלֶע לָשׁוֹן הָרָע'ס?" הָאט דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת לֵוִי גֶעזָאגְט: "נֵיין, נֵיין, אִיךְ גְלֵייבּ נִישְׁט; אִיךְ פְרֶעג נָאר וַוייל יֶענֶער זָאגְט אַזוֹי, אַז דֶער רֶבִּי הֵייסְט טְרִינְקֶען פַארְן דַאוֶונֶען"; הָאט רֶבִּי נָתָן פַארְשְׁטַאנֶען פַארְוָואס דֶער רֶבִּי הָאט אִים אַהִין גֶעשִׁיקְט אוֹיף שַׁבָּת, כְּדֵי דֶער חוֹלֶק זָאל נִישְׁט קֶענֶען פַארְקוֹיפְן זַיינֶע שְׁקָרִים אוּן מַאכְן אַ מַחֲלֹקֶת אוֹיפְן רֶבִּי'ן.

אַזוֹי אִיז אִין יֶעדְן דוֹר, אַלֶע מַחֲלֹקֶת אוֹיף צַדִיקִים אִיז פוּן לָשׁוֹן הָרָע; וֵוייל פַאר דִי וָואס זֶענֶען דָאס מְקַבֵּל, זֵיי נֶעמֶען אָן לָשׁוֹן הָרָע'ס אוֹיף צַדִיקִים. חַס וְחָלִילָה צוּ טְרַאכְטְן אַז מִיר טַאנְצְן ט' בְּאָב, חַס וְחָלִילָה צוּ זָאגְן אוֹיף בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידִים אַז מִיר זֶענֶען נִישְׁט מִתְאַבֵּל ט' בְּאָב אַזוֹי וִוי דִי הֲלָכָה אִיז; אַז דוּ וֶועסְט אָנֶנעמֶען דִי אַלֶע לָשׁוֹן הָרָע וֶועסְטוּ אָפְּלָאזְן דַיין לֶערְנֶען אוּן דוּ וֶועסְט פַארְשֶׁעמֶען צַדִיקִים, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת לָשׁוֹן הָרָע, סִימָן ח): "עַל יְדֵי לָשׁוֹן הָרָע אֵין לָאָדָם חֵשֶׁק לִלְמֹד", דוּרְךְ לָשׁוֹן הָרָע פַארְלִירְט מֶען דִי חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען, "גַּם מְבַזֶּה אֶת הַצַּדִּיק", אוּן מֶען פַארְשֶׁעמְט צַדִיקִים; מֶען קֶען מֶער נִישְׁט מְקַבֵּל זַיין פוּן דֶעם צַדִיק, וַוייל מֶען גְלֵייבְּט דִי לָשׁוֹן הָרָע'ס אוּן אַז מֶען הָאט מֶער נִישְׁט קֵיין חִיזוּק לָאזְט מֶען אָפּ דִי תּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן נִישְׁט גְלֵייבְּן קֵיין לִיגְנְט אוּן נִישְׁט

הערן קיין לשון הרע, וועלן מיר זוכה זיין צו ווערן גערעכנט ווי די צדיקים. אזוי ווי דער רבי זאגט (שם, אות יא): "מי שאין מקבל לשון הרע על צדיק", ווער עס נעמט נישט אן קיין לשון הרע אויף א צדיק, "על ידי זה יזכה להמנות עם הצדיקים", ווערט גערעכנט ווי א צדיק.

איך בין אזוי בצער פון וואס דו גייסט אריבער, עס טוט מיר אזוי וויי אז מען נעמט דיר מיט דיינע געשוויסטער צו עדות זאגן קעגן די טאטע; נישט גענוג די עלטערן קריגן זיך, וואס דאס אליין איז אזוי ווייטאגליך פאר די קינדער - נעמט מען ענק צו שלאגן איינער דעם צווייטן.

איך בעט דיר ברחמים, שטייט פון דער זייט, רעד נישט צו קיינעם קעגן דיין טאטע מאמע, דריי זיך ארויס מיט חכמה, זיי מקיים וואס דער רבי זאגט (ספר המידות אות פחד חלק ב׳, סימן ג): "מי שבורח מן הצרה, הוא פקח", דער וואס אנטלויפט פון א צרה איז קלוג; נישטא נאך א צרה ווי די צרה פון מחלקת.

בנוגע די עדות און אזוי ווייטער - דאס לאז פארן רב; דער רב דער בעל מסדר קידושין, ער זארגט פאר כשר׳ע עדים, דאס האט נישט מיט דיר חתן, דער רב זארגט אז די עדים זאלן מהרהר זיין בתשובה. (אגב ווען מיין טאטע שליט"א איז מסדר קידושין זאגט ער פאר די עדי קידושין בדרך כבוד: "לאמיר אינאיינעם תשובה טון"), אזוי אויך וואו די חופה זאל זיין - דאס לאז פאר די עלטערן, זיי זאלן טון לויט זייערע מנהגים.

## לא תחמד - קנאה

דער עיקר דארף א מענטש קוקן אויף זיך אליינס און ארויס כאפן גוטע זאכן צו מאכן א נחת רוח פארן אייבערשטן; נאר אזוי קען מען מצליח זיין אין עבודת השם, אז מען קוקט נאר אויף זיך. אזוי ווי עס שטייט ביי אברהם אבינו (יחזקאל לג, כד): "אחד היה אברהם", אברהם אבינו האט זוכה געווען צו דינען דעם

אײבֶּערשְׁטְן נָאר וַוייל עֶר הָאט אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעקוּקְט (עַיֵּין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, הַשְׁמָטָה).

זַיי נִישְׁט מְקַנֵּא אַנְדֶערֶע בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה; אֲפִילוּ אוֹיף גוּטֶע זַאכְן טָאר מֶען נִישְׁט מְקַנֵּא זַיין אַ צְוֵוייטְן אוּן וֶועלְן יֶענֶעם נָאכְמַאכְן. מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, דָאס וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא כא.): "קִנְאַת סוֹפְרִים תַּרְבֶּה חָכְמָה", אִיז נִישְׁט פְּשַׁט אַז מֶען זָאגְט דֶעם מֶענְטְשׁ: 'דוּ דַארְפְסְט מְקַנֵּא זַיין אַ צְוֵוייטְן אוּן אִים נָאכְמַאכְן', וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן נִישְׁט "קִנְאַת סוֹפְרִים תַּרְבֶּה 'סוֹפְרִים'", נָאר "קִנְאַת סוֹפְרִים תַּרְבֶּה 'חָכְמָה'", דִי נְקוּדָה אִיז נִישְׁט יֶענֶעם נָאכְצוּמַאכְן, נָאר וֶוען אִיךְ זֶע וִוי יֶענֶער אִיז זֵייעֶר שֵׁיין מַצְלִיחַ, תַּרְבֶּה 'חָכְמָה', דַארְף אִיךְ טְרַאכְטְן צוּ מִיר: 'וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז אִיךְ זָאל מַצְלִיחַ זַיין אִין מַיין זַאךְ'?

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט אַרוֹיס נֶעמֶען חִזּוּק פוּן מַיינֶע וֶוערְטֶער וָואס אִיךְ שְׁרַייב דִיר, דוּ וֶועסְט לֶעבְּן מִיט דִי וֶוערְטֶער וָואס דֶער הֵיילִיגֶער תַּם פְלֶעגְט זָאגְן וֶוען מֶען הָאט גֶערֶעדְט צוּ אִים פוּן אַנְדֶערֶע (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ט' מֵחָכָם וְתָם): "וָואס הָאט דָאס צוּ טוּן מִיט מִיר? דָאס אִיז יֶענֶעמְ'ס מַעֲשֶׂה אוּן דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה; אוּן וַוייטֶער פַארְוָואס דַארְפְן מִיר שְׁמוּעֶסְן פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, לָאמִיר מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן וִויפִיל אִיךְ הָאבּ פַארְדִינְט".

### מַיינֶע קָאלֶעגֶעס בַּיי דִי אַרְבֶּעט רֶעדְן אוֹיף מִיר, וָואס טוּ אִיךְ?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מֵיידְל וָואס אַרְבֶּעט מִיטְן זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט קְלֵיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ הָאבּ צְוֵויי קִינְדֶער מִיט וֶועם אִיךְ דַארְף זִיךְ אָפְּגֶעבְּן, אוּן אַזוֹי זֶענֶען דָא דָארְט נָאךְ מֵיידְלֶעךְ וָואס יֶעדֶער הָאט צְוֵויי קִינְדֶער זִיךְ אָפְּצוּגֶעבְּן מִיט זֵיי.

לֶעצְטְנְס הָאבּ אִיךְ צוּרִיק גֶעהֶערְט אַז אַ גֶעוִויסֶע מֵיידְל וָואס אַרְבֶּעט דָארְט רֶעדְט צוּ דִי עֶלְטֶערְן פוּן דִי קִינְדֶער מִיט וֶועם אִיךְ גֶעב זִיךְ אָפּ, אוּן זִי זָאגְט זֵיי אַז אִיךְ טוּ גָארְנִישְׁט מִיט זֵיי אַ גַאנְצְן טָאג, זֵיי קְלָאצְן סְתָּם אַוֶועק. דָאס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, אִיךְ גֶעב זִיךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם זֵייעֶר גוּט אָפּ מִיט זֵיי, אוּן עֶס טוּט מִיר שְׁרֶעקְלִיךְ וֵויי אַז זִי לָאזְט סְתָּם אַזוֹי אַרוֹיס אַ שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אוֹיף מִיר.

אִיךְ ווִיל ווִיסְן אוֹיבּ אִיךְ מֶעג רֶעדְן צוּ דִי עֶלְטֶערְן אוּן צוּ דִי אָנְפִירֶער פוּן דֶעם פְּלַאץ דֶערְוֶועגְן, אָדֶער עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ וָואס אִיךְ קֶען טוּן אִיבֶּער דֶעם, ווַייל עֶס טוּט מִיר בֶּאֱמֶת זַייעֶר שְׁטַארְק וֵויי.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ״ד מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

גֶעוֶוענְלִיךְ גֵייט עֶס אַזוֹי צְווִישְׁן אַרְבֶּעטֶער, וֶוען מֶען זֶעט אֵיינֶעם מַצְלִיחַ זַיין מִיט דִי אַרְבֶּעט - ווֶוערְט אַ שְׁטִיקֶל קִנְאָה, אֵיינֶער פְּרוּבִּירְט אוֹיפְצוּוֶעסְן דֶעם צְוֵוייטְן; דִי אַלֶע וָואס רֶעדְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן אוּן זוּכְן אוּנְטֶערְצוּבְּרֶענְגֶען אַ צְוֵוייטְן - אַלְץ נֶעמְט זִיךְ פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה פוּן קִנְאָה. דִי מִדָּה פוּן קִנְאָה אִיז דִי עֶקֶלְדִיגְסְטֶע מִדָּה וָואס אִיז דָא, מֶען וֶוערְט גֶעבּוֹירְן מִיט דֶעם, מֶען לֶעבְּט מִיט דֶעם אוּן מֶען שְׁטַארְבְּט מִיט דֶעם; אַלֶע צָרוֹת וָואס מֶענְטְשְׁן לַיידְן אִין לֶעבְּן - אִיז אַלְץ פוּן קִנְאָה, וֶוען מֶען אִיז מְקַנֵּא אַ צְוֵוייטְן, מֶען טְרַאכְט שְׁטֶענְדִיג אַז אַ צְוֵוייטֶער הָאט אַ בֶּעסֶערֶע לֶעבְּן.

עֶס הוֹיבְּט זִיךְ נָאךְ אָן וֶוען מֶען וֶוערְט גֶעבּוֹירְן; וֶוען אַ קִינְד וֶוערְט גֶעבּוֹירְן וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, אַלֶע שְׁפִּילְן זִיךְ מִיטְן קִינְד, מֶען גֶעבְּט אִים כָּבוֹד אִיבֶּערְן קָאפּ, בִּיז וֶוען עֶס קוּמְט אַ צְוֵוייטֶע קִינְד אוּן דִי מִשְׁפָּחָה הוֹיבְּט אָן גֶעבְּן כָּבוֹד אוּן אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט פַארְן צְוֵוייטְן, דֶעמָאלְט קֶען מֶען זֶען ווִי דֶער עֶלְטֶערֶער קִינְד וֶוערְט פָּשׁוּט מְשׁוּגָע, עֶר קֶען עֶס נִישְׁט נֶעמֶען, עֶר אִיז מְקַנֵּא דֶעם יוּנְגֶערְן, דָאס מַאכְט אַז דֶער עֶלְטֶערֶער זוּכְט נָאר ווִי עֶר קֶען טְשֶׁעפֶּען דֶעם יוּנְגֶערְן, עֶר צִיפְּט אוּן שְׁלָאגְט אִים.

נָאכְדֶעם וֶוען מֶען וֶוערְט עֶלְטֶער וַואקְסְט מִיט דִי קִנְאָה, מֶען טְרַאכְט שְׁטֶענְדִיג ׳דֶעם גֵייט גוּט, יֶענֶעם גֵייט גוּט׳, מֶען עֶסְט זִיךְ אוֹיף לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קנב:): ״כָּל מִי שֶׁיֵּשׁ בּוֹ קִנְאָה, עַצְמוֹתָיו מַרְקִיבִין״, וֶוער עֶס אִיז מְקַנֵּא אַ צְוֵוייטְן וֶוערְן זַיינֶע בֵּיינֶער פַארְפוֹילְט; בִּפְשְׁטוּת גֵייט עֶס אַרוֹיף אוֹיף נָאךְ דִי פְּטִירָה, אַז אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט מְקַנֵּא גֶעוֶוען - וֶועט זַיין גוּף נִישְׁט פַארְפוֹילְט וֶוערְן אִין קֶבֶר. מוֹהֲרָא״ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט, אַז דָאס

גייט אַרויף אויף לעבעדיגע מענטשן; אַ מענטש וואס האט קִנְאָה, ווערן אים זיינע ביינער פארפוילט בחַיִּים חַיּוּתוֹ; במשך זיין גאנצע לעבן עסט ער זיך אויף: 'פארוואס האב איך נישט אזא לעבן ווי יענעם?' 'פארוואס האב איך נישט אזא ווייב ווי יענער?' 'פארוואס האב איך נישט אזא הויז ווי יענעם?' וואס באמת דארף א מענטש וויסן אז אויב דער אייבערשטער האט דיר געגעבן די סארט לעבן; אזא ווייב, אזעלכע קינדער וכו' וכו', דארף מען גלייבן אז דאס איז דאס בעסטע פאר מיר, און בעסער קען נישט זיין.

אינטערעסאנט איז, די מִדָּה פון קִנְאָה גייט מיט מיטן מענטש אפילו נאכן שטארבן, דער רבי האט געזאגט: "ווען א נפטר וואלט זיך ווען געקענט אויפשטעלן אינמיטן די לְוָיָה' ציילן וויפיל מענטשן זענען געקומען צו זיין לְוָיָה' וואלט ער נישט אויסגעהאלטן פארוואס א צווייטער האט געהאט א גרעסערע לְוָיָה' פון אים", אזוי שטארק גייט די טִפְּשׁוּת פון קִנְאָה.

די גאנצע גָּלוּת וואס מיר ליידן איז נאר פון קִנְאָה; מען קריגט זיך, מען טוט שלעכטס איינער פארן צווייטן, אלץ ווייל מען טראכט: 'יענער האט מער', 'יענער איז מער געלונגען'; דעריבער זאגט דער רבי (ספר המדות אות קִנְאָה, סימן א): "כְּשֶׁיִּתְבַּטֵּל הַקִּנְאָה, אֲזַי יִהְיֶה קִבּוּץ גָּלֻיּוֹת", ווען עס וועט זיך ענדיגן קִנְאָה, קיינער וועט נישט גליסטן אויף א צווייטן – וועלן מיר צוריק גיין אלע אינאיינעם קיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

מען דארף זייער אסאך ארבעטן אויסצווארצלען די שלעכטע מִדָּה, דאס קען מען נאר אז מען ווערט מְקוֹרָב צום צַדִּיק. אזוי ווי דער רבי זאגט (שם, סימן ה): "עַל יְדֵי בִּיאָתְךָ לַצַּדִּיק יִתְבַּטֵּל מִמְּךָ הַקִּנְאָה", אז מען קומט צו א צַדִּיק ווערט בָּטֵל די שלעכטע מִדָּה פון קִנְאָה; דער צַדִּיק עפנט אויף די אויגן, מען הויבט אן שפירן דעם אייבערשטן, מען הויבט אן לעבן מיטן אייבערשטן, מען טראכט נישט פון א צווייטן, מען קוקט נישט אויף א צווייטן; מען איז שָׂמֵחַ בְּחֶלְקוֹ, מען פרייט זיך מיט וואס דער אייבערשטער געבט.

נעמט זיך נישט צום הארצן וואס מען רעדט אויף אייך, איר זאלט ווייטער טון אייער ארבעט מיט א געטריישאפט, איר זאלט אפילו נישט פּרוּבירן זיך צו פארענטפערן ווייל איר וועט סיי ווי נישט קענען. געדענקט וואס דער הייליגער תַּנָּא עֲקַבְיָא בֶּן מַהֲלַלְאֵל האט געזאגט פאר זיין זון ווען ער האט אים געבעטן ער זאל רעדן און מַסְבִּיר זיין מען זאל אים העלפן, אזוי ווי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דערציילן (עֵדֻיּוֹת ה, ז), ווען עֲקַבְיָא בֶּן מַהֲלַלְאֵל האט געהאלטן פארן נִפְטָר ווערן,

האט אים זיין זון געבעטן: "אַבָּא, פְּקוֹד עָלַי לַחֲבֵרֶיךָ", זאג פאר דיינע חֲבֵרִים זיי זאלן מיך מְקָרֵב זיין, האט אים עֲקַבְיָא בֶּן מַהֲלַלְאֵל געענטפערט: "אֵינִי מַפְקִיד", איך זאג זיי גארנישט וועגן דיר, האט ער געפרעגט: "שֶׁמָּא עַוְלָה מָצָאתָ בִּי", טאטע, ביסט ברוגז אויף מיר? האסט געטראפן אין מיר א זאך וואס איך טו נישט גוט, אז דו ווילסט נישט בעטן די חֲבֵרִים זיי זאלן מיך מְקָרֵב זיין? האט ער אים געענטפערט: "ניין, איך בין נישט ברוגז אויף דיר, נאר 'מַעֲשֶׂיךָ יְקָרְבוּךָ וּמַעֲשֶׂיךָ יְרַחֲקוּךָ', דיינע גוטע מַעֲשִׂים וועלן מאכן מען זאל דיך מְקָרֵב זיין, און דיינע שלעכטע מַעֲשִׂים וועלן מאכן מען זאל דיך מְרַחֵק זיין".

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט האבן הַצְלָחָה אין אלע עִנְיָנִים.

ברודער, אויף דער וועלט דארף מען האבן אסאך סַבְלָנוּת, זאלסט נישט טראכטן קיין איין רגע אז "יענער האט א בעסערע לעבן פון דיר", "יענער האט בעסער חֲתוּנָה געהאט פון דיר" 'כִּי לֹא מֵחָכְמָה שָׁאַלְתָּ עַל זֶה', ביי איין זאך דארף מען מְקַנֵּא זיין א צווייטן - אן ערליכע איד, אזא איינעם וואס גייט ארום פרייליך און מאכט אזא גוטע אנשטעל כְּאִילוּ עס גייט אים זייער גוט, נאר אזא איינעם דארף מען מְקַנֵּא זיין. רַבִּי נָתָן האט געזאגט פאר זיין תַּלְמִיד רַבִּי נַחְמָן טולטשינער: "עס איז נישט דא וועם מְקַנֵּא צו זיין, נאר אן ערליכער איד, און אויב ביסטו אן ערליכער איד בין איך דיך מְקַנֵּא".

ווען דו זאלסט נאר הערן וואס איך הער אלץ צאם אין איין טאג, וואס מענטשן גייען אריבער, וואלסטו מְשׁוּגָע געווארן; יעדער מענטש האט זיך זיינע צָרוֹת וְכוּ' וְכוּ'.

דערפאר בעט איך דיר זייער, זיי נישט קיין נער און האב נישט קיין צער, מאך פרייליך דיין ווייב און זוך נאר די גוטע חֲלָקִים וואס זי האט, און ווארט נישט אויף קיין כָּבוֹד, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זאגן (אָבוֹת ד, א): "אֵיזֶהוּ מְכֻבָּד, הַמְּכַבֵּד אֶת הַבְּרִיּוֹת", א מענטש דארף זיין אזוי פרייליך אז ער זאל קענען געבן כָּבוֹד פאר יעדן, בִּפְרַט פאר די אייגענע ווייב. דאס איז וואס איך האב מְקַבֵּל געווען פון מוֹהֲרָא"ש און דאס איז וואס איך לערן מיט מיינע תַּלְמִידִים, וועט עס פארשטייט אנדערש זאל זוכן א פלאץ וואס איז גוט פאר אים.

# קַבָּלַת הַתּוֹרָה

מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן פַאר תּוֹרָה תְּפִלָּה וָואס דָאס אִיז דֶעם גַאנְצְן רֶבִּינְ'ס זַאךְ. דִי וָואךְ אִין דִי פַּרְשָׁה בַּיי דִי לוּחוֹת שְׁטֵייט (שְׁמוֹת לב, טז): "וְהַלֻּחֹת מַעֲשֵׂה אֱלֹקִים הֵמָּה", זָאגְט רַשִּׁ"י: "כְּאָדָם הָאוֹמֵר לַחֲבֵירוֹ כָּל עֲסָקָיו שֶׁל פְּלוֹנִי בִּמְלָאכָה פְּלוֹנִית, כָּךְ כָּל שַׁעֲשׁוּעָיו שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בַּתּוֹרָה", אַזוֹי ווִי מֶען זָאגְט: 'יֶענֶעמְ'ס זַאךְ אִיז דָאס אוּן דָאס', אַזוֹי זָאגְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס זַאךְ אִיז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; דָאס אִיז דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ, אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ אִיז הֲבֵל הֲבָלִים.

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי בָּרוּכְ'ל פוּן מֶעזִיבּוּז זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ – אַ פֶּעטֶער פוּן רֶבִּי'ן – זָאגְט: "מֶענְטְשׁ שְׁרֶעקְן זִיךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מֶען גֵייט דַן זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס גֵייט זַיין דִי גַאנְצֶע יָאר, אָבֶּער מֶען דַארְף זִיךְ מֶער שְׁרֶעקְן פוּן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת", ווייל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז מֶען דַן 'אַ בִּילְקֶע אַרוֹיף, אַ בִּילְקֶע אַרָאפּ', דִי יָאר גֵייט אַרִיבֶּער בַּיי אַלֶעמֶען אֵיינִיג, אֵיינֶער הָאט שַׁבָּת בַּיי דִי סְעוּדָה אַ 'סַאוּעֶר דְאוֹ' חַלָּה אוּן אֵיינֶער נִישְׁט, אָבֶּער דִי יָאר אִיז אֵיינִיג. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא): "אֵין לְהִסְתַּכֵּל אִם יִהְיֶה לוֹ מָעוֹת אִם לַאו", עֶס דַארְף נִישְׁט אָנְגֵיין אוֹיבּ מֶען הָאט גֶעלְט אָדֶער נִישְׁט, "כִּי בֵּין כַּךְ וּבֵין כַּךְ יְבַלֶּה יָמָיו בְּשָׁוֶה", ווייל אַזוֹי צוּ אַזוֹי גֵייט דָאס לֶעבְּן אַרִיבֶּער אֵיינִיג, נִישְׁט קַיין חִילוּק יָא גֶעלְט אָדֶער נִישְׁט גֶעלְט, דָאס לֶעבְּן אִיז אֵיינִיג בַּיי אַלֶעמֶען, אָבֶּער ווען עֶס קוּמְט יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת אִיז מֶען דַן דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיבּ עֶר וֶועט לֶערְנֶען, וויפִיל עֶר וֶועט לֶערְנֶען אוּן צִי וֶועט עֶר לֶערְנֶען מִיט שִׂמְחָה – דָאס דַארְף גֶעבְּן אַ צִיטֶער פַארְן מֶענְטְשׁ, מֶען דַארְף טְרַאכְטְן 'וָואס גֵייט זַיין דִי יָאר? וֶועל אִיךְ לֶערְנֶען? וֶועל אִיךְ זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט מַיין לֶערְנֶען?'

מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט מֶען זָאל נִישְׁט זַיין קַיין בַּטְלָנִים, נָאר זִיךְ גוּט אוֹיסְבֶּעטְן בַּיים דַאוֶונֶען, בַּיי דִי וֶוערְטֶער: **"וְנִשְׂמַח בְּדִבְרֵי תַּלְמוּד תּוֹרָתֶךָ"**, מֶען זָאל בֶּעטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וויל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי תּוֹרָה, אִיךְ וויל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוֹת"**; יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת זִינְגֶען מִיר בַּיי תְּפִילַת מַעֲרִיב דִי שְׁטִיקֶל "אַהֲבַת עוֹלָם", מִיר הָאבְּן גֶעזִינְגֶען דִי נִיגוּן פוּן "אָבִינוּ אָב הָרַחֲמָן הַמְרַחֵם רַחֵם עָלֵינוּ",

אוּן זִיךְ גוּט אוֹיסְגֶעבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער מִיר ווִילְן זִיךְ פְרֵייעָן מִיט דִי תּוֹרָה".

מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט אַז אוֹיבּ מֶען ווִיל מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה קֶען דָאס נָאר צוּגֵייען אוֹיבּ מֶען קוּקְט גוּט אוֹיף זִיךְ; ווַייל אַז מֶען קְלַאפְּט זִיךְ, מֶען הָאט זִיךְ אַלֵיינְס פַּיינְט, מֶען ווִיל זִיךְ נִישְׁט לַיידְן - קֶען מֶען נִישְׁט מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה, נָאר אַז מֶען קוּקְט גוּט אוֹיף זִיךְ קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ ווֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט דִי תּוֹרָה ווָאס דֶער רֶבִּי רֶעדְט פוּן קוּקְן גוּט אוֹיף אַנְדֶערֶע אוּן קוּקְן גוּט אוֹיף זִיךְ (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רפב), דִי תּוֹרָה אִיז אַ פוּנְדַאמֶענְט אִין בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידוּת; דֶער רֶבִּי אִיז אוּנְז מְגַלֶּה אַז דוּרְךְ קוּקְן גוּט אוֹיף אַנְדֶערֶע אוּן דוּרְךְ קוּקְן גוּט אוֹיף זִיךְ - פַּאלְט אַוֶועק דָאס שְׁלֶעכְטְס, מֶען ווֶוערְט אַ נֵייעֶר מֶענְטְשׁ.

אִיךְ הָאף דוּ ווֶועסְט אָנְהוֹיבְּן קוּקְן גוּט אוֹיף דִיר, דוּ ווֶועסְט זוּכְן עֶפֶּעס גוּטְס.

## אִיךְ ווִיל אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען, ווִי אַזוֹי הוֹיבְּט מֶען אָן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַן אַרְבֶּעטְס אִינְגֶערְמַאן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט צוּפִיל צַייט צוּ לֶערְנֶען, אוּן אִיךְ ווָאלְט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעווָאלְט אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן מוֹהֲרָא"ש.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אָבֶער נִישְׁט פּוּנְקְטְלִיךְ ווִי אַזוֹי דָאס אַרְבֶּעט, דַארְף מֶען קוֹדֶם עֶנְדִיגְן גַאנְץ מִשְׁנַיוֹת, אָדֶער קוֹדֶם יֶעדֶע מַסֶכְתָּא הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל? אוּן דָאס אִיז מַסֶכְתּוֹת פוּן מִשְׁנַיוֹת אָדֶער פוּן גְמָרָא?

אִיךְ הָאף אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א ווֶועט מִיר קֶענֶען מַסְבִּיר זַיין אוּן קְלָאר שְׁטֶעלְן ווִי ווִי אַזוֹי עֶס אַרְבֶּעט.

יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא א׳, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הוֹיבּ אָן מִיט מִשְׁנָיוֹת; גֵיי אִין אַ סֵדֶר אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן אַ מַסֶכְתָּא, נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ גֵיין צוּם צְוֵוייטְן מַסֶכְתָּא בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן סֵדֶר זְרָעִים. נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ גֵיין צוּ סֵדֶר מוֹעֵד, זָאלְסְט לֶערְנֶען אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה; וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל אוֹיף דֶעם אוֹפֶן, זָאלְסְט לֶערְנֶען אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק; אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן דַיין גַאנְץ לֶעבְּן, זָאלְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם מִשְׁנָיוֹת, דָאס וֶועט אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין דִיר אַ גְלִיסְטֶעניש צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דוּ וֶועסְט וֶועלְן לֶערְנֶען נָאךְ אוּן נָאךְ.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן יֶעדְן טָאג אַ שִׁיעוּר צוּ לֶערְנֶען גְמָרָא; הֵייבּ אָן מַסֶכֶת בְּרָכוֹת אוּן גֵיי כְּסִדְרָן אַ בְּלַאט נָאךְ אַ בְּלַאט. קוּק נִישְׁט אוֹיף דֶעם אוֹיבּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט, דוּ זָאג דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, דָאס וֶועט פַארְשְׁנַיידְן אַלֶע קְלִיפּוֹת וּמַשְׁחִיתִים; צַדִיקִים טַייטְשְׁן דָאס וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קו:): ״גְּמָרָא גְּמוֹר זְמוֹרְתָּא תְּהֵא״, ״גְּמָרָא גְמוֹר״ - אוֹיבּ דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען גְמָרָא, דֶעמָאלְט: ״זְמוֹרְתָּא תְּהֵא״ - דָאס אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן: ׳לְזַמֵּר אֵת כָּל הֶעָרִיצִים וּלְהַכְרִית אֵת כָּל הַקּוֹצִים׳, אַז מֶען זָאגְט גְמָרָא פַארְשְׁנַיידְט מֶען אַלֶע שְׁלֶעכְטְס.

אֲפִילוּ דוּ פַארְגֶעסְט, דוּ גֶעדֶענְקְסְט נִישְׁט פוּן אֵיין טָאג אוֹיפְן צְוֵוייטְן זָאלְסְטוּ וַוייטֶער גֵיין אִין אַ רֵייעֶ אֵיין בְּלַאט נָאכְן צְוֵוייטְן; אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן דַיין גַאנְץ לֶעבְּן, זָאלְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא. דָאס וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, עֶס וֶועט דִיךְ רַייךְ מַאכְן.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן קלז), עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען צְוֵויי אִינְגֶעלַייט זֵייעֶר נָאנְטֶע חֲבֵרִים, אֵיינְמָאל הָאט אֵיינֶער גֶעזֶען אוֹיף זַיין חָבֵר אַז עֶר הָאט גֶעטוּן נִישְׁט קַיין שֵׁיינֶע זַאךְ, שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר גֶעזֶען וִוי דֶער חָבֵר הָאט גֶעטוּן אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה הָאט עֶר זִיךְ אָפְּגֶעשָׁאקְלְט פוּן אִים אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ צֶעטֵיילְט. נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט זֶעט עֶר וִוי דֶער חָבֵר הֵייבְּט אָן מַצְלִיחַ זַיין, אָבֶער עֶר זֶעלְבְּסְט אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער אָרֶעמַאן, הָאט עֶר אָנְגֶעפַאנְגֶען הָאבְּן

קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: 'אִיךְ ווייס דָאךְ אַז יֶענֶער הָאט גֶעטוּן אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה, פַארְוָואס גֵייט אִים אַזוֹי גוּט? עֶר אִיז מַצְלִיחַ, עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר', אֵיינְמָאל הָאט עֶר גֶעזֶען וִוי עֶס שְׁטֵייט אַ קוּפְּקֶע אוּן עֶס הֶערְט זִיךְ אַרוֹיס פוּן דָארְט אַ גֶערוּדֶער ווִי מֶען צֵיילְט גֶעלְט, אִיז עֶר אַהִין גֶעגַאנְגֶען אוּן עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ דִי גֶעלְט, וֶוען עֶר הָאט גֶעוָואלְט קוּמֶען נָאנְט הָאט מֶען אִים אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אוּן אִים גֶעזָאגְט: "רִיר נִישְׁט צוּ צוּ דִי גֶעלְט, דִי גֶעלְט בַּאלַאנְגְט פַאר דַיין אַלְטֶער חַבֵר", הָאט עֶר זֵיי גֶעפְרֶעגְט: "אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט, פַארְוָואס קוּמְט אִים אַזוֹיפִיל גֶעלְט, אִיךְ הָאבּ דָאךְ גֶעזֶען מִיט מַיינֶע אוֹיגְן וִוי עֶר טוּט אַן עֲבֵירָה?" הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט אַזוֹי: "דַיין חַבֵר הָאט זִיךְ קוֹבֵעַ גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג תּוֹרָה, עֶר הָאט זִיךְ פָארְגֶענוּמֶען חֹק וְלֹא יַעֲבוֹר אַז עֶר גֵייט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג, אָבֶּער דוּ לֶערְנְסְט גָארְנִישְׁט, דֶערְפַאר גִיבְּט מֶען פַאר דַיין חַבֵר גֶעלְט אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעטוּן אַן עֲבֵירָה וַוייל "מָעוֹת" אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת וְ'אֵין עֲ'בֵירָה מְ'כַבָּה תּ'וֹרָה (סוֹטָה כא.), עֲבֵירָה לֶעשְׁט נִישְׁט אוֹיס דִי תּוֹרָה", קוּק נָאךְ דִי מַעֲשֶׂה דָארְט.

אֵיינְמָאל דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ עֶנְדִיגְן גַאנְץ שַׁ"ס דֶעמָאלְט קֶענְסְטוּ אָנְהֵייבְּן אַ שִׁיעוּר אוֹיף דֶעם וֶועג פוּן אֵיין מַסֶכְתָּא הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל; דָאס וֶוענְדְט זִיךְ אִינֶעם מֶענְטְשׁ, עֶס זֶענֶען דָא וָואס הֵייבְּן אָן נָאכְאַמָאל שַׁ"ס כְּסִדְרָן אוּן ווען זֵיי זֶענֶען מְסַיֵים הֵייבְּן זֵיי אָן נָאכְאַמָאל אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, נָאכְדֶעם זֶענֶען דָא וָואס נֶעמֶען אֵיין מַסֶכְתָּא אוּן זֵיי גֵייעֶן דָאס אִיבֶּער הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל, דָאס וֶוענְדְט זִיךְ לוֹיט יֶעדְן מֶענְטְשׁ.

וואוּיל אִיז דֶעם וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, עֶר לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה - דֶער דַארְף שׁוֹין נִישְׁט קֵיינֶעם, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אֵיינֶעם גֶעפְרֶעגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יז): "פַארְוָואס לֶערְנְסְטוּ נִישְׁט? דוּ וֶועסְט דָאךְ בַּאקוּמֶען עוֹלָם הַבָּא פַאר דַיין לֶערְנֶען?!" אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט: "אֵיינְמָאל דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן אַ לִיבְּשַאפְט צוּ דִי תּוֹרָה, וֶועסְטוּ שׁוֹין נִישְׁט דַארְפְן נִישְׁט דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט יֶענֶער וֶועלְט, דוּ וֶועסְט נָאר וֶועלְן לֶערְנֶען נָאךְ אוּן נָאךְ".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

דער הייליגער רבי זאגט (לקוטי מוהר"ן חלק א, סימן א) ווען א מענטש לערנט תורה ווערט ער אפגעהיטן פון די יצר הרע וואס וויל אים אויסרייסן; עס איז דא א יצר הרע וואס איז זיך מתלבש אין מצוות, ער רעדט איין דעם מענטש צו טון עבירות בלבוש מצוות, די יצר הרע איז זייער א גרויסע סכנה, ווייל דער מענטש ווייסט נישט זיך צו היטן פון דעם, ער מיינט אז דאס איז א מצוה; די איינציגסטע עצה צו ווערן געראטעוועט - איז נאר דורך לערנען די הייליגע תורה.

מוהרא"ש זאגט, דער רבי מיינט די מענטשן וואס מאכן מחלוקת און האבן אינזין דעם אייבערשטן, און די מענטשן וואס מיינען עס איז א מצוה צו זיין ביי זיך דערביטערט און אויפגעגעבן, דער יצר הרע רעדט איין עס איז א גרויסע זאך צו זיין דעפרעסט, ווען באמת איז דאס א גרויסע סכנה; עצבות ומרה שחורה איז די ערגסטע זאך פארן מענטש, עצבות ומרה שחורה איז די יצר הרע, די סמ"ך מ"ם; די איינציגסטע וועג ווי אזוי מען קען ווערן אפגעהיטן פון דעם איז דורך לערנען די הייליגע תורה, אז מען לערנט תורה שטופט מען אוועק די עצבות ומרה שחורה.

שטעל דיך פאר ווי הונגעריג דיין נשמה איז ווען דו לערנסט נישט קיין תורה... געב א קוק ווי דו האסט געשפירט היינט ווען מיר האבן געפאסט, מיר האבן נישט געהאט קיין כח פאר גארנישט, א גאנצן טאג האבן מיר נאר געווארט אויף איין זאך: 'ווען קען מען שוין אויספאסטן?' דאס איז ווען דער גוף פאסט, כל שכן ווען עס גייט אריבער טעג און וואכן וואס מען געבט נישט צו עסן פאר די נשמה, קען מען זיך נישט פארשטעלן ווי שטארק די נשמה ווערט אויסגעמוטשעט.

דערפאר בעט איך דיר: נעם יעצט א חומש און זיי מעביר סדרה; אפילו מען פירט זיך אז מען לערנט נישט קיין מקרא ביינאכט, אויב מען לערנט דאס מיט תרגום און רש"י מעג מען דאס לערנען ביינאכט. ווארט נישט אויף פרייטאג צו ענדיגן די חומש; געדענק וואס די הייליגע חכמים לערנען אונז (אבות ב, ד): "אל תאמר לכשאפנה אשנה, שמא לא תפנה", זאג נישט: "ווען איך וועל האבן צייט און נישט זיין פארנומען - דעמאלט וועל איך לערנען", נאר יעצט כאפ אריין אביסל תורה.

נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל מִשְׁנַיוֹת; אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער. מִשְׁנַיוֹת הָאט אַ מוֹרָא׳דִיגְן כֹּחַ אַז עֶס טוּישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ מִן הַקָּצֶה אֶל הַקָּצֶה – אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ זָאל שׁוֹין לִיגְן אִין אַ טִיפְן בְּלָאטֶע. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס לִיגְט שׁוֹין אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אוּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג ׳כַּךְ וְכַךְ׳, וֶועט אִים דִי תּוֹרָה רֵיין מַאכְן אוּן אָפְּוַואשְׁן.

וְעַל כּוּלָּם זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אַ בְּלַאט גְּמָרָא; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תּוֹסֶפְתָּא פָּרָה ה, ד): "רַבִּי עֲקִיבָא אוֹמֵר זַמֵּר בָּהּ תְּדִירָא – זַמֵּר", זָאגְן צַדִּיקִים אַז דָאס אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן פַארְשְׁנַיידְן; אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה פַארְשְׁנַיידְט מֶען אַלֶע קְלִיפּוֹת אוּן מַלְאֲכֵי חַבָּלָה וָואס מֶען הָאט בַּאשַׁאפְן דוּרְךְ דִי עֲבֵירוֹת.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן ה) אַז רַבָּה בַּר חָנָה אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס עֶר אִיז נִישְׁט מְחַדֵּשׁ חִידוּשִׁים אוֹיף זַיינֶע מַאֲמָרִים; נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז עֶר זָאגְט עֶס נָאךְ בְּשֵׁם אוֹמְרוֹ, אַז רַבָּה בַּר בַּר חָנָה הָאט דָאס אַלֶעס מְגַלֶּה גֶעוֶוען.

דִי עֶרְשְׁטֶע מַאֲמָר וָואס רַבָּה בַּר בַּר חָנָה הָאט גֶעזָאגְט: "הַאי גַּלָּא דְּמַטְבַּע לִסְפִינְתָּא", דֶער יֵצֶר הָרָע אִיז וִוי אַ וַואל וָואס ווִיל דֶערְטְרֶענְקֶען דֶעם אִיד, "מִתְחַזֵּי כִּי צוּצִיתָא דְנוּרָא חִוַּרְתָּא בְּרֵישָׁא", דֶער יֵצֶר הָרָע פַארְשְׁטֶעלְט זִיךְ וִוי אַ הֵיילִיגֶע וַוייסֶע בְּרֶענֶעדִיגֶער מַלְאָךְ, עֶר קוּמְט נִישְׁט צוּם מֶענְטְשׁ אוּן רֶעדְט אִים אַיין צוּ טוּן עֲבֵירוֹת, נָאר עֶר פַארְבְּט דִי עֲבֵירוֹת וִוי אַ מִצְוָה, אוּן עֶר פַארְשְׁטֶעלְט זִיךְ וִוי אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. לְמָשָׁל, עֶר רֶעדְט אַיין דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל מַאכְן מַחֲלֹקֶת, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ לְשֵׁם שָׁמַיִם, אוּן עֶר רֶעדְט אַיין דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל אַרוּם גֵיין צֶעבְּרָאכְן, אוּן עֶר רֶעדְט אִים אַיין אַז עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ זַיין טְרוֹיעֶרִיג.

אָבֶּער וִוי אַזוֹי קֶען מֶען פָּטוּר וֶוערְן פוּן דֶעם יֵצֶר הָרָע? זָאגְט רַבָּה בַּר בַּר חָנָה: "וּמָחִינָן לֵיהּ בְּאַלְוָתָא דְּחָקִיק עָלֵיהּ ׳אֶהְיֶה אֲשֶׁר אֶהְיֶה׳", מֶען שְׁלָאגְט אִים מִיט אַ שְׁטֶעקְן וָואס עֶס אִיז אוֹיסגֶעקְרִיצְט דֶערוֹיף שֵׁמוֹת, אוּן דֶער שְׁטֶעקְן דָאס אִיז דֶער הֵיילִיגֶער תּוֹרָה, וַוייל דִי תּוֹרָה זֶעט אוֹיס וִוי אַ שְׁטֶעקְן וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מִדְרָשׁ תַּנְחוּמָא כִּי תִשָּׂא, סִימָן כא): "הַלּוּחוֹת אָרְכָּן, וָ"ו וְרָחְבָּן וָ"ו", דִי לוּחוֹת זֶענֶען

גֶעוֶוען לַאנְג זֶעקְס טְפָחִים, אוּן בְּרֵייט זֶעקְס טְפָחִים; אוּן דִי תּוֹרָה אִיז דָאךְ שֵׁמוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נָאר דוּרְךְ לִימוּד הַתּוֹרָה קֶען מֶען מַכְנִיעַ זַיין דֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס שְׁטֶעלְט זִיךְ אַהֶער וִוי אַ שֵׁיינֶער אִיד.

זֶעט מֶען וִוי אַזוֹי דֶער רֶבִּי הֵייבְּט אָן לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן דִי עֶרְשְׁטֶע תּוֹרָה, אוּן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט, אַז מֶען זָאל לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן וִויסְן אַז נָאר תּוֹרָה קֶען רַאטֶעוֶוען דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן שְׁלֶעכְטְס. וֶוען דוּ וָואלְסְט וֶוען גֶעוואוּסְט וִוי שְׁטַארְק אִיךְ הָאבּ הֲנָאָה צוּ הֶערְן פוּן דִיר אַ סִיּוּם, וָואלְסְטוּ מִיר גֶעלָאזְט וִויסְן יֶעדֶע מָאל דוּ בִּיסְט מְסַיֵּים נָאךְ אַמָאל מִשְׁנָיוֹת, נָאךְ אַ מַסֶּכְתָּא.

וֶוער עֶס לֶערְנְט תּוֹרָה – נֶעמְט זִיךְ דִי תּוֹרָה אָן פַאר אִים, דִי תּוֹרָה הִיט אִים אוּן עֶס הִיט זַיינֶע קִינְדֶער. אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (חֲגִיגָה טו:) עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ הוּנְגֶער יָאר, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען וָואס צוּ עֶסְן, אוּן דִי טָאכְטֶער פוּן אַחֵר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ, זִי הָאט אִים גֶעבֶּעטְן: "רֶבִּי, פַּרְנְסֵנִי", רֶבִּי גֶעבְּט מִיר עֶפֶּעס עֶסְן, הָאט רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ אִיר גֶעפְרֶעגְט: "בַּת מִי אַתְּ", וֶועמֶענְס טָאכְטֶער בִּיסְטוּ? הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "בִּתּוֹ שֶׁל אַחֵר אֲנִי", אִיךְ בִּין אַ טָאכְטֶער פוּן אַחֵר, הָאט רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ גֶעזָאגְט מִיט וואוּנְדֶער: "עֲדַיִן יֵשׁ מִזַּרְעוֹ בָּעוֹלָם", עֶר הָאט נָאךְ קִינְדֶער דָא אוֹיף דִי וֶועלְט? עֶס שְׁטֵייט דָאךְ (אִיּוֹב יח, יט): "לֹא נִין לוֹ וְלֹא נֶכֶד בְּעַמּוֹ וְאֵין שָׂרִיד בִּמְגוּרָיו", עֶס וֶועט נִישְׁט בְּלַייבְּן קַיין קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ פוּן אַ רָשָׁע, הָאט זִי גֶעבֶּעטְן: "זְכֹר לְתוֹרָתוֹ וְאַל תִּזְכֹּר מַעֲשָׂיו", אִיךְ בֶּעט דֶעם רֶבִּי'ן זָאל גֶעדֶענְקֶען דִי תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אוּן נִישְׁט זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים. וֶוען זִי הָאט דָאס אַרוֹיסְגֶעזָאגְט אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אַ פֵייעֶר פוּן הִימְל אוּן פַארְבְּרֶענְט דִי בֶּענְקְל פוּן רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ, זִיךְ אָנְצוּנֶעמֶען פַאר אִים, הָאט רַבֵּינוּ הַקּוֹדֶשׁ זֵייעֶר גֶעוֵויינְט אוּן גֶעזָאגְט: "וּמָה לַמִּתְגַּנִּין בָּהּ כָּךְ, לַמִּשְׁתַּבְּחִין בָּהּ עַל אַחַת כַּמָּה וְכַמָּה", מַה-דָאךְ וֶוען אַ רָשָׁע לֶערְנְט תּוֹרָה קוּמְט דִי תּוֹרָה אוּן נֶעמְט זִיךְ אָן פַאר אִים, אִיז דָאךְ אַוַדַאי אוּן אַוַדַאי וֶוען אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן לֶערְנְט תּוֹרָה – וֶועט זִיךְ זִיכֶער דִי תּוֹרָה אָנְנֶעמֶען פַאר אִים.

## מֶעג מֶען לֶערנֶען לִיגְנְדִיג?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַ דַאנְק דִי חִזּוּק פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א בִּין אִיךְ זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוֹיפְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּמּוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

עֶס מַאכְט זִיךְ אַסַאךְ מָאל אַז אִיךְ הָאבּ גָאר אַ פַארְנוּמֶענֶע טָאג, אוּן בַּייְנַאכְט וֶוען אִיךְ גֵיי שׁוֹין שְׁלָאפְן דֶערְמַאן אִיךְ זִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ נָאךְ הַיינְט גָארְנִישְׁט גֶעלֶערְנְט, אִיךְ בִּין אָבֶּער שׁוֹין זֵייעֶר מִיד אוּן אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ זִיצְן אוֹיפְן בֶּענְקְל בַּיים טִישׁ, אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג פַאר מִיר צוּ לֶערְנֶען אִיז צוּ לֶערְנֶען לִיגְנְדִיג אוֹיפְן בֶּעט, אַז נִישְׁט וֶועל אִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט לֶערְנֶען יֶענֶעם טָאג.

אִיז דָאס אוֹיסְגֶעהַאלְטְן צוּ לֶערְנֶען גְּמָרָא, מִשְׁנָה, הֲלָכָה, לִיגְנְדִיג אִין בֶּעט, אָדֶער פַּאסְט עֶס נִישְׁט צוּ טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא א׳, ד׳ סִיוָן, מ״ח לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

קֶענְסְט לֶערְנֶען אַזוֹי. קוּק נָאךְ אִין שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת תּוֹרָה לִשְׁמָהּ (שְׁאֵלָה שסז), אֵיינֶער פְרֶעגְט דִי זֶעלְבֶּע פְּרַאגֶע, אוֹיבּ מֶען מֶעג לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה לִיגְנְדִיג, אוֹיבּ עֶס אִיז דֶּרֶךְ אֶרֶץ'דִיג; בְּרֶענְגְט דֶער הֵיילִיגֶער בֶּן אִישׁ חַי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִין דִי תְּשׁוּבָה, אַ רְאָיָ׳ פוּן וָואס דִי גְּמָרָא זָאגְט (זְבָחִים ה.): "רָמֵי רֵישׁ לָקִישׁ עַל מְעוֹהִי בֵּי מִדְרָשָׁא", רֵישׁ לָקִישׁ אִיז גֶעלֶעגְן אוֹיפְן בּוֹיךְ אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּן גֶעפְרֶעגְט אַ שְׁאֵלָה אִין לֶערְנֶען, זָאגְט דֶער בֶּן אִישׁ חַי, וָואס דַארְף דִי גְּמָרָא זָאגְן אַז רֵישׁ לָקִישׁ אִיז גֶעלֶעגְן? נָאר אוּנְז צוּ לֶערְנֶען אַז אוֹיבּ אַמָאל אִיז מֶען אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט - מֶעג מֶען לֶערְנֶען לִיגְנְדִיג. עֶר זָאגְט אָבֶּער: "אַךְ לֹא יַתְמִיד בָּזֶה", מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ טוּן, מֶען זָאל לֶערְנֶען מִיט דֶּרֶךְ אֶרֶץ; נָאר אוֹיבּ מֶען אִיז זֵייעֶר אָפְּגֶעמַאטֶערְט אוּן אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט - קֶען מֶען לֶערְנֶען אַזוֹי.

לֶערְן מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ, אֲפִילוּ בִּיסְט מִיד אוּן אוֹיסְגֶעמַאטֶערְט; בִּפְרַט אַ בְּלַאט

גְמָרָא בְּכָל יוֹם, דֶער בְּלַאט גְמָרָא זָאל זַיין בַּיי דִיר אַזוֹי שְׁטַארְק אוּן אַזוֹי וויכְטִיג – ווי לֵייגְן טַלִית אוּן תְּפִילִין. מוֹהֲרָא"ש בְּרֶענְגְט פוּן הַגָּאוֹן רֶבִּי שֶׁעפְּטִיל זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, זוּן פוּנֶעם שְׁלָ"ה הַקָּדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (הוּבָא בְּסוֹף סֵפֶר יֵשׁ נוֹחֲלִין): "אַ בְּלַאט גְמָרָא דַארְף זַיין אַזוֹי שְׁטַארְק בַּיים מֶענְטְשׁ, אַזוֹי ווִי מֶען טוּט אָן תְּפִילִין".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא וֶועט דִיר עֶפֶענֶען דִי טִירְן פוּן גַן עֵדֶן, וֶועסְט שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִיר.

זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, זָאג דִי וֶוערְטֶער אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין; דָאס וֶועט דִיךְ מַאכְן פַאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

הָאב סַבְלָנוּת, עֶס גֵייט נִישְׁט אִין אֵיין מִינוּט; זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן מְתִיקוּת הַתּוֹרָה – דָאס גֵייט נִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל, מֶען דַארְף אַסַאךְ לֶערְנֶען אָן קַיין הַרְגָּשָׁה – בִּיז מֶען קוּמְט אָן צוּ שְׁפִּירְן מְתִיקוּת הַתּוֹרָה.

שְׁטַארְק זִיךְ, זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ גֵיין יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת; זוּךְ אַ לֵיידִיגֶע פְּלַאץ וואוּ דוּ קֶענְסְט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר ווַייזְן דִי זִיסְקַייט פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן דִי עֲרֵבוּת וּמְתִיקוּת הַתּוֹרָה.

**דִי שִׁידוּךְ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף אָנְהַאלְטְן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב' פַּרְשַׁת נָשֹׂא א', כ' סִיוָן, מ"ו לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

עֶס קוּמְט אַ גְרוֹיסֶע חֲתוּנָה דִי וָואךְ, דִי שִׂמְחָה וֶוערְט גְרֶעסֶער אוּן גְרֶעסֶער, מֶען גֵייט זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה פוּנְדָאסְנַיי. בַּיי אוּנְז פִירְט מֶען זִיךְ צוּ

לֵיינֶען דֶעם עֶרְשְׁטְן טָאג שָׁבוּעוֹת - דִי תְּנָאִים, אוּן דֶעם צְוֵויטְן טָאג שָׁבוּעוֹת לֵיינֶען מִיר דִי כְּתוּבָּה; וִוי מִיר אִידִישֶׁע קִינְדֶער בִּינְדְן זִיךְ צוּ צוּ לֶעבְּן אַ גַאנְץ לֶעבְּן נָאר מִיט דִי תּוֹרָה, נָאר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי זַאךְ אִיז נָאר, מֶען דַארְף זֶען דִי שִׁידוּךְ זָאל אָנְהַאלְטְן, עֶס זָאל זַיין אַ קֶשֶׁר שֶׁל קַיָּימָא. דֶער רֶבִּי הָאט אַ וֶועג וִוי אַזוֹי מִיר זָאלְן קֶענֶען בְּלַייבְּן אַ גַאנְץ יָאר אוּן אַ גַאנְץ לֶעבְּן - צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דֶער רֶבִּי הָאט אַ וֶועג פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט, אִיךְ קֶען וַוייזְן פַארְן גְרוֹיסֶער לַמְדָן אַז עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט קַיין לֶערְנֶען, אוּן פַארְן קְלֶענְסְטְן מֶענְטְשׁ - אַז עֶר קֶען יָא לֶערְנֶען.

קוּק אַרַיין אִין רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער - וֶועסְטוּ זֶען אַז עֶס אִיז דָא פַאר דִיר אוֹיךְ אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען, אוּן דוּ וֶועסְט קֶענֶען אָנְהַאלְטְן דַיינֶע רְצוֹנוֹת אוּן קַבָּלוֹת פוּן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת פַאר אַ גַאנְץ יָאר; וֶועסְט הָאבְּן אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, אֲפִילוּ אָן גֶעדֶענְקֶען, אֲפִילוּ אָן קַיין חַבְרוּתָא.

דָא הָאסְטוּ דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "טוֹב לִלְמֹד בִּמְהִירוּת וְלִבְלִי לְדַקְדֵּק הַרְבֵּה בְּלִמּוּדוֹ. רַק לִלְמֹד בִּפְשִׁיטוּת בִּזְרִיזוּת וְלִבְלִי לְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ הַרְבֵּה בִּשְׁעַת לִמּוּדוֹ מֵעִנְיָן לְעִנְיָן, רַק יִרְאֶה לְהָבִין הַדָּבָר בִּפְשִׁיטוּת בִּמְקוֹמוֹ", עֶס אִיז גוּט מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעווֹאוינֶען צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל אוּן נִישְׁט מְדַקְדֵּק זַיין צוּפִיל בִּשְׁעַת מֶען לֶערְנְט, נָאר זֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין דֶעם פַּשְׁטוּת הַפְּשַׁט, "וְאִם לִפְעָמִים אֵינוֹ יָכוֹל לְהָבִין דָּבָר אֶחָד, אַל יַעֲמֹד הַרְבֵּה שָׁם וְיַנִּיחַ אוֹתוֹ הָעִנְיָן וְיִלְמַד יוֹתֵר לְהַלָּן", אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט זָאל מֶען נִישְׁט פַארְבְּרֶענְגֶען אַסַאךְ צַייט אוֹיף דֶעם עִנְיָן, עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען גֵיין וַוייטֶער, "וְעַל פִּי הָרֹב יֵדַע אַחַר כָּךְ מִמֵּילָא מַה שֶּׁלֹּא הָיָה מֵבִין בִּתְחִלָּה, כְּשֶׁיִּלְמַד כַּסֵּדֶר בִּזְרִיזוּת לְהַלָּן יוֹתֵר", אוּן אַז מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ וֶועט מֶען שְׁפֶּעטֶער פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען הָאט פְרִיעֶר נִישְׁט אַזוֹי גוּט פַארְשְׁטַאנֶען.

דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט וַוייטֶער: "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כַּסֵּדֶר", אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט גָארְנִישְׁט זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, "וּמִמֵּילָא יָבִין", אוּן בַּיים סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין. "וְלֹא יְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ בִּתְחִלַּת לִמּוּדוֹ שֶׁיִּרְצֶה לְהָבִין תֵּכֶף, וּמֵחֲמַת זֶה יִקְשֶׁה לוֹ הַרְבֵּה תֵּכֶף וְלֹא יָבִין כְּלָל. רַק יַכְנִיס מֹחוֹ בְּהַלִּמּוּד וְיֹאמַר כַּסֵּדֶר בִּזְרִיזוּת וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, וָואס דָאס אַלֵיינְס - אַז

מֶען ווִיל גְלַייךְ פַארְשְׁטֵיין – מַאכְט אַז עֶס זָאל זַיין שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, נָאר מֶען זָאל בְּלוֹיז זָאגְן דִי וֶוערְטֶער כְּסִדְרָן אוּן מֶען וֶועט שׁוֹין פוּן זִיךְ אַלֵיינְס פַארְשְׁטֵיין, "וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף יָבִין אַחַר כָּךְ, וְאִם יִשָּׁאֲרוּ אֵיזֶה דְּבָרִים, שֶׁאַף עַל פִּי כֵן לֹא יוּכַל לַעֲמֹד עַל כַּוָּנָתוֹ, מַה בְּכָךְ", אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל – וֶועט מֶען עֶס פַארְשְׁטֵיין בַּיים צְווֵייטְן מָאל; אוּן אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דֶעם צְווֵייטְן מָאל – אִיז אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, "כִּי מַעֲלַת רִבּוּי הַלִּמּוּד עוֹלָה עַל הַכֹּל, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: 'לִגְמוֹר, וַהֲדַר לִסְבֹּר, וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַה קָאָמַר' שֶׁנֶּאֱמַר: 'גָּרְסָה נַפְשִׁי לְתַאֲבָה'", ווַייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוֹדֶם אַסַאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, אוּן דֶערְנָאךְ זָאל עֶר לֶערְנֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין, "כִּי עַל יְדֵי רִבּוּי הַלִּמּוּד שֶׁיִּלְמַד בִּמְהִירוּת, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה, עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לַעֲבֹר כַּמָּה פְּעָמִים אֵלּוּ הַסְּפָרִים שֶׁלּוֹמֵד, לְגָמְרָם, וְלַחֲזֹר לְהַתְחִיל, וּלְגָמְרָם פַּעַם אַחַר פַּעַם, וְעַל יְדֵי זֶה מִמֵּילָא יָבִין וְכוּ'", ווַייל אַז מֶען גֶעווֹאוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל, קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ; מֶען אִיז זוֹכֶה אִיבֶּערְצוּגֵיין יֶעדֶע זַאךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט דָארְט: "וְדִבֵּר הַרְבֵּה מְאֹד בְּעִנְיָן זֶה, וְאִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר דְּבָרִים אֵלּוּ בִּכְתָב הֵיטֵב, אֲבָל בֶּאֱמֶת הוּא דֶּרֶךְ עֵצָה טוֹבָה מְאֹד בְּעִנְיַן הַלִּמּוּד, כִּי עַל יְדֵי זֶה יְכוֹלִים לִזְכּוֹת לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, לִגְמֹר כַּמָּה וְכַמָּה סְפָרִים, וְגַם יִזְכֶּה לְהָבִין הַדְּבָרִים יוֹתֵר מֵאֲשֶׁר הָיָה לוֹמֵד בְּדִקְדּוּק גָּדוֹל, כִּי זֶה מְבַלְבֵּל מְאֹד מִן הַלִּמּוּד", דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּנֶעם דֶרֶךְ הַלִימּוּד, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זוּכְן צוּ פַארְשְׁטֵיין גְלַייךְ וֶוען מֶען לֶערְנְט, נָאר מֶען זָאל לֶערְנֶען אַסַאךְ אָן פַארְשְׁטֵיין, בִּיז מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין.

וֶוען מֶען לֶערְנְט אוֹיף דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימּוּד אִיז מֶען זוֹכֶה אָנְצוּקוּמֶען אַסַאךְ מֶער ווִי וֶוען מֶען לֶערְנְט שְׁטֵייט אוּן מֶען קְלֶערְט אַרַיין אִין יֶעדֶע וָוארְט, וָואס דָאס שְׁטֶערְט נָאר דָאס לֶערְנֶען, "וְכַמָּה בְּנֵי אָדָם פָּסְקוּ מִלִּמּוּדָם לְגַמְרֵי עַל יְדֵי רִבּוּי הַדִּקְדּוּקִים שֶׁלָּהֶם, וּמְאוּמָה לֹא נִשְׁאַר בְּיָדָם", אוּן זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ לֶערְנֶען צוּלִיבּ דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעקְוֶועטְשְׁט וְכוּ'.

"אֲבָל כְּשֶׁיַּרְגִּיל עַצְמוֹ לִלְמֹד בִּמְהִירוּת כַּנִּזְכָּר לְעֵיל, בְּלִי דִּקְדּוּקִים הַרְבֵּה, הַתּוֹרָה תִּתְקַיֵּם בְּיָדוֹ, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, גְּמָרָא וּפוֹסְקִים כֻּלָּם, וְתַנַ"ךְ

וּמִדְרָשִׁים וְסִפְרֵי הַזּוֹהַר וְקַבָּלָה, וּשְׁאָר סְפָרִים כֻּלָּם", אָבֶער אַז אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעלֶערְהֵייט - אַזוֹי ווִי אוֹיבְּן דֶערְמַאנְט, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסאךְ; עֶר וֶועט לֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה - גְּמָרָא מִיט אַלֶע פּוֹסְקִים, תַּנַ"ךְ מִיט אַלֶע מִדְרָשִׁים, אוּן זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, "וּכְבָר מְבֹאָר שִׂיחָתוֹ שֶׁל רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, שֶׁטּוֹב לָאָדָם שֶׁיַּעֲבֹר בְּחַיָּיו בְּכָל הַסְּפָרִים שֶׁל הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה", אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט, אַז מִיר זָאלְן דוּרְךְ לֶערְנֶען כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ, עַיֵּין שָׁם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

דוּ בֶּעסְט מִיר אִיךְ זָאל דִיר אוֹיסְשְׁטֶעלְן אַ סֵדֶר וָואס צוּ לֶערְנֶען; מִיר בֶּעטְן בַּיים דַאוֶונֶען: "וְתֵן חֶלְקֵנוּ בְּתוֹרָתֶךָ", יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זַיין חֵלֶק אִין דִי תּוֹרָה, אֵיינֶעם צִיט מֶער הֲלָכָה, אֵיינֶעם צִיט מֶער אַגָּדָה - יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זִיךְ זַיין חֵלֶק אִין דֶער תּוֹרָה. הַדָּבָר הָרִאשׁוֹן זָאלְסְטוּ יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגּוּם; זוּנְטָאג זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. נָאכְדֶעם מַאךְ דִיר אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנָיוֹת; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז עֶר זָאל יֶעדְן טָאג זָאגְן חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס מְקַיֵּים גֶעוֶוען זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, אוֹיךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט לְכַמָּה אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֵיי זָאלְן זָאגְן חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת יֶעדְן טָאג (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קפה). מוֹהֲרְנַ"תְּ הָאט גֶעזָאגְט אַז וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דֶעם שִׂיחָה הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'אִיךְ וִויל אוֹיךְ זַיין פוּן דִי כַּמָּה אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פַאר וֶועם דֶער רֶבִּי הָאט גֶעגֶעבְּן דֶעם תִּיקוּן'.

נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ זֶען צוּ לֶערְנֶען גְּמָרָא יֶעדְן טָאג, הֵייבּ אָן שַׁ"ס מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת אוּן גֵיי כְּסִדְרָן לְכָל הַפָּחוֹת אַ בְּלַאט גְּמָרָא יֶעדְן טָאג. דֶער גָּאוֹן רֶבִּי שֶׁעפְּטְל אַ זוּן פוּן דֶעם הֵיילִיגְן שְׁלָ"ה זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה בְּרֶענְגְט אִין זַיין צַוָּואָה (סוֹף סֵפֶר יֵשׁ נוֹחֲלִין, דְּפוּס אַמְשְׁטֶרְדַם) אַז לֶערְנֶען גְּמָרָא אִיז אַ חִיּוּב פַארְן מֶענְטְשׁ אַזוֹי וְוִי לֵייגְן טַלִּית אוּן תְּפִילִּין, עַיֵּין שָׁם.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ דִיר מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין הֲלָכָה; אַזוֹי וְוִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כט): "כָּל אִישׁ יִשְׂרְאֵלִי מְחֻיָּב לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם פּוֹסְקִים, וְלֹא יַעֲבֹר", יֶעדֶער אִיד אִיז מְחוּיָּב צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג הֲלָכוֹת, "וְאִם הוּא אָנוּס וְאֵין לוֹ פְּנַאי, יִלְמַד עַל כָּל פָּנִים אֵיזֶה סְעִיף "שֻׁלְחָן עָרוּךְ" בְּאֵיזֶה מָקוֹם שֶׁהוּא, אֲפִילּוּ שֶׁלֹּא בִּמְקוֹמוֹ שֶׁהוּא עוֹמֵד עַתָּה בְּשֻׁלְחָן עָרוּךְ", אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט קֵיין צֵייט וְכוּ' זָאל

מֶען לֶערנֶען אַן הֲלָכָה, אֲפִילוּ נִישְׁט כְּסִדְרָן וואו מֶען הַאלְט וְכוּ', "כִּי צָרִיךְ לִלְמֹד אֵיזֶה דִין בְּ"שֻׁלְחָן עָרוּךְ" בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּל יְמֵי חַיָּיו", וַוייל מֶען אִיז מְחוּיָב צוּ לֶערנֶען יֶעדְן טָאג הֲלָכָה.

## מְגִלַּת רוּת

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כג): "וואוּיל אִיז דֶעם וָואס טְרִינְקְט יֶעדְן טָאג אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים"; אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד אַ שֵׁיין וָוארְט אוֹיף דֶעם וָואס דֶער רֶבִּי רוּפְט אָן 'תְּהִלִּים' וִוי אַ 'טְרִינְק', וַוייל מִיר גֶעפִינֶען אִין דִי גְמָרָא אַז דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פְרֶעגְן (בְּרָכוֹת ז:), פַארְוָואס וֶוערְט רוּת אָנְגֶערוּפְן מִיט דֶעם נָאמֶען? "שֶׁזָּכְתָה וְיָצָא מִמֶּנָּה דָּוִד שֶׁרִיוָּהוּ לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בְּשִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת", וַוייל 'רוּת' אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן טְרִינְקֶען, אוּן מֶען רוּפְט אִיר אַזוֹי וַוייל פוּן אִיר אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דָוִד הַמֶּלֶךְ וָואס הָאט אָנְגֶעטְרִינְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דֶעם סֵפֶר תְּהִלִּים".

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט לִיבּ הָאבְּן אִידִישְׁקֵייט, אִיר זָאלְט זֶען דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן זַיין אַ אִיד, אִיר זָאלְט לִיבּ הָאבְּן דִי אֵיידֶעלֶע וֶועג; עֶס אִיז אַזוֹי גוּט צוּ זַיין אַ אִיד, מֵיינְט נִישְׁט אַז דֶער נִישְׁט אִיד אוּן דֶער וָואס פִירְט זִיךְ נִישְׁט וִוי אַ אִיד - דֶער הָאט אַ לֶעבְּן, דֶער הָאט הֲנָאָה; פַארְקֶערְט, דִי וָואס טוּעֶן זִיךְ אָן שֵׁיין, רַייךְ אוּן אֵיידֶל - דִי הָאבְּן אַ לֶעבְּן. אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (מִדְרָשׁ רוּת רַבָּה ד, ט): פַארְוָואס הָאט בֹּעַז גֶעוָואלְט חַתוּנָה הָאבְּן מִיט רוּת? וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶען אוֹיף אִיר אַז זִי אִיז אַנְדֶערְשׁ פוּן אַלֶע מֵיידְלֶעךְ; אַלֶע מֵיידְלֶעךְ וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ אִים אִין פֶעלְד קְלוֹיבְּן לֶקֶט שִׁכְחָה אוּן פֵּאָה פוּן דִי זַאנְגֶען הָאבְּן זִיךְ אַרָאפְּגֶעבּוֹיגְן אוֹיפְצוּהֵייבְּן פוּן דִי אַרָאפְּגֶעפַאלֶענֶע תְּבוּאָה אוּן וֶוען מֶען בֵּייגְט זִיךְ אַרָאפּ הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף דִי קְלֵייד אוּן דָאס אִיז נִישְׁט צְנִיעוּת'דִיג, אָבֶּער רוּת הָאט זִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּגֶעבּוֹיגְן נָאר זִי הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעזֶעצְט אוֹיף אַן אוֹפָן אַז אִיר קְלֵייד זָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְהֵייבְּן. נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (שָׁם) אַז עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי דִי מֵיידְלֶעךְ לַאכְן אַרוּם מִיט דִי בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן דָארְט גֶעאַרְבֶּעט, אָבֶּער רוּת הָאט נִישְׁט גֶערֶעדְט מִיט

פרעמדע מענער און נישט געלאכט פון זייערע ווערטלעך, דאס האט אים באאיינדרוקט אז די מיידל איז א גרויסע צדקת, און פון דעם פארפאלק איז ארויס געקומען דוד המלך.

## תיקון הכללי

ביי אונז זאגט מען יום טוב די תיקון הכללי נאך תפילת מוסף, נישט נאך שחרית. נאר ראש השנה, יום כיפור און שמחת תורה זאגן מיר נאך שחרית, אבער אלע אנדערע ימים טובים זאגן מיר די תיקון הכללי אזוי ווי יעדן שבת נאך אנעים זמירות.

## מילכיגס און קרעפלעך

נאכן דאווענען ביי די מילכיגע קידוש איז געווען א הערליכע בילד, ווען ווי יונגע און אלטע - אלע פרייען זיך מיט זייערע סיומים; אינגעלייט, בחורים און קינדער האבן מסיים געווען, איינער משניות, א צווייטער גמרא, א דריטער ליקוטי מוהר"ן.

מיר האבן גערעדט פון די מנהג פון עסן קרעפלעך, און מען זאגט אז אלע טעג וואס מען קלאפט - פירט מען זיך צו עסן קרעפלעך; ערב יום הקדוש קלאפט מען על חטא - עסט מען קרעפלעך, הושענא רבה קלאפט מען די הושענות - עסט מען קרעפלעך, פורים קלאפט מען ביי המן - עסט מען קרעפלעך, און שבועות עסט מען קרעפלעך אבער מען זעט נישט מען זאל קלאפן, נאר דער רבי הויבט אן דעם הייליגן ספר ליקוטי מוהר"ן (חלק א', סימן א): "וכמו שהמשגעים צריכים להכותם", אזוי ווי א משוגע'נער פארשטייט נאר ווען מען שלאגט אים מיט א שטעקן - "כמו כן ממש התורה שעוסקין הוא בחינת מקלות ושמות", אזוי אויך דער מענטש וואס זינדיגט, ער איז פול מיט רוח שטות, אזוי ווי די הייליגע חכמים זאגן (סוטה ג.): "אין אדם עובר עבירה אלא אם כן נכנס בו רוח שטות", דער יצר הרע מאכט משוגע, ווי אזוי קען מען פטור ווערן פון די משוגעת'ן? דורך לערנען

תּוֹרָה – "שֶׁבָּזֶה מֵכִין וּמַכְנִיעִין אֶת הַיֵּצֶר הָרָע, וּמְגָרְשִׁין מִן הָאָדָם אֶת הַשִּׁגָּעוֹן וְהָרוּחַ שְׁטוּת שֶׁנִּכְנַס בּוֹ", דִי תּוֹרָה אִיז צוֹגְעגְלִיכְן צוּ אַ שְׁטֶעקְן, אוּן אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה שְׁלָאגְט מֶען דֶעם יֵצֶר הָרָע, מֶען שְׁלָאגְט אַרוֹיס דִי רוּחַ שְׁטוּת; דֶערִיבֶּער עֶסְט מֶען קְרֶעפְּלֶעךְ שָׁבוּעוֹת וֶוען מֶען אִיז מְקַבֵּל דִי תּוֹרָה.

קֵיינֶער קֶען נִישְׁט זָאגְן עֶר אִיז שׁוֹין פַארְפַאלְן, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין וֶועג פַאר אִים אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן דִי טוּמְאָה; דֶער רֶבִּי זָאגְט קְלָאר עֶס אִיז דָא פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אַ וֶועג אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן גָלוּת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "שֶׁאֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָּׁה, "שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד"; אוֹיב וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג 'כַּךְ וְכַךְ', וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

דֶעם צְוֵוייטְן טָאג שָׁבוּעוֹת עֶסְן מִיר אוֹיךְ מִילְכִיגְס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט פוּן זִיךְ נִישְׁט קְלַאפְּן מִיט וָואס אִיז גֶעוֶוען, אַזוֹי וִוי מִילְךְ מֶעג מֶען עֶסְן, וָואס בֶּאֱמֶת קוּמְט דָאס פוּן בְּלוּט; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּכוֹרוֹת ו:): "דָּם נֶעְכָּר וְנַעֲשֶׂה חָלָב", מִילְךְ קוּמְט פוּן בְּלוּט, אוּן מִיר וֵוייסְן דָאךְ אַז (שָׁם ה:): "הַיּוֹצֵא מִן הַטָּמֵא טָמֵא", מִיט דֶעם זֶעעֶן מִיר בַּיי מִילְךְ אַז מֶען טְרִינְקְט יָא מִילְךְ, וַוייל דָאס אִיז אַ נֵייעֶ בַּאשֶׁעפֶענִישׁ; דָאס ווִיל מֶען וַוייזְן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת בַּיי קַבָּלַת הַתּוֹרָה, מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט קְלַאפְּן מִיטְן עָבָר, אוּן זָאגְן: 'אִיךְ קֶען נִישְׁט מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה, אִיךְ בִּין בְּלוּט', נָאר מֶען זָאגְט דִיר: 'קוּק אוֹיף דִי מִילְךְ, אֲפִילוּ בִּיסְט גֶעוֶוען אַ שְׁטִיק בְּלוּט, רוֹיט וִוי עֵשָׂו הָרָשָׁע – קֶענְסְטוּ וֶוערְן וַוייס וִוי יַעֲקֹב אָבִינוּ, וַוייס וִוי מִילְךְ'. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה פֶּרֶק ד, הֲלָכָה ח): "כֵּיוָן שֶׁקִּבַּלְתֶּם עֲלֵיכֶם עוֹל תּוֹרָה, מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִילוּ לֹא חֲטָאתֶם מִיָּמֵיכֶם", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ דֶעם עוֹל תּוֹרָה, דָאס הֵייסְט עֶר נֶעמְט זִיךְ פָאר צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן

טָאג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה – זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: "רֶעכְן אִיךְ אִים כְּאִילוּ עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט, עֶס וֶוערְט אוֹיס בְּלוּט, עֶס וֶוערְט 'דָּם נֶעְכָּר וְנַעֲשֶׂה חָלָב'.

מוֹהֲרָא"ש זָאגְט אַ שֵׁיינֶע טַעַם פַארְוָואס מֶען עֶסְט מִילְכִיגְס שָׁבוּעוֹת; וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כו): "בַּיי דִי וֶועלְט אִיז שִׂכְחָה אַ חִסָרוֹן, אָבֶּער בַּיי מִיר אִיז שִׂכְחָה אַ גְרוֹיסֶע מַעֲלָה", וַוייל וֶוען עֶס וָואלְט וֶוען נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין שִׂכְחָה וָואלְט מֶען נִישְׁט גֶעקֶענְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וָואלְט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ טְרַאכְטְן פוּנֶעם פַארגַאנְגֶענְהֵייט, פוּן אַלֶע דוּרְכְפֶעלֶער אוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס מֶען אִיז אַדוּרְךְ, דָאס וָואלְט גֶעמַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט פְּרוּבִּירְן נָאכְאַמָאל אָנְצוּהֵייבְּן פוּנְדָאסְנַיי, אָבֶּער יֶעצְט אַז עֶס אִיז דָא שִׂכְחָה, קֶען מֶען זִיךְ בַּאנֵייעֶן אוּן אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ; דֶערִיבֶּער וֶוען מִיר גֵייעֶן מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה עֶסְן מִיר מִילְכִיגְס, כְּדֵי צוּ גֶעדֶענְקֶען אַז מִיר זֶענֶען וִוי נַיי גֶעבּוֹירְן; אַ קְלֵיין קִינְד עֶסְט דָאךְ נָאר מִילְךְ, דֶערִיבֶּער עֶסְן מִיר מִילְכִיגְס צוּ וַוייזְן אַז מִיר זֶענֶען נַיי גֶעבּוֹירְן, מִיר הֵייבְּן אָן פוּנְדָאסְנַיי זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט: מֶען זֶעט אַז דִי תּוֹרָה הוֹיבְּט זִיךְ אָן מִיטְן אוֹת 'ב' וָואס אִיז פַארְמַאכְט פוּן אַלֶע זַייטְן, עֶס אִיז אָפְן נָאר אוֹיף פָארְאוֹיס; דָאס קוּמְט אוּנְז לֶערְנֶען אַז אוֹיבּ מֶען ווִיל מַצְלִיחַ זַיין טָאר מֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף צוּרִיק, נָאר אוֹיף פָארְאוֹיס; נָאר אַזוֹי קֶען מֶען מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה אוּן נָאר אַזוֹי קֶען מֶען מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן.

דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה פוּן לוּבְּלִין זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט: פַארְוָואס עֶסְט מֶען מִילְכִיגְס שָׁבוּעוֹת? וַוייל יֶעדֶע עֶסְן וָואס וֶוערְט פַארְדָארְבְּן קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט נִיצְן, מֶען וַוארְפְט דָאס אַוֶועק, חוּץ מִילְךְ; וָואס אֲפִילוּ אַז עֶס וֶוערְט פַארְדָארְבְּן קֶען מֶען דָאס נָאךְ נוּצְן, מֶען קֶען מַאכְן דֶערְפוּן קֶעז; דֶערְפַאר עֶסְט מֶען מִילְכִיגְס שָׁבוּעוֹת, וַוייל מֶען ווִיל וַוייזְן פַארְן מֶענְטְשׁ: אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת, דוּ בִּיסְט פַארְדָארְבְּן גֶעוָוארְן, דָאךְ קֶענְסְטוּ נָאךְ תְּשׁוּבָה טוּן אוּן וֶוערְן אַ צַדִּיק, אַזוֹי וִוי פַארְדָארְבֶּענֶע מִילְךְ וָואס מֶען וַוארְפְט נִישְׁט אַוֶועק נָאר מֶען מַאכְט דֶערְפוּן פֵיינֶע קֶעז.

דָאס לֶערְנְט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי: "עֶס אִיז נִישְׁט דָא קֵיין יֵאוּשׁ"; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁרִיגְן (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עח): "אֵין שׁוּם יֵאוּשׁ בָּעוֹלָם כְּלָל!", זָאגְט

רֶבִּי נָתָן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קנג): דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעשְׁרִיגְן מִיט זַיין גַאנְצֶע כֹּחַ, עֶר הָאט גֶעשְׁרִיגְן בְּקוֹל גָּדוֹל: "גִּיוַואלְד, זַייט אַייך נִישְׁט מְיַיאֵשׁ, קֵיין יֵאוּשׁ אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאנֶען"; עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ וִוי יֵאוּשׁ, נִישְׁט דָא קַיין מֶענְטְשׁ וָואס קֶען נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן אוּן עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין עֲבֵירָה וָואס מֶען קֶען נִישְׁט מְתַקֵּן זַיין.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קיב): "אִם אַתָּה מַאֲמִין, שֶׁיְּכוֹלִין לְקַלְקֵל, תַּאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְתַקֵּן", אוֹיבּ דוּ גְלֵייבְּסְט אַז דוּ קֶענְסְט טוּן שְׁלֶעכְטְס גְלֵייבּ אוֹיךְ אַז דוּ קֶענְסְט פַארְרֶעכְטְן; מֶען דַארְף גְלֵייבְּן אִין דֶעם, מֶען דַארְף וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט אָן אוּנְזֶער תְּשׁוּבָה, עֶר וָוארְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּ אִים.

דֶער יֵצֶר הָרָע ווִיל נָאר אֵיין זַאךְ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ: "גֶעבּ זִיךְ אוּנְטֶער!" עֶר ווִיל אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל בַּיי זִיךְ אָפְּמַאכְן אֵיין מָאל פַאר אַלֶעמָאל אוּן זָאגְן: "אִיךְ בִּין שׁוֹין פַארְפַאלְן!" יֶעדֶעס מָאל עֶר וַוארְפְט אַרָאפּ אַ מֶענְטְשׁ אִין עֲבֵירוֹת אִיז זַיין כַּוָּונָה נָאר מַחְלִישׁ דַּעַת זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ, דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אוֹיפְגֶעבְּן אוּן אוֹיפְהֶערְן צוּ פְּרָאבִּירְן זַיין גוּט אוּן עֶרְלִיךְ; דָאס ווַייזְט אוּנְז דֶער מִנְהָג פוּן עֶסְן מִילְכִיגְס: "פוּן פַארְדָארְבֶּענֶע מִילְךְ מַאכְט מֶען קֶעז", דָאס הֵייסְט: "פוּן אַ פַארְדָארְבֶּענֶער מֶענְטְשׁ קֶען ווֶערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק".

קוּק נִישְׁט צִי דוּ פַארְשְׁטֵייסְט וָואס דוּ לֶערְנְסְט אָדֶער נִישְׁט; דוּ זָאג דִי ווֶערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה, נִישְׁט קַיין חִילּוּק צִי דוּ פַארְשְׁטֵייסְט יָא צִי נִישְׁט, אוּן אֲפִילּוּ דָאס לֶערְנֶען הָאט אַ פָּנִים ווִי אַ שִׁיךְ מִיט דְרֵיי עֶקְן זָאלְסְטוּ ווַייטֶער לֶערְנֶען. עֶס אִיז דָא וָואס פִירְן זִיךְ צוּ עֶסְן קְרֶעפְּלֶעךְ שָׁבוּעוֹת, עֶס אִיז גֶעמַאכְט מִיט דְרֵיי עֶקְן; דָאס דֶערְמַאנְט אוּנְז דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם חָכָם אוּן תָּם (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ט) וואוּ דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אַז דֶער תָּם אִיז גֶעווֶען אַ שׁוּסְטֶער, אָבֶּער עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְלֶערְנֶען ווִי אַזוֹי מֶען מַאכְט שֵׁיינֶע שִׁיךְ, עֶר פְלֶעגְט מַאכְן אַ שִׁיךְ מִיט דְרֵיי עֶקְן, עֶס הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעזֶען ווִי אַ שִׁיךְ, דָאךְ פְלֶעגְט עֶר נֶעמֶען דֶעם דְרֵיי עֶקִיגְן שִׁיךְ אוּן זִיךְ מְחַיֶּה זַיין מִיט דֶעם אוּן גֶעזָאגְט: "וָואס פַאר אַ שֵׁיינֶע שִׁיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעמַאכְט, ווִי זִיס אִיז מַיין שִׁיךְ, ווִי הָאנִיגְדִיג אִיז מַיין שִׁיךְ, וָואסְפַארַא צוּקֶערְדִיגֶע

שִׁיךְ, אַ וואוּילֶע שִׁיךְ", זַיין וַוייבּ פְלֶעגְט אִים פְרֶעגְן: "אוֹיבּ אִיז עֶס יָא אַזוֹי, פַארְוָואס נֶעמֶען אַנְדֶערֶע שׁוּסְטֶערְס אַסַאךְ מֶער גֶעלְט ווִי דוּ נֶעמְסְט פַאר דַיין שִׁיךְ?" פְלֶעגְט דֶער תַּם אִיר עֶנְטְפֶערְן: "וָואס הָאט דָאס צוּ טוּן מִיט מִיר? דָאס אִיז זַיין מַעֲשֶׂה אוּן דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה, אוּן וָואס דַארְף מֶען רֶעדְן פוּן אַ צְוֵוייטְן, לָאמִיר זֶען ווִיפִיל אִיךְ פַארְדִין מִיַּד לְיַד".

דֶערִיבֶּער עֶסְן מִיר שָׁבוּעוֹת דְרֵיי עֶקִיגֶע קְרֶעפְּלֶעךְ, צוּ גֶעדֶענְקֶען, אַז אֲפִילוּ אוּנְזֶער דַאוֶונֶען הָאט אַ פָּנִים ווִי אַ שִׁיךְ מִיט דְרֵיי עֶקְן זָאל מֶען זִיךְ מְחַיֶּ' זַיין מִיט דֶעם, אוּן אַז דָאס לֶערְנֶען הָאט אַ פָּנִים ווִי אַ שִׁיךְ מִיט דְרֵיי עֶקְן זָאלְן מִיר זָאגְן דִי אַלֶע לְשׁוֹנוֹת וָואס דֶער תַּם הָאט גֶעזָאגְט אוּן גֶעזִינְגֶען צוּ זַיין שִׁיכֶעלֶע; ווַייל דָאס אִיז דֶער סוֹד פוּן מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן: "אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ מְחַיֶּה זַיין מִיט יֶעדֶע נְקוּדָּה טוֹבָה, אֲפִילוּ עֶס אִיז וַוייט פוּן שְׁלֵימוּת".

## שְׁטַר הַתְּנָאִים וּכְתֻבָּה

מִיר פִירְן זִיךְ צוּ לֵיינֶען דֶעם עֶרְשְׁטְן טָאג שָׁבוּעוֹת צְווִישְׁן מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב דֶעם שְׁטַר אֵרוּסִין וּתְנָאִים, אוּן דֶעם צְוֵוייטְן טָאג - דִי כְּתוּבָּה צְוִוישְׁן אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן אָבִינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי יִשְׂרָאֵל נַאגַ'רָה זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה הָאט מְחַבֵּר גֶעוֶועזְן. מֶען זִינְגְט שֵׁיינֶע נִיגוּנִים אוּן מֶען רֶעדְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אוּן חִיזוּק.

## שְׁטַר אֵירוּסִין וּתְנָאִים שֶׁבֵּין יִשְׂרָאֵל לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וּלְמַזָּל טוֹב. הַמַּגִּיד מֵרֵאשִׁית אַחֲרִית, הוּא יִתֵּן שֵׁם טוֹב וּשְׁאֵרִית, לְאֵלֶּה דִּבְרֵי הַתְּנָאִים וְהַבְּרִית שֶׁנִּדְבְּרוּ וְהִתְנוּ בֵּין שְׁנֵי הַצְּדָדִים לְשֵׁם וּלְתִפְאֶרֶת, דְּהַיְנוּ מִצַּד הָאֶחָד יָחִיד וּמְיֻחָד בּוֹרֵא כֹּל, חָכָם קַדְמוֹן, עִלַּת הָעִלּוֹת וְסִבַּת הַסִּבּוֹת, הָעוֹמֵד מִצַּד עַצְמוֹ, עֶצֶם כְּבוֹדוֹ שֶׁאֵין לְשַׁעֵר וּלְדַמּוֹת בְּכָל מִינֵי מַרְאוֹת וְצוּרוֹת, פָּשׁוּט**

בְּתַכְלִית הַפַּשְׁטוּת עַד אֵין סוֹף וְעַד אֵין חֵקֶר, וּמִצַּד הַשֵּׁנִי הֲלֹא הִיא כְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל, כַּלָּה קְרוּאָה בַּנְּעִימָה, עֲטֶרֶת תִּפְאֶרֶת מַטְרוֹנִיתָא קַדִּישְׁתָּא עִלָּאָה קַדִּישְׁתָּא שַׁפִּירְתָּא, יָפָה כַּלְּבָנָה בָּרָה כַּחַמָּה, זֹהַר זָרִיק נִצּוֹצִין, וּמַבְהִיק כְּבָרָק לָעֵינַיִם, בַּת מְלָכִים יוֹחֲסֵי אֶרֶץ, הֵמָּה אָבוֹת הַקְּדוֹשִׁים, וּבְמַלְכוּת בֵּית דָּוִד וּשְׁלֹמֹה הִיא מְעוּטֶּרֶת וּמְהוּדֶּרֶת בְּכֶתֶר מַלְכוּת, הָעוֹמֶדֶת מִצַּד עַצְמָהּ עֶצֶם אֱלֹהוּת סוֹף הַמַּעֲשֶׂה תְּחִלַּת הַמַּחֲשָׁבָה מִדַּת מַלְכוּת קַדִּישְׁתָּא, סוֹד תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה, שְׁלֵמֵי אֱמוּנֵי יִשְׂרָאֵל, סוֹפָא דְּכָל דַּרְגִּין קַדִּישִׁין וְעִיקְרָא דְּכָל דַּרְגִּין וְהַצִּינוֹרוֹת.

רֵאשִׁית דְּבַר הַבָּחוּר כָּאֲרָזִים, בְּחִירוֹ שֶׁל עוֹלָם הַתַּחְתּוֹן (הֶחָתָן), הוּא מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, יִשָּׂא לְמַזָּל טוֹב אֶת בְּתוּלַת יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר אִישׁ לֹא יְדָעָהּ, זוֹ שְׁכִינְתָּא קַדִּישָׁא, בְּחֻפָּה וְקִדּוּשִׁין כְּדַת מֹשֶׁה וְיִשְׂרָאֵל, וְאַל יַבְרִיחוּ וְאַל יַעֲלִימוּ, לֹא זֶה מִזּוֹ וְלֹא זוֹ מִזֶּה, מֵרֵאשִׁית וְעַד אַחֲרִית, רַק תָּמִיד פְּנֵיהֶם אִישׁ אֶל אָחִיו בְּאַהֲבָה וְאַחְוָה וְרֵעוּת, דְּלָא מִתְפָּרְשִׁין דָּא מִן דָּא לְעָלְמִין, וְיִשְׁלְטוּ בְּשׂוֹנְאֵיהוֹן וְזָר אַל יִתְעָרֵב, וְעָרֵל וְטָמֵא אַל יִגַּע בִּמְאוֹרוֹת, מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם.

הֶחָתָן הַנַּ"ל הִתְחַיֵּב אֶת עַצְמוֹ לְהַכְנִיס כָּל אֲשֶׁר הֶאֱצִיל וּבָרָא וְיָצַר וְעָשָׂה, הַכֹּל לְמַעֲנָהּ וּלְמַעַן הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה, כְּמוֹ שֶׁעָשָׂה בְּמַעֲמַד הַר סִינַי, הִרְכִּין שָׁמַיִם וּשְׁמֵי הַשָּׁמַיִם וְכָל צְבָאָם וַאֲשֶׁר תִּכְּנָם בְּזֶרֶת (עַל שֵׁם הַפָּסוּק 'אִם לֹא בְרִיתִי יוֹמָם וָלָיְלָה'), כֵּן הִתְחַיֵּב אֶת עַצְמוֹ לְהַרְכִּין כָּל מַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית, וְלָתֵת לִכְנֶסֶת יִשְׂרָאֵל כָּל הָעַמִּים תַּחְתֶּיהָ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב 'וְאַתָּה עַל בָּמוֹתֵימוֹ תִדְרֹךְ', 'וְאֵילֵי נְבָיוֹת יְשָׁרְתוּנֶךְ', וְסִלֵּק תֵּכֶף שִׁשָּׁה מֵאוֹת וּשְׁלֹשׁ עֶשְׂרֵה מְאוֹרוֹת הַגְּדוֹלִים לְיַד הַשָּׁלִישׁ הַמְרֻצֶּה לִשְׁנֵי הַצְּדָדִים, הֲלֹא הוּא רַעְיָא מְהֵימְנָא מֹשֶׁה רַבֵּינוּ רַבָּן שֶׁל כָּל הַנְּבִיאִים וְשֶׁל מַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת, וְהִתְחַיֵּב לִתֵּן שָׂכָר טוֹב עֲלֵיהֶם, רַב טוּב הַצָּפוּן אֲשֶׁר עַיִן לֹא רָאֲתָה אֱלֹקִים זוּלָתְךָ, חוּץ מֵרֹב כֹּל שֶׁל עוֹלָם הַזֶּה.
וְהִתְחַיֵּב אֶת עַצְמוֹ לִתֵּן סִבְלוֹנוֹת, לִסְבֹּל כְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל בְּכָל מִינֵי סִבְלוֹנוֹת, בִּבְנֵי חַיֵּי וּמְזוֹנֵי, הֵן רוּחָנִי וְהֵן גַּשְׁמִי, וּבִמְחִלָּה סְלִיחָה וְכַפָּרָה, כְּדֵי לִהְיוֹת לוֹ מַמְלֶכֶת כֹּהֲנִים וְגוֹי קָדוֹשׁ עַד סוֹף כָּל הַדּוֹרוֹת לְבִלְתִּי הַחְלִיפָם בְּאֻמָּה אַחֶרֶת, וּלְהֲבִיאָם לְצִיּוֹן עִיר מְלוּכָה וּגְבֶרֶת.
וְהִתְחַיֵּב אֶת עַצְמוֹ לְהַלְבִּישָׁהּ בַּעֲשָׂרָה מִינֵי לְבוּשִׁין, וּבְכ"ד תַּכְשִׁיטִין,

ובד׳ בִּגְדֵי לָבָן בְּשַׁבָּת וְיוֹם טוֹב, וּלְהָרִיק לָהֶם שֶׁפַע וּבְרָכָה וְחַיִּים לְמִשְׁמֶרֶת.

מַתָּנוֹת לְהַכַּלָּה כְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל נֶזֶם זָהָב בֶּקַע מִשְׁקָלוֹ, אֵלּוּ שִׁקְלֵי יִשְׂרָאֵל שֶׁהֵם כּוֹפֶר עֲלֵיהֶם מְכַפֶּרֶת. וּשְׁנֵי צְמִידִים אֵלּוּ שְׁנֵי לוּחוֹת הַבְּרִית, עֲשָׂרָה זָהָב מִשְׁקָלָם אֵלּוּ עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת, וּמַרְגָּלִית טוֹבָה תְּלוּיָה בְּצַוָּארָהּ זוֹ חָכְמַת אֱלֹקִית, יְדִיעַת שְׁמוֹתָיו וְחִפּוּשׂ גְּנָזָיו בְּכָל הֵיכָלוֹת וּבד׳ עוֹלָמוֹת אֲצִילוּת בְּרִיאָה יְצִירָה עֲשִׂיָּה, וְהַשְׁגָּחוֹתָיו וְהַשָּׂגוֹתָיו לְעוֹלָם יְכוֹלְתּוֹ רוּחָנִיּוּתוֹ וְהַשְׁגָּחָתוֹ וְהַשְׁפָּעָתוֹ עַל כָּל הַנְּבִיאִים רֶגַע כְּמֵימְרָא בְּלִי נֶעְדֶּרֶת. עִם הַמַּטְבֵּעַ הַנִּקְרָא נוֹבִיל הַתְּלוּיָה בְּמַרְגָּלִית, הוּא חָכְמַת הַפִּלוֹסוֹפְיָה וְחָכְמַת הַטֶּבַע הַגּוּפְנִית וּמִקְרִים הַתְּלוּיִם בְּחָכְמַת הַתּוֹרָה, אֲשֶׁר הִיא בֵּין הָעַמִּים לְכָבוֹד וּלְתִפְאֶרֶת, כְּמוֹ שֶׁאָמַר הַכָּתוּב ׳כִּי הִיא חָכְמַתְכֶם וּבִינַתְכֶם לְעֵינֵי הָעַמִּים׳, וַעֲטֶרֶת זָהָב בְּרֹאשָׁם, ׳צַדִּיקִים יוֹשְׁבִים וְעַטְרוֹתֵיהֶם בְּרָאשֵׁיהֶם׳, טַבַּעַת קִדּוּשִׁין אֵלּוּ שְׁלֹשָׁה כְּרִיכוֹת שֶׁל רְצוּעָה בְּאֶצְבַּע הָאֶמְצָעִי, חוּץ סַבְלוֹנוֹת קְטַנִּים זֶה עוֹבֵי הַגַּשְׁמִי מִתַּעֲנוּגֵי עוֹלָם הַזֶּה, בְּשֻׁלְחָן עָרוּךְ וּמִטָּה מֻצַּעַת, זֶה ׳מִטָּתוֹ שֶׁלִּשְׁלֹמֹה׳ אֲשֶׁר הֵם הֲכָנָה לַעֲבוֹדָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב בְּאַלְשִׁיךְ בְּפָרָשַׁת בְּחֻקּוֹתַי, בְּתוֹרַת מֹשֶׁה הַנְּתוּנָה לְמַגְזִירוֹת.

הַכַּלָּה הַנַּ״ל הִתְחַיְּבָה אֶת עַצְמָהּ לְהַכְנִיס כָּל אֲשֶׁר לָהּ לִמְסֹר לְבָבָהּ וְנַפְשָׁהּ עַל הַתּוֹרָה וְעַל הָעֲבוֹדָה בִּדְבֵיקָה וַחֲשׁוּקָה בִּדְחִילוּ וּרְחִימוּ, וְסִלְּקָה תֵּכֶף לְיַד הַשָּׁלִישׁ הַמְּרֻצֶּה הַנַּ״ל שֶׁהִקְדִּימָה נַעֲשֶׂה לְנִשְׁמַע. וְאֵלֶּה הַבְּגָדִים אֲשֶׁר תַּלְבִּישׁ אֶת עַצְמָהּ בִּגְדֵי כָבוֹד וְתִפְאֶרֶת לְיוֹם טוֹב, וְתִקּוּן הַנַּעֲשֶׂה בִּמְאוֹרוֹת הַגְּדוֹלִים עַל יְדֵי מִצְוֹת הַתְּלוּיִם בְּמוֹעֲדִים וְיָמִים טוֹבִים וּבִגְדֵי שַׁבָּת וּלְקַשֵּׁט אֶת עַצְמָהּ בְּכ״ד תַּכְשִׁיטֵי כַלָּה עַל יְדֵי מִצְוֹת הַנַּעֲשִׂים בְּשַׁבָּת, חוּץ מֵהַתּוֹסְפוֹת הַנַּעֲשֶׂה עַל יְדֵי קָרְבַּן מוּסַף שַׁבָּת. וּבִגְדֵי חוֹל חֻלִּין הִיא לָהּ לְבַטֵּל הַפָּסוּק ׳וְהָגִיתָ בּוֹ יוֹמָם וָלַיְלָה׳. בִּגְדֵי לָבָן כְּמַאֲמַר שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם ׳בְּכָל עֵת יִהְיוּ בְגָדֶיךָ לְבָנִים׳, צְעִיפִים וְגַם רְדִידִים זוֹ מַעֲשֶׂה חִדּוּשִׁים וּפִלְפּוּלִים לַחֲלוּקָא דְּרַבָּנָן, מִטָּה מֻצַּעַת, זוֹ מִטָּתוֹ שֶׁל שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם, ׳שִׁשִּׁים גִּבּוֹרִים סָבִיב לָהּ׳ זוֹ שִׁשִּׁים מַסֶּכְתּוֹת, ׳וּשְׁמוֹנִים פִּלַגְשִׁים וַעֲלָמוֹת׳ הֵם גּוּפֵי הֲלָכוֹת ׳אֵין מִסְפָּר׳.

מַתָּנוֹת לְהֶחָתָן הַנַּ"ל כּוֹבַע בְּרֹאשׁוֹ שֶׁיֵּשׁ בּוֹ שֵׂעָר לָבָן וְשַׁחֲרוּת, וּפְאֵרָהּ חָבוּשׁ עַל רֹאשָׁהּ, זוֹ תְּפִלִּין שֶׁבָּרֹאשׁ, וּתְפִלָּתָן שֶׁל יִשְׂרָאֵל הַנַּעֲשָׂה כֶּתֶר בְּרֹאשׁוֹ, וְחוּמָשׁ מְצֻפֶּה כֶּסֶף זוֹ חֲמִשָּׁה חֻמְשֵׁי תוֹרָה וּמְצוּפִּין בְּפֵירוּשִׁים שׁוֹנִים בִּפַרְדֵּ"ס וּלְדַקְדֵּק בָּהֶם הֵיטֵב וּלְדַבֵּר דָּבָר עַל אוֹפְנָיו. עוֹד מַתָּנָה לְהֶחָתָן יוֹפָּא טוֹבָה עִם עוֹר שֶׁל שׁוּעָל, דְּהַיְנוּ לַעֲשׂוֹת מַעֲשִׂים טוֹבִים שֶׁל שׁוּעָלִים שֶׁדַּרְכֵּיהֶם לִהְיוֹת מַשְׂכִּילִים בְּדַרְכָּם, וְטִבְעָם לִהְיוֹת פּוֹנִים תָּמִיד אַחֲרֵיהֶם, כָּךְ כָּל עוֹבְדֵי הַשֵּׁם תָּמִיד דַּרְכֵּיהֶם לִהְיוֹת מַשְׂכִּילִים וְטִבְעָם לִהְיוֹת פּוֹנִים וְכָל אֲחוֹרֵיהֶם בָּיְתָה.

וְהֶחָתָן הַנַּ"ל הִתְחַיֵּב אֶת עַצְמוֹ לִתֵּן מְזוֹנוֹת לְהַכַּלָּה מַטְרוּנִיתָא קַדִּישְׁתָּא וְשׁוּשְׁבִינָא כָּל יְמֵי חַיֵּיהֶם הֵן מְזוֹנֵי רוּחָנִי 'לֶחֶם אַבִּירִים אָכַל אִישׁ' וְהֵן מְזוֹנֵי גַּשְׁמִי 'לֶחֶם לֶאֱכֹל וּבֶגֶד לִלְבֹּשׁ' בְּדֶרֶךְ כָּבוֹד בָּזֶה וּבַבָּא עַד סוֹף כָּל הַדּוֹרוֹת בְּלִי שׁוּם טַעֲנָה וּמַעֲנֶה וּבְלִי עִכּוּב כְּלַל, שְׁטַר שִׁלֵּם שָׂכָר וּשְׁטַר חֲלִיצָה לְחַלְּצָהּ מִכָּל צָרָתָהּ.

וְהַחֲתֻנָּה תִּהְיֶה לְמַזָּל טוֹב בְּשִׁשִּׁי בְּשַׁבָּת בְּחֹדֶשׁ סִיוָן שְׁנַת שְׁנֵי אֲלָפִים וְאַרְבַּע מֵאוֹת וּשְׁמוֹנֶה וְאַרְבָּעִים לִבְרִיאַת עוֹלָם.

עַל הוֹצָאוֹת הֶחָתָן לְהוֹצִיא קוֹלוֹת וּבְרָקִים וְלַפִּידִים בּוֹעֲרִים וּרְקִיעִים נוֹטְפִים כָּל מִינֵי בְּשָׂמִים לְשַׂמֵּחַ הַנְּשִׂיאִים, וְהַבַּדְחָנִים הֵמָּה מַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת יִדְּדוּן יִדֹּדוּן בִּמְזֻמּוּטֵי חָתָן וְכַלָּה, וְהַכְּלֵי זֶמֶר נְעִימוֹת הַגַּלְגַּלִּים וּשְׂרָפִים וְאוֹפַנִּים בְּשִׁירָה וּבְזִמְרָה, וּמַחְמַת קֶטֶט וְעִידָר חַס וְשָׁלוֹם יִתְנַהֲגוּ בְּתַקָּנוֹת צוֹם בַּעַל בֶּכִי בִּתְשׁוּבָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, וְקִבְּלָה עָלֶיהָ הַכַּלָּה לְשַׂמֵּחַ בְּכָל מִינֵי שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת אַחַר קְרִיאַת כָּל הַנִּשְׁכָּחוֹת, וּבַעַל הַשִּׂמְחָה מִמְּעוֹנוֹ יְסַלֵּק לְכָל אֶחָד וְאֶחָד הוֹצָאוֹתָיו וְחֶסְרוֹנוֹ, יִשְׁמַע חָכָם וְיוֹסִיף לֶקַח וּמִגְדָּנוֹת וּבְנִסּוּךְ הַיַּיִן, קְנָס מִצַּד עוֹבֵר לְצַד הַמְקַיֵּם, דְּהַיְנוּ מִצַּד בְּנֵי יִשְׂרָאֵל כַּאֲשֶׁר מִצַּד הֶחָתָן לְבַל יִפֹּל דָּבָר אַרְצָה.

עָרֵב קַבְּלָן מִצַּד הֶחָתָן, כָּל צְבָא הַשָּׁמַיִם וּשְׂרָפִים וְחַיּוֹת וְאוֹפַנֵּי הַקֹּדֶשׁ לְכָל שְׁמָהָן וְכִנּוּיָין וְסִפְרִין קַדִּישִׁין, עָרֵב קַבְּלָן מִצַּד הַכַּלָּה, צַדִּיקֵי הַדּוֹר וְתִינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן, וְהַצְּדָדִים מְחֻיָּבִים לְפַצּוֹת

**הָעֲרבִים בַּל יַגִּיעַ לָהֶם שׁוּם נֶזֶק וְלִקּוּי הַמְּאוֹרוֹת חַס וְשָׁלוֹם, וּקְנִינָא מִן הֶחָתָן וְהַכַּלָּה קִנְיַן חֲמִשָּׁה חֻמְשֵׁי תּוֹרָה וּתְעוּדָה אֲרֻכָּה מֵאֶרֶץ מִדָּה וּרְחָבָה מִנִּי יָם, וְהַכֹּל שָׁרִיר וְקַיָּם.**

**נְאוּם הַשָּׁמַיִם וּשְׁמֵי הַשָּׁמַיִם עֵד הָרִאשׁוֹן.**

**וּנְאוּם הָאָרֶץ וְכָל אֲשֶׁר עָלֶיהָ, הַיַּמִּים וְכָל אֲשֶׁר בָּהֶם עֵד הַשֵּׁנִי.**

**הַכֹּהֲנִים וְהָעָם הָעוֹמְדִים בָּעֲזָרָה פֹּה בְּמִקְדָּשׁ מְעַט כֻּלָּם יַעֲנוּ וְיֹאמְרוּ מַזָּל טוֹב, הַשֵּׁם אֶחָד וּשְׁמוֹ אֶחָד וּמִי כְּעַמְּךָ יִשְׂרָאֵל גּוֹי אֶחָד, אַשְׁרֵי הָעָם שֶׁכָּכָה לּוֹ אַשְׁרֵי הָעָם שֶׁה׳ אֱלֹקָיו.**

נָאכְמִיטָאג דִי עֶרְשְׁטֶע טָאג הָאבְּן מִיר אַ מִנְהָג מִיר לֵיינֶען דִי תְּנָאִים פוּן דֶעם צַדִּיק וְקָדוֹשׁ רֶבִּי יִשְׂרָאֵל נַאגַ׳ארַא זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, מִיר הָאבְּן גֶעזִינְגֶען אוּן זִיךְ מְחַזֵּק גֶעוֶוען אַז מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן אוֹיף יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה פוּן פְרִישׁ. מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט, בַּיי אוּנְז אִיז דֶער מִנְהָג מִיר גֶעבְּן נִישְׁט קַיין טֵייעֶרֶע אוּן עֶכְטֶע צִירוּנְג, מִיר גֶעבְּן פָּשׁוּט׳עֶ צִירוּנְג, אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען מִיר זֶענֶען מְקַבֵּל דִי תּוֹרָה, מִיר מַאכְן דִי חֲתוּנָה מִיט דִי תּוֹרָה - דַארְף נִישְׁט זַיין קַיין עֶכְטֶע אוּן טֵייעֶרֶע, מֶען קֶען זָאגְן אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, אוּן אַז אֵיינֶער זָאגְט דִיר ׳עֶס אִיז נִישְׁט עֶכְט׳, זָאג אִים: ׳בַּיי אוּנְז גֶעבְּט מֶען פָּשׁוּט׳עֶ צִירוּנְג, מֶען גֶעבְּט נִישְׁט טֵייעֶרֶע׳.

אוֹיךְ הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט פוּן הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, אַז דֶער צַדִּיק וָואס הָאט אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט דִי תְּנָאִים מִיט דִי כְּתוּבָּה צְוִוישְׁן אִידְן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - הָאט גֶענוּמֶען אַ מָשָׁל אַ מַאן אוּן וַוייבּ, אָבֶּער אוֹיבּ חֲתוּנָה הָאבְּן מֵיינְט נִישְׁט לֶעבְּן מִיט לִיבְּשַׁאפְט - הָאט נִישְׁט קַיין פְּשַׁט צוּ מַאכְן אַ מָשָׁל צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה, דַאן וֶועט דָאס מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה הָאבְּן אַ פָּנִים ווִי אַ פָּארְפָאלְק וָואס לֶעבְּן נִישְׁט מִיט שָׁלוֹם, מִיט לִיבְּשַׁאפְט, דָאס וַוייזְט אוּנְז אַז מֶען דַארְף לֶעבְּן מִיט לִיבְּשַׁאפְט; יֶעצְט קֶען מֶען מַאכְן דִי נִמְשָׁל צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה, אַ תְּנָאִים אוּן אַ כְּתוּבָּה.

# שְׁטַר הַכְּתוּבָּה שֶׁבֵּין יִשְׂרָאֵל לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם

בְּשִׁשִּׁי בְּשַׁבָּת שִׁשָּׁה יָמִים לְחֹדֶשׁ סִיוָן שְׁנַת שְׁנֵי אֲלָפִים וְאַרְבַּע מֵאוֹת וְאַרְבָּעִים וּשְׁמוֹנֶה לִבְרִיאַת עוֹלָם, לְמִנְיָן שֶׁאָנוּ מוֹנִין כָּאן מַעֲמַד הַר סִינַי, אֵיךְ שֶׁהֲלֹא הוּא הַבָּחוּר כָּאֲרָזִים, בְּחִירוֹ שֶׁל עוֹלָם הַתַּחְתּוֹן (הֶחָתָן), הוּא מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אָמַר לַהֲדָא בְּתוּלְתָּא כְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל בַּת גְּדוֹלֵי יוֹחְסִין, בִּתּוֹ שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ הֱוֵי לִי לְאִנְתּוּ כְּדַת מֹשֶׁה וְיִשְׂרָאֵל, שֶׁתְּקַבְּלוּ עֲלֵיכֶם תּוֹרַת מֹשֶׁה זוֹ תּוֹרָה שֶׁבִּכְתָב וְתוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה, וַאֲנָא אֶפְלַח, כְּמוֹ שֶׁאָמַר הַכָּתוּב 'וְאֶרְחָצֵךְ בַּמַּיִם', וְאוֹקִיר 'שֶׁתִּהְיוּ לִי מַמְלֶכֶת כֹּהֲנִים וְגוֹי קָדוֹשׁ', וְאֵיזוֹן וַאֲפַרְנֵס יָתִיכִי לִיכִי הֵן מְזוֹנֵי רוּחְנִי וְהֵן מְזוֹנוֹת גַּשְׁמִי, אִישׁ תַּחַת גַּפְנוֹ וְאִישׁ תַּחַת תְּאֵנָתוֹ כִּי בְּנֵי מְלָכִים הֵמָּה מַלְכוּת דָּוִד וּשְׁלֹמֹה, כְּהִלְכוֹת גֻּבְרִין יְהוּדָאִין דְּפָלְחִין וּמוֹקְרִין וְזָנִין וּמְפַרְנְסִין לִנְשֵׁיהוֹן בְּקוּשְׁטָא.

כָּךְ קִבֵּל עָלָיו מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְמִפְלַח קֳדָמֵיהוֹן וּלְמוֹקַר יַתְהוֹן קֳדָם כָּל בְּנֵי עָלְמָא, כְּמוֹ שֶׁאָמַר הַכָּתוּב 'וּלְתִתְּךָ עֶלְיוֹן עַל כָּל גּוֹיֵי הָאָרֶץ וְלִהְיוֹת עַם קָדוֹשׁ', וַעֲתִידָה יְרוּשָׁלַיִם שֶׁמַּגַּעַת עַד דַּמֶּשֶׂק, וּלְפַרְנֵס יַתְהוֹן בְּכָל מִינֵי פַּרְנָסָה הֵן בְּחוֹל וְהֵן בְּשַׁבָּת, וּבְיוֹם הַשִּׁשִּׁי לָתֵת לָהֶם לֶחֶם מִשְׁנֶה אִישׁ לְפִי אָכְלוֹ, וְיַהִיבְנָא לִיכִי מֹהַר בְּתוּלֵיכִי כִּי הִיא בְּתוּלָה וְאִישׁ לֹא יְדָעָהּ, כֶּסֶף זוּזִין הֵם אֶלֶף עוֹלָמוֹת דִּכְסִיפִין שֶׁעֲתִידָה לְיָרְשָׁהּ מִבֵּית בַּעֲלָהּ מָאתָן וּמָאתַיִם לְנֹטְרִים אֶת פִּרְיוֹ דַּחֲזֵי לִיכִי מִדְּאוֹרַיְתָא, וּמְזוֹנֵיכִי וּכְסוּתֵיכִי וְסִפּוּקֵיכִי הֵם שְׁאֵר כְּסוּת וְעוֹנָה, שְׁאֵר אֵלּוּ מְזוֹנוֹת, כְּסוּת הוּא חֲלוּקָא דְּרַבָּנַן הַנַּעֲשִׂים מִתּוֹרָה וּמִצְוֹת, וְעוֹנָה זוֹ עוֹנָתָן שֶׁל תַּלְמִידֵי חֲכָמִים סוֹד כַּלַּת מֹשֶׁה כְּמוֹ שֶׁאָמַר הַכָּתוּב 'וְעָשׂוּ לִי מִקְדָּשׁ וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכָם', וּמֵיעַל לְוָתִיכִי כְּאוֹרַח כָּל אַרְעָא, וְחַיָּב לְהַכְנִיסָם אֶל אֶרֶץ זָבַת חָלָב וּדְבָשׁ, וְאִם תִּשְׁתַּבָּאִי אֲפַרְקִינָךְ וְאוֹתְבִינָךְ לִי לְאִנְתִּי, וַהֲלֹא הוּא חֲתַן דְּנָן הִתְחַיֵּב אֶת עַצְמוֹ לְמִיפְרַק לָהּ לִכְנֶסֶת יִשְׂרָאֵל מִן גָּלוּתָא וְלֹא לְהַנִּיחָם שָׁם בֵּינֵי עַמְמַיָּא, כְּמוֹ שֶׁאָמַר הַכָּתוּב 'עַל הַר גָּבֹהַּ עֲלִי לָךְ מְבַשֶּׂרֶת צִיּוֹן', 'כֹּה אָמַר ה' אֱלֹקִים הִנֵּה אֶשָּׂא אֶל גּוֹיִם יָדִי אֶל עַמִּים אָרִים נִסִּי וְהֵבִיאוּ בָנַיִךְ בְּחֹצֶן וּבְנֹתַיִךְ עַל כָּתֵף תִּנָּשֶׂאנָה, וְהָיוּ מְלָכִים אֹמְנַיִךְ

וְשָׂרוֹתֵיהֶם מֵינִיקֹתַיִךְ אַפַּיִם אֶרֶץ יִשְׁתַּחֲווּ לָךְ וְכוּ׳, וּלְחַלְּצָהּ בְּכָל צָרָה וְצוּקָה, וְכָל יְמֵי מֵיגַר אַרְמְלוּתָךְ אַתְּ תְּהֵא יָתְבָא בְּבֵיתִי וּמִיתְּזְנָא מִנִּכְסַי, לְהַשְׁפִּיעַ לָהּ כָּל מִינֵי שֶׁפַע מִשֶּׁבַע מִדּוֹת הַלָּה וּמִתְּרֵין מַזָּלִין נוֹצֵר וְנַקֵּה דֶּרֶךְ צִנּוֹרוֹת הַקְּדוֹשִׁים וּמִשָּׁם יַגִּיעַ הַשֶּׁפַע עָלֵינוּ עִם בְּרָכָה וְהַצְלָחָה בְּכָל מַעֲשֵׂה יָדֵינוּ בְּלִי שׁוּם עִכּוּב כְּלָל. וּבְנִין דִּכְרִין דְּיֶהֱווּ לִיכִי מִנָּאִי אִנּוּן יִרְתוּן כֶּסֶף כְּתוּבְתֵיךְ יָתֵר עַל חֲלַקְהוֹן דְּעִם אֲחוּהוֹן בְּסוֹד הַכָּתוּב ׳הֱוֵה גְבִיר לְאַחֶיךָ וְיִשְׁתַּחֲווּ לְךָ בְּנֵי אִמֶּךָ׳, ׳וּמָשַׁלְתָּ בְּגוֹיִם רַבִּים וּבְךָ לֹא יִמְשֹׁלוּ׳, שֶׁהֵם יְקַבְּלוּ כָּל הַשֶּׁפַע וְכָל הַשְׁפָּעוֹת טוֹבוֹת כְּמוֹ שֶׁאָמַר הַכָּתוּב ׳וַאֲכַלְתֶּם לַחְמְכֶם לָשֹׂבַע׳, ׳יִפְתַּח ה׳ לְךָ אֶת אוֹצָרוֹ הַטּוֹב׳, וְכָל הָאֻמּוֹת יְקַבְּלוּ רַק מִתַּמְצִית אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וּבְנָן נוּקְבִין דְּיֶהֱוְיָן לִיכִי מִנָּאִי יָתְבָן בְּבֵיתָם וּמִתְּזְנָן מִנִּכְסַי עַד דְּתִתְנַסְבוּ לְגֻבְרִין. הַכֹּל קִבֵּל עָלָיו חָתָן דְּנָן לְמֵיהַב לָהּ לִכְנֶסֶת יִשְׂרָאֵל אֲפִלּוּ בִּימֵי מֵיגַר אַלְמְנוּתָהּ, וּצְבִיאַת בְּתוּלְתָא וְהַוְיַת לִי לְאִנְתּוּ.

וְדֵין נְדוּנְיָא דְּהַנְעַלַת לֵיהּ מִבֵּי אָבִיהָ מִצְוַת מִילָה וּפְרִיעָה וּמְסִירַת נַפְשָׁהּ עַל קְדֻשַּׁת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ, לִשְׁמֹר וְלַעֲשׂוֹת וּלְקַיֵּם אֶת תּוֹרָתוֹ בֵּין בְּכֶסֶף בֵּין בְּזָהָב לִלְמֹד תּוֹרָתוֹ הַנֶּחֱמָדִים מִזָּהָב וּמִפָּז רָב, בֵּין בְּתַכְשִׁיטִין לְקַשֵּׁט אֶת הַתּוֹרָה בְּפֵירוּשִׁים שׁוֹנִים בִּפְשָׁט דְּרוּשׁ רֶמֶז סוֹד שֶׁבָּזֶה מִתְקַשֶּׁטֶת הַכַּלָּה הָעֶלְיוֹנָה בכ"ד קִשּׁוּטִין שֶׁתּוּכַל לְמֵיעַל לְחוּפָּה, בְּמָאנֵי דִּלְבוּשָׁא הֵם מַעֲשִׂים טוֹבִים שֶׁמֵּהֶם נַעֲשִׂים חֲלוּקָא דְּרַבָּנָן וְיֵשׁ עָלֶיהָ עַל יָדָן לְכָל ד׳ עוֹלָמוֹת אֲצִילוּת בְּרִיאָה יְצִירָה עֲשִׂיָּה, בְּשִׁמּוּשֵׁי דִּירָה בְּסוֹד הַכָּתוּב ׳וְעָשׂוּ לִי מִקְדָּשׁ וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכָם׳, שֶׁלֹּא יָזִיז מֵאִתָּנוּ הִנֵּה זֶה עוֹמֵד אַחַר כָּתְלֵינוּ לִשְׁמֹעַ קוֹל תְּפִלָּתֵנוּ כְּשֶׁאָנוּ קוֹרְאִים שְׁמַע יִשְׂרָאֵל, וּבְשִׁמּוּשֵׁי דְּעַרְסָא הֵם עֲבוֹדַת הַקָּרְבָּנוֹת בְּבֵית הַמִּקְדָּשׁ לִהְיוֹת כֹּהֲנִים בַּעֲבוֹדָתָם וּלְוִיִּם בְּדוּכָנָם וְיִשְׂרָאֵל בְּמַעֲמָדָם.

הַכֹּל קִבֵּל עָלָיו מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא חָתָן דְּנָן בְּמֵאָה זְקוּקִין כֶּסֶף צָרוּף, הֵם מֵאָה בְּרָכוֹת שֶׁיִּשְׂרָאֵל מְבָרְכִין לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בְּכָל יוֹם וָיוֹם וְנוֹתְנִים בָּזֶה וּמוֹסִיפִים כֹּחַ וּגְבוּרָה בְּפַמַּלְיָא שֶׁל מַעְלָה, וּצְבִי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא חָתָן דְּנָן וְהוֹסִיף לָהּ מִן דִּילֵיהּ עוֹד מֵאָה זְקוּקִים כֶּסֶף צָרוּף אֲחֵרִים כְּנֶגְדָן הֵם סוֹד מַיִין דּוּכְרִין שֶׁיּוֹרְדִין מִלְמַעְלָה כְּנֶגְדָן מִכָּל עֶשֶׂר סְפִירוֹת שֶׁכָּל אֶחָד כָּלוּל מֵעֶשֶׂר, סַךְ הַכֹּל

מָאתַיִם כֶּסֶף צָרוּף, הוּא שֶׁפַע הַיּוֹרֶדֶת בְּכָל יוֹם אַחַר תְּפִלַּת הַבֹּקֶר, כְּמוֹ שֶׁאָמַר הַכָּתוּב 'וַתִּתֵּן טֶרֶף לְבֵיתָהּ וְחֹק לְנַעֲרֹתֶיהָ', וְכַךְ אָמַר חֲתַן דְּנַן אַחֲרָיוּת שְׁטַר כְּתוּבְתָּא דָא הִיא הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה שֶׁכְּתוּבָה אֵשׁ שְׁחֹרָה עַל גַּבֵּי אֵשׁ לְבָנָה הִיא אַחְרָאִית לְשַׁלֵּם לָהּ לִכְנֶסֶת יִשְׂרָאֵל שָׂכָר טוֹב בָּעוֹלָם הַזֶּה וּבָעוֹלָם הַבָּא.

נְדוּנְיָא דֵין הֵם שְׁנֵי צַנְתְּרָא דְדַהֲבָא נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמַע וְקַבָּלַת עֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם וְתַרְיַ"ג מִצְוֹת, וְתוֹסֶפְתָּא דָא הֵם תּוֹסְפוֹת קָרְבַּן מוּסַף שַׁבָּת וְיוֹם טוֹב וַעֲנִיַּת אָמֵן יְהֵא שְׁמֵיהּ רַבָּא שֶׁמּוֹסִיפִין בָּזֶה כֹּחַ בְּפַמַּלְיָא שֶׁל מַעְלָה בְּסוֹד הַכָּתוּב 'תְּנוּ עֹז', קַבִּילַת עָלַי וְעַל יָרְתַי בַּתְרָאֵי הֵם צַדִּיקֵי הַדּוֹר שֶׁיּוֹרְשִׁים יְרֻשַּׁת אֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם, לְהִתְפָּרַע מִכָּל שְׁפַר אֲרַג נִכְסִין הֵם אוֹצְרוֹת שֶׁפַע עֶלְיוֹנָה ת' אֶלֶף אַלְפִין עוֹלָמוֹת דִּכְסִיפִין דַּחֲתִימִין בְּעִזְקָא דַכְיָא, וש"ע נְהוֹרִין הַמִּתְגַּלִּין בְּאָרִיךְ, וְשֶׁפַע י"ג תִּקּוּנֵי דִיקְנָא, וְתִשְׁעָה תִּקּוּנֵי זְעֵיר אַנְפִּין וּשְׁלֹשׁ מֵאוֹת וְעֶשֶׂר עוֹלָמוֹת הַגְּנוּזִין תְּחוֹת כָּרְסַיָּא קַדִּישָׁא שֶׁעָתִיד לְהַנְחִיל לְכָל צַדִּיק וְצַדִּיק ש"י עוֹלָמוֹת וְרַב טוּב הַצָּפוּן לַצַּדִּיקִים לֶעָתִיד לָבֹא, וְשֶׁפַע ז' רְקִיעִים שֶׁהֵם וִילוֹן רָקִיעַ שְׁחָקִים זְבוּל מָעוֹן מָכוֹן עֲרָבוֹת שֶׁבּוֹ צֶדֶק וּמִשְׁפָּט וּצְדָקָה גִּנְזֵי חַיִּים וְגִנְזֵי שָׁלוֹם וְגִנְזֵי בְּרָכָה.

וְקִנְיָנִין דְּאִית לֵיהּ תְּחוֹת כָּל שְׁמַיָּא הֵם ז' אוֹצְרוֹת וְאֶרֶץ הַחַיִּים, הָאָרֶץ וְכָל אֲשֶׁר עָלֶיהָ הַיַּמִּים וְכָל אֲשֶׁר בָּהֶם, דִּקְנָאֵי הֵם קִנְיַן שָׁמַיִם וָאָרֶץ, וּדְעָתִיד אֲנָא לְמִקְנֵי אִילוֹן ג' אֶלֶף דָרִין דִּזַמִּין קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא לְאַתְבָא רוּחֵיהּ לֵיהּ וּלְשַׁרְיָא בֵיהּ, נִכְסִין דְּאִית לוֹן אַחֲרָיוּת, הֵם אֶרֶץ אֲבוֹתֵינוּ, וּדְלֵית לְהוֹן אַחֲרָיוּת הֵם אַרְצוֹת שְׁאָר עַמִּין כִּי הֵם כִּמְטַלְטְלֵי דַמְיָא, כֻּלְּהוֹן יְהוֹן אַחְרָאִין וְעַרְבָאִין לְפְרַע מִנְּהוֹן שְׁטַר כְּתוּבְתָּא דָא, אֲפִלּוּ כָּל הַד' עוֹלָמוֹת אֲצִילוּת בְּרִיאָה יְצִירָה עֲשִׂיָּה הֵם עַרְבָאִין לְפְרַע שְׁטַר כְּתוּבְתָּא דָא, נְדוּנְיָא דֵין הֵם נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמַע וְתַרְיַ"ג מִצְוֹת, וְתוֹסֶפְתָּא דָא הֵם תּוֹסְפוֹת אֶרֶץ קֵינִי קְנִזִּי וְקַדְמוֹנִי, וַאֲפִלּוּ מִן גְּלִימָא דְעַל כַּתְפָּאִי מִג' עוֹלָמוֹת בְּרִיאָה יְצִירָה עֲשִׂיָּה, מִן יוֹמָא דְנַן וּלְעָלַם, וְאַחֲרָיוּת שְׁטַר כְּתוּבְתָּא דָא וְכוּ' קִבֵּל עָלָיו חֲתַן דְּנָן מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא כְּאַחֲרָיוּת וְחֹמֶר כָּל שְׁטָרֵי כְּתוּבוֹת וְתוֹסְפוֹת דְּנוֹהֲגִין בִּבְנוֹת יִשְׂרָאֵל, הָעֲשׂוּיִן כְּתִקּוּן חֲכָמֵינוּ ז"ל כִּשְׁאַר

**תִּקּוּנֵי הַנַּעֲשִׂים עַל יָדָם בָּעוֹלָמוֹת הָעֶלְיוֹנִים, דְּלָא כְּאַסְמַכְתָּא וּדְלָא כְּטוֹפְסֵי דִּשְׁטְרָא.**

**וּקְנִינָא מִינֵּיהּ קִנְיַן שָׁמַיִם וָאָרֶץ לְמָרַת בְּתוּלַת יִשְׂרָאֵל בַּת נְדִיבֵי עַמִּים וְיִחוּסֵי אֶרֶץ מַלְכוּת דָּוִד וּשְׁלֹמֹה, עַל כָּל הָא דִכְתַב וּמְפֹרָשׁ לְעֵיל, שֶׁקִּבֵּל עָלָיו לְפַרְנֵס כְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל בְּפַרְנָסָה טוֹבָה בְּלִי שׁוּם הֶפְסֵק וּבְלִי שׁוּם מְנִיעָה בָּעוֹלָם הֵן פַּרְנָסָה רוּחָנִי וְהֵן פַּרְנָסַת הַגַּשְׁמִי בְּהַרְחָבָה גְּדוֹלָה, בְּמָנָה דְּכָשֵׁר לְמִקְנְיָא בֵּיהּ, הִיא הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה שֶׁהִיא כְּלֵי אוּמְנָתוֹ, וְעַל פִּי שְׁנֵי עֵדִים כְּשֵׁרִים הֵם שָׁמַיִם וָאָרֶץ, שֶׁנֶּאֱמַר 'וְאָעִידָה בָּם אֶת הַשָּׁמַיִם וְאֶת הָאָרֶץ', וְהַכֹּל שָׁרִיר וְקַיָּים לָעַד אָמֵן.**

**מַזָּל טוֹב לְכָל יִשְׂרָאֵל עַד עוֹלָם, וְעַתָּה כִּתְבוּ לָכֶם אֶת הַשִּׁירָה הַזֹּאת וְלַמְּדָהּ אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל.**

**מַזָּל טוֹב!**

## יָארְצַייט דָוִד הַמֶּלֶךְ

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן סח): "עִיקַר הִתְבּוֹדְדוּת שֶׁל דָּוִד הַמֶּלֶךְ הָיָה עַל מִטָּתוֹ", דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען עֶר אִיז גֶעלֶעגְן אִין בֶּעט, "בְּעֵת שֶׁשָּׁכַב עַל מִטָּתוֹ וְכִסָּה עַצְמוֹ בְּסָדִין, אָז הָיָה מְדַבֵּר וּמֵשִׂיחַ כָּל לִבּוֹ לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", וֶוען עֶר אִיז גֶעלֶעגְן אִין בֶּעט פְלֶעגְט עֶר זִיךְ צוּדֶעקְן מִיט זַיין דֶעק אוּן דָארְט הָאט עֶר גֶערֶעדְט אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים ו, ז): "אַשְׂחֶה בְכָל לַיְלָה מִטָּתִי", אִיךְ שְׁמוּעֶס יֶעדֶע נַאכְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף מַיין בֶּעט, "בְּדִמְעָתִי עַרְשִׂי אַמְסֶה", מִיט מַיינֶע טְרֶערְן מַאךְ אִיךְ נַאס מַיין בֶּעט, אוּן דֶער רֶבִּי פִירְט אוֹיס: "אַשְׁרֵי מִי שֶׁיַּרְגִּיל עַצְמוֹ לְקַיֵּם הַנְהָגָה זוֹ הָעוֹלָה עַל הַכֹּל", ווָאוֹיל אִיז דֶעם וָואס גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ דָאס טוּן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת אַהֲבָה, סִימָן ה): "מִי שֶׁמִּתְפַּלֵּל עַל יִשְׂרָאֵל בִּמְסִירוּת נֶפֶשׁ, הַכֹּל אוֹהֲבִים אוֹתוֹ", אַלֶע הָאבְּן לִיבּ דֶער וָואס בֶּעט פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ, אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפִינֶען בַּיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן בַּיי דָוִד הַמֶּלֶךְ

װי אַלע אידן האָבן זײ ליב געהאַט, װײל זײ האָבן געגעבן דעם אײבערשטן פאַר כְּלַל יִשְׂרָאֵל מיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ, און דאָס דאַרף זײן אונזער עֲבוֹדָה שטענדיג צו בעטן דעם אײבערשטן פאַר כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אַז אַלע אידן זאָלן זוֹכֶה זײן תְּשׁוּבָה צו טון און האָבן נאָר גוטס, אַלע זאָלן זײן געזונט און האָבן פַּרְנָסָה.

אַז דו ביסט אַ מְלַמֵּד װיל איך דיר מְחַזֵּק זײן דו זאָלסט זיך אומקוקן אויף די צעבראָכענע קינדער; אַ מְלַמֵּד װאָס געבט אַכטונג אויף די צעבראָכענע קינדער – דער איז אַ ריכטיגע מַנְהִיג יִשְׂרָאֵל. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פאַרציילן (מִדְרָשׁ שְׁמוֹת רַבָּה ב, ב ג): דָּוִד הַמֶּלֶךְ איז געװען אַ פאַסטוך אַלץ יונגער בָּחוּר און ער פלעגט שטענדיג אַכטונג געבן אויף די שװאַכע און יונגע שעפעלעך זײ זאָלן האָבן װאָס צו עסן. ער פלעגט קוֹדֶם אַרויסברענגען די קלײנע שאָף צו פאַשען װײל זײ האָבן נאָך נישט קײן גרויסע צײן און זײ קענען נישט עסן פון די אונטערשטע חֵלֶק פון די תְּבוּאָה װאָס דאָרט איז זײער האַרט, אַז זײ זאָלן ערשט אָפּ עסן די װײכע תְּבוּאָה. נאָכדעם האָט ער געעפנט די טיר פאַר די די עלטסטע שאָף אַז זײ זאָלן עסן פון די מיטלסטע חֵלֶק פון די תְּבוּאָה, נאָכדעם האָט ער אַרויסגענומען די מיטלגאַרטיגע שאָף װאָס זײ האָבן גאָר שאַרפע צײנער און קענען עסן די האַרטע תְּבוּאָה און דאָס אויסרײסן מיט די װאָרצלען. האָט דער אײבערשטער געזאָגט פאַר דָּוִד: "דָּוִד, איך זע װי דו האָסט רַחֲמָנוּת אויף די שעפעלעך, ביסטו רָאוּי צו זײן דער מַנְהִיג יִשְׂרָאֵל", אַזױ װי עס שטײט (תְּהִלִּים עח, עא): "מֵאַחַר עָלוֹת הֱבִיאוֹ, לִרְעוֹת בְּיַעֲקֹב עַמּוֹ, וּבְיִשְׂרָאֵל נַחֲלָתוֹ".

לײג אַרײן אין די קינדער יִרְאַת שָׁמַיִם; פאַרצײל זײ מַעֲשִׂיּוֹת פון צַדִּיקִים, דאָס װעט זײ אויפפלאַקערן זײער האַרץ צו װעלן זײן ערליכע אידן, זײ װעלן מְקַנֵּא זײן די צַדִּיקִים און זײ װעלן נאָכטון.

עַל פִּי הֲלָכָה דאַרף מען מְכַבֵּד זײן די שװער און שװיגער אַזױ װי מען איז מְכַבֵּד טאַטע מאַמע; אַזױ פּסק'נט דער מְחַבֵּר (יוֹרֶה דֵּעָה סִימָן רמ, סְעִיף כד): "חַיָּיב אָדָם לְכַבֵּד חָמִיו", מען איז מְחֻיָּב צו מְכַבֵּד זײן דעם שװער.

מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט מִיר זָאלְן רוּפְן דִי שְׁוֶוער - טַאטֶע, און דִי שְׁוִויגֶער - מַאמֶע; אַזוֹי וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶערוּפְן זַיין שְׁוֶוער, שָׁאוּל הַמֶּלֶךְ - 'טַאטֶע', אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (שְׁמוּאֵל א כד, יא): "וְאָבִי רְאֵה גַּם רְאֵה", עֶר הָאט אִים גֶערוּפְן טַאטֶע.

אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן אַ וֶועג וַוייזֶער - דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה א, א) אוֹיפְן פָּסוּק (מִשְׁלֵי ח, ל): "וָאֶהְיֶה אֶצְלוֹ אָמוֹן וָאֶהְיֶה שַׁעֲשֻׁעִים יוֹם יוֹם", וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעוָואלְט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט הָאט עֶר גֶענוּמֶען דִי תּוֹרָה און גֶעקוּקְט אִין דִי תּוֹרָה, אַזוֹי וִוי אַן אַרְכִיטֶעקְט וָואס גֵייט בּוֹיעֶן אַ בִּנְיָן נֶעמְט עֶר אַפִיר דֶעם בְּלוּ-פְּרִינְט און קוּקְט דֶערִין וִוי אַזוֹי צוּ בּוֹיעֶן, "כַּךְ הָיָה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַבִּיט בַּתּוֹרָה וּבוֹרֵא אֶת הָעוֹלָם", אַזוֹי הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעטוּן, עֶר הָאט גֶעקוּקְט אִין דִי תּוֹרָה און אַזוֹי בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט.

אַ אִיד פִּירְט זִיךְ וִוי דִי תּוֹרָה זָאגְט מֶען זָאל זִיךְ פִירְן; דָאס אִיז אוּנְזֶער אוּרִים וְתוּמִים, דָאס אִיז אוּנְזֶער וֶועג וַוייזֶער. מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט פוּנֶעם חָזוֹן אִישׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ הַיינְטִיגֶע טֶעג אִיז דָא דִי אוּרִים וְתוּמִים, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "מַיין אוּרִים וְתוּמִים אִיז דֶער שֻׁלְחָן עָרוּךְ; וֶוען אִיךְ דַארְףְ ווִיסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן קוּק אִיךְ אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ".

וָואס הָאבְּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן גֶעטוּן וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט ווִיסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן? וָואס הָאבְּן דִי צַדִּיקִים פוּן אַלֶע דוֹרוֹת גֶעטוּן וֶוען זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן? זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "'אַתָּה חוֹנֵן לְאָדָם דַּעַת', דוּ רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם גֶעבְּסְט שֵׂכֶל פַאר אַלֶע מֶענְטְשְׁן, 'וּמְלַמֵּד לֶאֱנוֹשׁ בִּינָה', דוּ גֶעבְּסְט פַארְשְׁטַאנְד פַאר אַלֶעמֶען, בֶּעט אִיךְ דִיר רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, 'חָנֵּנוּ מֵאִתְּךָ חָכְמָה בִּינָה וָדַעַת', גֶעבּ מִיר שֵׂכֶל אִיךְ זָאל ווִיסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן".

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה ל, ג): "בַּדּוֹרוֹת הַלָּלוּ שֶׁאֵין לָהֶם לֹא מֶלֶךְ וְלֹא נָבִיא, לֹא כֹהֵן וְלֹא אוּרִים וְתֻמִּים, וְאֵין לָהֶם אֶלָּא תְּפִלָּה זוּ בִּלְבָד", אִין אוּנְזֶערֶע דוֹרוֹת וֶוען מִיר זֶענֶען אִין גָלוּת, אָן קֵיין קֶענִיג, אָן קֵיין נָבִיא, אָן קֵיין כֹּהֵן גָּדוֹל און אָן קֵיין אוּרִים וְתוּמִים, "אָמַר דָּוִד לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", הָאט דָוִד הַמֶּלֶךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אוּנְז, "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אַל תִּבְזֶה אֶת תְּפִלָּתָם", רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם נֶעם אָן זֵייעֶרֶע תְּפִלּוֹת.

אַז איר ווילט געבן אַ גוטע וועג פאַר אייערע טעכטער ווי אַזוי זיי זָאלן זיך פירן, לערנט זיי אויס די עֵצָה וואס דער רֶבּי האט אונז געלערנט, לערנט זיי אויס אַז ווען זיי ווילן וויסן ווי אַזוי זיך צו פירן זָאלן זיי דאס איבערעדן מיטן אייבערשטן, זיי זָאלן זיך מִתְבּוֹדֵד זיין; רעדן צום אייבערשטן אויף זייער אייגענע שפּראך און פרעגן דעם אייבערשטן, אַזוי ווי מען רעדט צו אַ גוטער פריינד, דורכדעם וועלן זיי וויסן ווי אַזוי זיך צו פירן. אַזוי זָאלן זיי טון אין יעדע פּרט אין לעבן, ווען מען ווייסט נישט וואס צו טון אָדער מען דארף אַ יְשׁוּעָה.

## וואו איז די חֲזַ"ל אַז אַ בַּת קול האט געזָאגט אויף דָּוִד הַמֶּלֶךְ "ער רופט מיך טאטע"?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דער ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

איך האב זייער הֲנָאָה פון די שיינע שִׁיעוּרִים, יְיַשֶׁר כֹּחַ

איך האב געהערט ביי אַ שִׁיעוּר וואס דער ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א האט געזָאגט אין די סוּכָּה, איבער דעם וואס מוֹהֲרַ"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ ברענגט אין אֲשֶׁר בַּנַּחַל אַ מִדְרָשׁ אויפן פָּסוּק "הוּא יִקְרָאֵנִי אָבִי אָתָּה", אַז די סַנְהֶדְרִין האבן געוואלט אויסשליסן דָּוִד הַמֶּלֶךְ פון כְּלַל יִשְׂרָאֵל, און עס איז ארויסגעקומען אַ בַּת קול פון אונטער זייערע בענקלעך: "ער רופט מיך טאטע - הוּא יִקְרָאֵנִי אָבִי אָתָּה".

איך האב געוואלט פרעגן אויב דער ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קען מיר צוצייכענען וואו מוֹהֲרַ"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ שרייבט דאס אין אֲשֶׁר בַּנַּחַל, ווייל דאס ווארט איז אַ מוֹרָא'דיגע זיסע ווארט, און איך האב פּרוּבירט צו זוכן דעם מַאֲמַר חֲזַ"ל, און דערווייל האב איך עס נאכנישט געקענט טרעפן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת וַיֵּרָא, י"א מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

איך האב ערהאלטן דיין בְּרִיווּ.

דו דערמאנסט מיר מיינע ערשטע יארן, תְּחִלַּת הִתְקָרְבוּתִי אין היכל הקודש, ווען איך האב געהערט די ווערטער פון מוהרא"ש. דאס האט אזוי געשטארקט מיין התבודדות, עס האט מיר געגעבן אזויפיל כח צו פרובירן רעדן צום אייבערשטן און זאגן נאר די איינעווארט: "טאטע, טאטע!"

ווי הויך און חשוב איז אין הימל ווען מען זאגט צום אייבערשטן: "טאטע!" דער מענטש וואס איז זיך מתבודד, ער רעדט צום אייבערשטן, ער בעט דעם אייבערשטן וואס ער דארף אזוי ווי א קינד רעדט צו זיין טאטע - שטייט העכער פון אלעמען, העכער פון די סנהדרין וואס זיי זענען די העכסטע, ער איז העכער פון זיי, ווייל (תְּהִלִּים פט, כז): "הוּא יִקְרָאֵנִי אָבִי".

קוק אריין אין שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב (חֵלֶק ח, מִכְתָּב תתקכ), איינער פרעגט מוהרא"ש די שאלה: "חִפַּשְׂתִּי בְּכָל הַמִּדְרָשִׁים, וְלֹא מָצָאתִי אֶת הַמִּדְרָשׁ הַנּוֹרָא שֶׁמּוּבָא כִּמְעַט בְּכָל סֵפֶר שֶׁנִּדְפַּס מִמּוֹהֲרַא"שׁ שְׁלִיטָ"א - עַל הַפָּסוּק בִּתְהִלִּים: 'הוּא יִקְרָאֵנִי אָבִי'", איך האב געזוכט אין אלע מדרשים די וואונדערליכע מדרש וואס מוהרא"ש ברענגט שטענדיג אויפן פסוק 'הוּא יִקְרָאֵנִי אָבִי', אז ווען די סנהדרין האבן געוואלט דן זיין דוד המלך, מען האט אים געוואלט פסל'ן פון זיין א איד - איז ארויס א בת קול פון אונטער זייער בענקל און געזאגט, איר זענט אים דן? ער רופט מיך טאטע! דער פרעגער פרעגט: "יָגַעְתִּי וְלֹא מָצָאתִי", איך האב געזוכט און נישט געטראפן, "אֶהְיֶה אֲסִיר תּוֹדָה, אִם הַצַּדִּיק יַחֲזִיר לִי תְּשׁוּבָה - הֵיכָן נִמְצָא הַמַּאֲמָר הַזֶּה", איך וועל זיך זייער פרייען אויב מוהרא"ש וועט מיר ענטפערן וואו דאס שטייט.

און מוהרא"ש ענטפערט אים, עס איז א מדרש אין אוצר המדרשים, אז דוד המלך איז געראטעוועט געווארן דורך דעם וואס עס איז ארויס א בת קול און געזאגט פאר די סנהדרין: "איר ווילט זאגן אויף דוד המלך ער איז נישט קיין איד? ער רופט מיך טאטע!" און אזוי איז ער געראטעוועט געווארן.

אזוי אויך זאגן די הייליגע חכמים זכרונם לברכה (יְבָמוֹת עו:) אז דואג האדומי האט געזאגט פאר שאול המלך, איידער דער קעניג אינטערעסירט זיך אויף דוד אויב ער איז פאסיג צו זיין א קעניג, זאל מען ערשט מברר זיין אויב ער איז בכלל ראוי צו זיין א חלק פון כלל ישראל, ווייל ער שטאמט פון רות המואביה. דואג האדומי איז געווען פון די בית דין פון שאול המלך, ער האט געוואלט פסל'ן דוד המלך לבוא בקהל וכו', און אזוי אויך אחיתפל, אבער ביים סוף זענען זיי געשטארבן מיט א מיתה משונה.

מוֹהֲרָא"שׁ פִּירְט אוֹיס: "ווֹאוֹיל אִיז דֶער וָואס גֶעבְּט אַכְטוּנְג נִישְׁט וֵויי צוּ טוּן אַ צְוֵוייטְן אִיד, עֶר טְשֶׁעפֶּעט נִישְׁט קֵיינֶעם; וַוייל דֶער וָואס רוֹדְפְ'ט אַ צְוֵוייטְן וֶועט בַּיים סוֹף שְׁטַארְבְּן מִיט אַ מִיתָה מְשׁוּנָה, עֶר וֶועט פַארְשֶׁעמְט וֶוערְן פַאר אַלֶעמֶען, אַזוֹי וִוי דוֹאֵג אוּן אֲחִיתֹפֶל".

מוֹהֲרָא"שׁ עֶנְדִיגְט דֶעם בְּרִיווּ: "אַשְׁרֵי הָאָדָם שֶׁזּוֹכֶה תָּמִיד לְהִתְחַבֵּא אֵצֶל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", ווֹאוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס בַּאהַאלְט זִיךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, "שֶׁאָז הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בְּעַצְמוֹ יִשְׁמֹר עָלָיו, וְיַפִּיל אֶת שׂוֹנְאָיו לְפָנָיו", וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס אָפְּהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס אוּן זַיינֶע פַיינְט וֶועלְן הָאבְּן אַ מַפָּלָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

ווֹאוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ פְרֶעגְסְט יֶעדֶע זַאךְ, דוּ שֶׁעמְסְט זִיךְ נִישְׁט צוּ פְרֶעגְן אַלֶע דַיינֶע סְפֵקוֹת; דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ בָּנִים צַדִּיקִים. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן סו): "מִי שֶׁהוּא מַקְטִין אֶת עַצְמוֹ בִּפְנֵי רַבּוֹ וְשׁוֹאֵל מִמֶּנּוּ כָּל הַסְּפֵקוֹת, אַף עַל פִּי שֶׁרַבּוֹ מְבַיֵּשׁ אוֹתוֹ, עַל יְדֵי זֶה זוֹכֶה, שֶׁיּוֹצֵא מִמֶּנּוּ בֵּן שֶׁהוּא גָּדוֹל בַּתּוֹרָה יוֹתֵר מֵרַבּוֹ", וֶוער עֶס פְרֶעגְט אַלֶע זַיינֶע סְפֵקוֹת פוּן זַיין רֶבִּי אוּן אֲפִילוּ דֶער רֶבִּי פַארְשֶׁעמְט אִים פְרֶעגְט עֶר וַוייטֶער אַלֶע זַיינֶע סְפֵקוֹת, דֶער וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן קִינְדֶער וָואס וֶועלְן זַיין גְרֶעסֶערֶע תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וִוי זַיין רֶבִּי; אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ד.) דָוִד הַמֶּלֶךְ פְלֶעגְט פְרֶעגְן זַיין רֶבִּי מְפִיבֹשֶׁת: "מְפִיבֹשֶׁת רַבִּי, יָפֶה דַּנְתִּי? יָפֶה חִיַּבְתִּי? יָפֶה זִכִּיתִי? יָפֶה טִהַרְתִּי? יָפֶה טִמֵּאתִי?" דֶערְפַאר הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן אַ זוּן וָואס אִיז גֶעוֶוען גְרֶעסֶער אִין לֶערְנֶען פוּן זַיין רֶבִּי.

קְלַאפּ זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ פוּן קֵיינֶעם, אוּן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט. דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט דִי שְׁרֶעקֶעדִיגֶע חָלוֹם וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן צא) וִוי אַלֶע הָאבְּן אִים אָפְּגֶעלָאזְט, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט רֶעדְן מִיט אִים, עֶר הָאט גֶעדַארְפְט אַנְטְלוֹיפְן צוּ אַ צְוֵוייטֶע לַאנְד, אוּן אוֹיךְ אִין יֶענֶע פְרֶעמְדֶע לַאנְד הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזֶען וִוי עֶר דַארְף זִיךְ בַּאהַאלְטְן, עֶר הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן אִין וַואלְד. אַזוֹי

זִיצְנְדִיג אִין וַואלְד קוּמְט צוּ אִים אַן עֶלְטֶערֶער אִיד אוּן הוֹיבְּט אִים אָן גֶעבְּן מוּסָר: "הֲיִתָּכֵן, דוּ שֶׁעמְסְט זִיךְ נִישְׁט? אַזוֹי פִירְסְטוּ זִיךְ אוֹיף?! שֶׁעמְסְט זִיךְ נִישְׁט פוּן דַיינֶע זֵיידֶעס, רֶבִּי נַחְמָן הוֹרוֹדֶענְקֶער אוּן פוּן דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ? שֶׁעמְסְט זִיךְ נִישְׁט פוּן תּוֹרַת מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן פוּן דִי הֵיילִיגֶע אָבוֹת אַבְרָהָם יִצְחָק יַעֲקֹב?! וָואס מֵיינְסְטוּ, דוּ וֶועסְט דֶען קֶענֶען בְּלַייבְּן דָא אִין וַואלְד אֵיינֶער אַלֵיין? דַיין גֶעלְט וֶועט זִיךְ עֶנְדִיגְן אוּן דוּ בִּיסְט שׁוֹין שְׁוַואךְ"; דֶער עֶלְטֶערֶער אִיד הָאט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ בַּאזִידְלֶען דֶעם רֶבִּי'ן, עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַארְן רֶבִּי'ן: "דוּ וֶועסְט פוּן דָא אוֹיךְ מוּזְן אַנְטְלוֹיפְן, אוּן דָארְט וואוּ דוּ וֶועסְט אַנְטְלוֹיפְן וֶועסְטוּ אוֹיךְ נִישְׁט הָאבְּן קַיין מְנוּחָה, דוּ וֶועסְט זִיךְ דָארְט אוֹיךְ מוּזְן בַּאהַאלְטְן פוּן דִי גְרוֹיסֶע עֲבֵירוֹת וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן", רוּפְט זִיךְ דֶער רֶבִּי אָן אוּן זָאגְט אִים: "מֵאַחַר שֶׁהוּא כֵּן, שֶׁאֲנִי מְגֹרָשׁ כָּזֶה, יִהְיֶה לִי עוֹלָם הַבָּא", אוֹיבּ אִיז יָא אַזוֹי, אַז אִיךְ לַייד אַזוֹיפִיל - וֶועל אִיךְ כָאטְשִׁיג הָאבְּן יֶענֶע וֶועלְט, רוּפְט זִיךְ אָן דִי נְשָׁמָה אוּן זָאגְט, דוּ מֵיינְסְט דוּ וֶועסְט הָאבְּן יֶענֶע וֶועלְט? "אֲפִילוּ בְּגֵיהִנּוֹם לֹא יִהְיֶה לְךָ מָקוֹם לְהִטָּמֵן שָׁם כִּי עָשִׂיתָ חֵטְא כָּזֶה", אֲפִילוּ אִין גֵיהִנּוֹם וֶועסְטוּ זִיךְ מוּזְן פַארְשְׁטֶעקְן פַאר אַזֶעלְכֶע הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת, זָאגְט אִים דֶער רֶבִּי: "לֶךְ לְךָ", גֵיי דִיר אַוֶועק, גֵיי דִיר אַוֶועק, "הָיִיתִי סוֹבֵר שֶׁתְּנַחֲמוּ אוֹתִי", אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט דוּ וֶועסְט מִיךְ טְרֵייסְטְן, "וּתְדַבְּרוּ עַל לִבִּי", אִיךְ הָאבּ גֶעקְלֶערְט דוּ וֶועסְט רֶעדְן צוּ מַיין הַארְץ, "עַכְשָׁו אַתֶּם עוֹשִׂים לִי יִסּוּרִים לְכוּ לָכֶם", יֶעצְט אַז דוּ מַאכְסְט מִיר יִסּוּרִים - גֵיי אַוֶועק.

מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט, דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אוּנְז דִי חָלוֹם, דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז מִיט דֶעם אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן פוּן קֵיינֶעם אוֹיף דֶער וֶועלְט, אֲפִילוּ פוּן נְשָׁמוֹת, אֲפִילוּ פוּן מַלְאָכִים אוּן אוֹיךְ נִישְׁט פוּן צַדִּיקִים. אַז מֶען הָאט חֲלִישׁוּת הַדַּעַת דַארְף מֶען טוּן וָואס שְׁטֵייט בַּיי דָוִד הַמֶּלֶךְ (שְׁמוּאֵל א ל, ו): "וַיִּתְחַזֵּק דָּוִד בַּה' אֱלֹקָיו", דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען דָוִד הַמֶּלֶךְ'ס אֵייגֶענֶע מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִים גֶעוָואלְט הַרְגְ'עֶנֶען; וואוּ הָאט עֶר גֶעקֶענְט אַנְטְלוֹיפְן? אִיז עֶר גֶעלָאפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זֶע מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַסַאךְ אוֹיף שִׂמְחָה, וֶועלְן אַלֶע שְׁמֵייכְלֶען צוּ דִיר אוּן אַלֶע וֶועלְן רֶעדְן מִיט דִיר, מֶענְטְשְׁן הָאבְּן לִיבּ אַ פְרֵיילִיכֶע מֶענְטְשׁ, אוּן מֶען קֶען נִישְׁט סוֹבֵל זַיין דִי בַּעֲלֵי מָרָה שְׁחוֹרָה.

דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן קצה): דָוִד הַמֶּלֶךְ האט שטענדיג געזוכט עפעס גוטס אויף וואס ער קען דאנקען דעם אייבערשטן, אפילו ווען דער אייבערשטער האט געברענגט אויף אים שלעכטס – האט ער געזוכט אין די שלעכטס עפעס גוטס. אזוי ווי מען זעט ווי דָוִד הַמֶּלֶךְ דאנקט דעם אייבערשטן (תְּהִלִּים ד, ב): "בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִּי" – רבונו של עולם איך דאנק דיר אויף דעם וואס אין די צרה האסטו מיר ברייט געמאכט".

ווען מען דאנקט דעם אייבערשטן באקומט מען א ברייטערע מח, מען קען אסאך פארנעמען; פרוביר אויס די עצה וועט דיר גרינגער ווערן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דערציילן, דָוִד הַמֶּלֶךְ האט דאך געדארפט טון פארן כְּלַל, א קעניג דארף זארגן פאר די מענטשן פאר פַּרְנָסָה און פאר אלעס, זאגן די הייליגע חֲכָמִים (בְּרָכוֹת ג:): "כִּנּוֹר הָיָה תָּלוּי לְמַעְלָה מִמִּטָּתוֹ שֶׁל דָּוִד", דָוִד הַמֶּלֶךְ האט געהאט א פידל וואס האט געהאנגען העכער זיין בעט, "וְכֵיוָן שֶׁהִגִּיעַ חֲצוֹת לַיְלָה", און ביי חֲצוֹת – "בָּא רוּחַ צְפוֹנִית וְנוֹשֶׁבֶת בּוֹ וּמְנַגֵּן מֵאֵלָיו", האט די פידל געשפילט, און דָוִד הַמֶּלֶךְ האט זיך אויפגעוועקט, "מִיַּד הָיָה עוֹמֵד וְעוֹסֵק בַּתּוֹרָה", און א גאנצע נאכט האט ער געלערנט, "עַד שֶׁעָלָה עַמּוּד הַשַּׁחַר", ביז פארטאגס, "כֵּיוָן שֶׁעָלָה עַמּוּד הַשַּׁחַר נִכְנְסוּ חַכְמֵי יִשְׂרָאֵל אֶצְלוֹ", ווען עס האט אנגעהויבן טאגן זענען אריין צום קעניג די חֲכָמִים, "אָמְרוּ לוֹ, אֲדוֹנֵינוּ הַמֶּלֶךְ, עַמְּךָ יִשְׂרָאֵל צְרִיכִין פַּרְנָסָה", מען האט גערעדט מיטן קעניג וואס מען קען טון אז עס זאל זיין פַּרְנָסָה, "אָמַר לָהֶם, לְכוּ וְהִתְפַּרְנְסוּ זֶה מִזֶּה", און דָוִד הַמֶּלֶךְ האט זיי געגעבן עצות, ביינאכט האט ער געלערנט און זיך מִתְבּוֹדֵד געווען, און בייטאג האט ער געטון פאר אידישע קינדער.

די גרעסטע מִצְוָה וואס איז דא - איז עוסק זיין אין הַפָּצָה, פארפלייצן און פארשפרייטן די הייליגע סְפָרִים און קוּנְטְרֵסִים, עֵצוֹת און הִתְחַזְּקוּת פון הייליגן רבי'ן - פאר די גאנצע וועלט.

אלע צַדִּיקִים קומען צו דעם מענטש וואס איז עוסק אין הַפָּצָה. אזוי זאגט

דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת פִּדְיוֹן שְׁבוּיִים חֵלֶק ב׳, סִימָן י): "מִי שֶׁעוֹסֵק בְּפִדְיוֹן שְׁבוּיִים", וֶועט עֶס נֶעמְט אַרוֹיס גֶעפַאנְגֶענֶע פוּן זַיין פַארְשְׁלָאסְן, "גְּדוֹלֵי הַדּוֹר נִכְלָלִים בּוֹ עַל יְדֵי זֶה", אַלֶע צַדִּיקִים וֶוערְן נִכְלָל אִין דֶעם מֶענְטְשׁ; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, דָאס מֵיינְט מֶען דֶער וָואס אִיז מֵפִיץ דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, דָאס אִיז דָאךְ פִּדְיוֹן שְׁבוּיִים, אַרוֹיסְנֶעמֶען מֶענְטְשְׁן פוּן דִי קְלִיפּוֹת אוּן טוּמְאָה, צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ קוּמֶען אַלֶע צַדִּיקִים, אַבְרָהָם אָבִינוּ, יִצְחָק אָבִינוּ, יַעֲקֹב אָבִינוּ, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אַהֲרֹן הַכֹּהֵן, יוֹסֵף הַצַּדִּיק, דָוִד הַמֶּלֶךְ, נִשְׁמַת רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, דֶער אַרִיזַ"ל, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן וְכוּ׳; אַלֶע ווִילְן וֶוערְן אֵיינְס מִיט דֶעם מֵפִיץ.

שְׁטַארְק זִיךְ, הָאבּ נִישְׁט קֵיין חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, גֵיי וַוייטֶער פוּן שׁוּל צוּ שׁוּל, פוּן שְׁטוּבּ צוּ שְׁטוּבּ אוּן פַארְפְּלֵייץ וִוי מֶער דִי קוּנְטְרֵסִים אוּן סִפְרֵי אֲשֶׁר בַּנַּחַל וְכוּ׳.

מֶען טָאר נִישְׁט טְרַאכְטְן אוֹיף זִיךְ שְׁלֶעכְט, מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט צֶעקְלַאפְּן.

דִי אֵיין זַאךְ דַארְפְט אִיר פַארְרֶעכְטְן, זִיךְ אוֹיפְהֶערְן אַרָאפְּקְלַאפְּן, ווַייל אִין דֶעם אִיז אַלֶעס אָנְגֶעהָאנְגֶען; וֶוען מֶען קוּקְט אוֹיף זִיךְ אַז מֶען אִיז נַארִישׁ אוּן שְׁלֶעכְט - קֶען מֶען נִישְׁט זַיין אַ מַאמֶע פַאר דִי קִינְדֶער אוּן אַ ווַייבּ, אָבֶּער אַז מֶען הַאלְט פוּן זִיךְ, מֶען הַאלְט אַז מֶען אִיז גוּט - נָאר דֶעמָאלְט קֶען מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן טוּן דִי ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ בְּרַחֲמִים, גֶענוּג גֶעלִיטְן, גֶענוּג זִיךְ גֶעפַּיינִיגְט אִין מֹחַ, פוּן יֶעצְט זָאלְט אִיר קוּקְן גוּט אוֹיף זִיךְ, אוּן זִיךְ זָאגְן: 'אִיךְ בִּין גוּט, אִיךְ בִּין אַ צַדֶּקֶת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ לִיבּ'.

אִיר זָאגְט אִיר זֶענְט מְקַנֵּא מַיין מַאמֶע תִּחְיֶ׳, דִי שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ וָואס זִי הָאט גֶעבּוֹיט מִיט אַזוֹיפִיל שֵׂכֶל אוּן חָכְמָה; ווִיסְן זָאלְט אִיר, אֵיינֶע פוּן אִירֶע סוֹדוֹת אִיז אַז זִי הַאלְט פוּן זִיךְ, נָאר אַזוֹי הָאט זִי גֶעגֶעבְּן דִי גֶעפִיל פַאר אִירֶע קִינְדֶער, זֵיי אוֹיפְגֶעבּוֹיט אוּן אַלֶעס אַרוּם, נָאר ווַייל זִי הַאלְט פוּן זִיךְ. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן קכה), דָוִד הַמֶּלֶךְ, פוּן אֵיין זַייט גֶעפִינֶען מִיר זַיין צֶעבְּרָאכְן הַארְץ, גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִּים אִיז אַ שְׁטִיק לֵב נִשְׁבָּר, אָבֶּער אוֹיךְ הָאט דָוִד הַמֶּלֶךְ גֶעהַאלְטְן פוּן זִיךְ, אוּן זִיךְ בַּארִימְט, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים פו, ב): "שָׁמְרָה נַפְשִׁי

כִּי חָסִיד אָנִי", הִיט מִיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווייל אִיךְ בִּין אַ חָסִיד; מֶען מוּז הַאלְטְן פוּן זִיךְ, טְרֶעפְן אִין זִיךְ גוּטֶע זַאכְן, נָאר אַזוֹי קֶען מֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

פַארְטַרייבְּט דִי עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, נָאר אֵיין מָאל אַ טָאג, בִּשְׁעַת הִתְבּוֹדְדוּת - מֶעג מֶען זִיךְ אוֹיסְקְרֶעכְצְן און אוֹיסְוויינֶען, אָבֶּער אַ גַאנְצְן טָאג דַארְף מֶען נָאר זַיין פְרֶיילִיךְ און אָנְגֵיין מִיט דִי שְׁטוּב אַרְבֶּעט.

אִין אָנְהוֹיבּ אִיז טַאקֶע שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און מֶען דַארְף הָאבְּן אוֹיף דֶעם אַסַאךְ חִיזוּק, אָבֶּער וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה דֶערְצוּ, מֶען הוֹיבְּט אָן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶעמָאלְט דַארְף מֶען שׁוֹין קֵיינֶעם נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט.

דָאס דַארְף זַיין דֶער עִקָר אוֹיף וָואס אַ אִיד דַארְף בֶּעטְן, עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן און שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּ אִים; דָאס אִיז גֶעוֶוען דָוִד הַמֶּלֶךְ'ס תְּפִלָּה (תְּהִלִּים כז, ד): "אַחַת שָׁאַלְתִּי מֵאֵת ה' אוֹתָהּ אֲבַקֵּשׁ, שִׁבְתִּי בְּבֵית ה' כָּל יְמֵי חַיַּי, לַחֲזוֹת בְּנֹעַם ה' וּלְבַקֵּר בְּהֵיכָלוֹ", אֵיין זַאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין מִיט דִיר, אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג זִיצְן אִין דַיין שְׁטוּב און לֶעבְּן מִיט דִיר; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַריין אִין זִיךְ דֶעם גֶעדַאנְק: 'אִיךְ הָאבּ קֵיינֶעם נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן', און עֶר הוֹיבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין מַאמֶע לָשׁוֹן אַזוֹי וִוי עֶר רֶעדְט צוּ זַיינְ'ס אַ חַבֶר, און וָואס עֶר דַארְף בֶּעט עֶר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער מֶענְטְשׁ אִיז דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט.

אַז עֶס אִיז דִיר שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - זָאלְסְטוּ בֶּעטְן אוֹיף דֶעם אַלֵיין, מַאךְ זִיךְ אַ תְּפִלָּה וָואס דוּ זָאלְסְט בֶּעטְן שְׁטֶענְדִיג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן:

**"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל רֶעדְן צוּ דִיר, עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן צוּ דִיר; מִיט מֶענְטְשְׁן קֶען אִיךְ שְׁטֵיין און שְׁמוּעֶסְן שָׁעוֹת אוֹיף שָׁעוֹת, אֲפִלּוּ דְבָרִים שֶׁל מַה בְּכָךְ, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ רֶעדְן צוּ דִיר - וֶוער אִיךְ מַמָּשׁ שְׁטוּם. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן וִוי דוּ בִּיסְט מִיט מִיר, אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה אַז דוּ בִּיסְט מִיט מִיר, דֶעמָאלְט וֶועט מִיר זַיין גְרִינְגֶער צוּ רֶעדְן צוּ דִיר.**

**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה; אִיךְ זָאל ווִיסְן און גֶעדֶענְקֶען אַז אַלֶעס אַלֶעס בִּיסְטוּ, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אַ לְבוּשׁ פוּן דִיר; דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי, מְדַבֵּר - אַלֶעס בִּיסְטוּ אַלֵיינְס".**

דֶערִיבֶּער, אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן – זָאלְסְטוּ דָאס אַלֵיינְס בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן אַ שִׁעוּר מָאל. דֶער הֵיילִיגֶער דֶגֶל מַחֲנֶה אֶפְרַיִם זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בְּרֶענְגְט (פַּרְשַׁת בְּחֻקּוֹתַי, דִבּוּר הַמַּתְחִיל אַךְ לָזֶה צָרִיךְ סִיַּעְתָּא דִשְׁמַיָּא) בְּשֵׁם זַיין זֵיידְן דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ קֶענִיג וָואס הָאט גֶעלָאזְט אוֹיסְרוּפְן פַאר דִי גַאנְצֶע לַאנְד אַז וֶוער עֶס דַארְף אַ בַּקָשָׁה קֶען דָאס קוּמֶען בֶּעטְן, אַלֶע זֶענֶען גֶעקוּמֶען בֶּעטְן פוּנֶעם קֶענִיג זֵייעֶרֶע בַּקָשׁוֹת; אֵיינֶער הָאט גֶעבֶּעטְן גֶעלְט, אַ צְוֵוייטֶער הָאט גֶעבֶּעטְן כָּבוֹד, אֵיינֶער הָאט גֶעבֶּעטְן אַז דֶער קֶענִיג זָאל זִיךְ נוֹקֵם זַיין אִין זַיינֶע שׂוֹנְאִים, יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט גֶעבֶּעטְן אַ צְוֵוייטֶע בַּקָשָׁה. אִיז גֶעקוּמֶען אַ חָכָם וָואס עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעבֶּעטְן עֶפֶּעס סְפֶּעצִיעֶל, עֶר הָאט נָאר גֶעבֶּעטְן אֵיין זַאךְ, עֶר ווִיל קֶענֶען רֶעדְן מִיטְן קֶענִיג יֶעדְן טָאג; מִיט דֶעם הָאט עֶר מִמֵּילָא בַּאקוּמֶען אַלֶע זַיינֶע בַּאדֶערְפֶענִישְׁן, וַוייל עֶר רֶעדְט צוּם קֶענִיג יֶעדְן טָאג אוּן עֶר בֶּעט אִים אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף.

**לְפִיכָךְ נִשְׁתַּבַּח דָּוִד לִפְנֵי שָׁאוּל** (שְׁמוּאֵל א טז, יח) דֶערִיבֶּער אִיז דָוִד אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט גֶעוָוארְן פַאר שָׁאוּל הַמֶּלֶךְ מִיטְן טִיטְל: **'וְיוֹדֵעַ נַגֵּן'** אַז עֶר קֶען שֵׁיין זִינְגֶען, **כִּי הַנְּגִינָה הִיא בִּנְיַן הַמַּלְכוּת**, וַוייל דוּרְךְ זִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת – קוּמְט מֶען צוּ מַלְכוּת, מֶען קוּמְט צוּ רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, מֶען הוֹיבְּט אָן פַארְשְׁטֵיין אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן אַז עֶר אִיז קֶענִיג אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, **לָכֵךְ רָאוּי הוּא לְמַלְכוּת** דֶערִיבֶּער אִיז דָוִד הַמֶּלֶךְ גֶעוֶוען פַּאסִיג צוּ וֶוערְן קֶענִיג. דָוִד הַמֶּלֶךְ אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁטִיק תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִּים אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְךְ דֶעם הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, צוּ וֶוערְן קֶענִיג אוֹיף כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אוּן מִיט זַיין מְלוּכָה הָאט עֶר גֶעבְּרֶענְגְט אַלֶע אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**וְזֶה שֶׁכָּתוּב אֶצְלוֹ** (תְּהִלִּים עח, עא) דָאס אִיז וָואס שְׁטֵייט בַּיי אִים: **'מֵאַחַר עָלוֹת'** פוּן אוּנְטֶער דִי קְלֵיינֶע שֶׁעפֶעלֶעךְ – **'הֱבִיאוֹ'** הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּרֶענְגְט צוּ וֶוערְן קֶענִיג. **הַיְנוּ מֵאַחַר הַמֵּינִיקוֹת, הַיְנוּ נֶצַח וָהוֹד**, דָאס הֵייסְט פוּן דֶעם וָואס דָוִד הַמֶּלֶךְ אִיז נָאכְגֶעגַאנְגֶען דִי סְפִירוֹת פוּן נֶצַח אוּן הוֹד, **כִּי הֵם מְנִיקִין לַנְּבִיאִים**, וָואס פוּן דָארְט קוּמְט דִי שֶׁפַע פוּן נְבוּאָה, וַוייל וֶוען מֶען זִינְגְט שִׁירוֹת

וְתִשְׁבָּחוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן – דָאס זֶענֶען דִי סְפִירוֹת ׳נֶצַח׳ אוּן ׳הוֹד׳. וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פְּסָחִים קיט.): **׳לַמְנַצֵּחַ מִזְמוֹר לְדָוִד׳**, וָואס אִיז דִי טַייטְשׁ לַמְנַצֵּחַ? **׳זַמְּרוּ לְמִי שֶׁמְּנַצְּחִין אוֹתוֹ׳**, לוֹיבְּט צוּ דֶעם וָואס מֶען בַּאזִיגְט אִים – ׳וְשָׂמֵחַ׳ אוּן עֶר פְרֵייט זִיךְ מִיט דֶעם; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים מִיט טַעֲנוֹת, אִים בֶּעטְן אוּן אִים מוּטְשֶׁען, אוּן ׳הוֹד׳ דָאס אִיז דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דִי צְווֵיי סְפִירוֹת נֶצַח אוּן הוֹד, פוּן דֶעם קוּמְט דִי נְבוּאָה, **וְהֵם בִּנְיַן הַמַּלְכוּת** אוּן דוּרְךְ דִי שֶׁפַע פוּן נְבוּאָה וָואס קוּמְט פוּן נֶצַח אוּן הוֹד וֶוערְט אוֹיפְגֶעבּוֹיט דִי מַלְכוּת, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ג:): **׳כִּנּוֹר הָיָה תָּלוּי לְמַעְלָה מִמִּטָּתוֹ שֶׁל דָּוִד׳** אַ פִידְל אִיז גֶעהָאנְגֶען הֶעכֶער דָוִד הַמֶּלֶךְ׳ס בֶּעט, **׳וְכֵיוָן שֶׁהִגִּיעַ חֲצוֹת לַיְלָה׳** אוּן וֶוען עֶס אִיז גֶעוָוארְן חֲצוֹת, **׳בָּא רוּחַ צְפוֹנִית׳** אִיז גֶעקוּמֶען אַ צָפוֹן ווִינְט, **׳וְנוֹשֶׁבֶת בּוֹ׳** אוּן עֶס הָאט גֶעבְּלָאזְן אוֹיפְן פִידְל, **׳וּמְנַגֵּן מֵאֵלָיו׳** אוּן דִי פִידְל הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁפִּילְן פוּן זִיךְ אַלֵיין, עֶס אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּנֶעם פִידְל אַ קוֹל פוּן נְבוּאָה אוּן דוּרְכְדֶעם הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס דוּרְכְדֶעם וֶוערְט אוֹיפְגֶעבּוֹיט דִי מַלְכוּת.

**פָּתַח וְאָמַר** הָאט רֶבִּי שִׁמְעוֹן גֶעעֶפְנְט אוּן גֶעזָאגְט (מִיר גֶעפִינֶען אַלְץ אִין זוֹהַר דֶעם לָשׁוֹן ׳פָּתַח וְאָמַר׳, וַוייל דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט דִי סוֹדוֹת הַתּוֹרָה – הָאבְּן זֵיי גֶעעֶפְנְט דִי הִימְלֶען, עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ הֵיילִיגְקֵייט אוֹיף דִי וֶועלְט), עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים פו, יא): **׳הוֹרֵנִי יְיָ דַּרְכֶּךָ אֲהַלֵּךְ בַּאֲמִתֶּךָ יַחֵד לְבָבִי לְיִרְאָה שְׁמֶךָ׳**, הַאי קְרָא קַשְׁיָא דֶער פָּסוּק אִיז שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין, דְּהָא תָּנִינָן מִיר הָאבְּן דָאךְ גֶעלֶערְנְט (בְּרָכוֹת לג:): **כֹּלָּא הִיא בִּידָא דְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא** אַלֶעס אִיז אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **בַּר לְמֶהֱוֵי זַכָּאָה אוֹ חַיָּיבָא** אוֹיסֶער אוֹיבּ מֶען זָאל זַיין אַ צַדִּיק אָדֶער אַ רָשָׁע, דָאס אִיז שׁוֹין אָנְגֶעהָאנְגֶען אִינֶעם מֶענְטְשׁ, אוֹיף דֶעם אִיז דָא אַ בְּחִירָה; אוֹיבּ אַזוֹי, **וְדָוִד הֵיךְ תָּבַע דָּא מֵעִם קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא** ווִי קֶען דָוִד הַמֶּלֶךְ בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ׳אִיךְ ווִיל זַיין אַ צַדִּיק׳, ׳אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד׳ – וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט אוֹיף דֶעם אַ בְּחִירָה?

**אֶלָּא** נָאר וָואס דֶען? אֲפִילוּ עֶס אִיז דָא אַ בְּחִירָה צוּ טוּן גוּטְס אָדֶער שְׁלֶעכְטְס – דַארְף מֶען נָאךְ וַוייטֶער בֶּעטְן, דֶערִיבֶּער **דָּוִד הָכִי קָאָמַר** בֶּעט דָוִד הַמֶּלֶךְ: **׳הוֹרֵנִי**

יְיָ דַּרְכֶּךָ׳, הַהוּא אֹרַח מִישׁוֹר וּמְתַקְנָא וַוייז מִיר - רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם - דִי גְלַייכֶע וֶועג, לְגַלָּאָה עֵינַי וּלְמִנְדַע לֵיהּ עֶפְן מִיר דִי אוֹיגְן אִיךְ זָאל נָאר וֶועלְן דִיךְ דִינֶען, וּלְבָתַר אוּן עֶר בֶּעט וַוייטֶער, ׳אֲהַלֵּךְ בַּאֲמִתֶּךָ׳ אִיךְ ווִיל גֵיין אִין דִי אֱמֶת׳עֶ וֶועג, אֵיהַךְ בְּאֹרַח קְשׁוֹט וְלָא אַסְטֵי לְיָמִינָא וְלִשְׂמָאלָא אִיךְ זָאל גֵיין אוֹיף דִי גְלַייכֶע וֶועג, נִישְׁט רֶעכְטְס אוּן נִישְׁט לִינְקְס.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן דֶערְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תלו): ׳הֲלֹא הָאָדָם הוּא בַּעַל בְּחִירָה׳, אִיךְ הָאב גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי׳ן ווִי אַזוֹי אִיז שַׁיָּיךְ צוּ בֶּעטְן אוֹיף יִרְאַת שָׁמַיִם וֶוען עֶס אִיז דָא אַ בְּחִירָה? (מַמָּשׁ דִי שְׁאֵלָה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר פְּרֶעגְט), אוּן דֶער רֶבִּי הָאט מִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אַף עַל פִּי כֵן", מִיט דֶעם וָואס עֶס אִיז דָא אַ בְּחִירָה - דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם.

׳יַחֵד לְבָבִי׳ דָוִד הַמֶּלֶךְ בֶּעט וַוייטֶער, אֵיינְצִיג מַיין הַארְץ; מַאן ׳לְבָבִי׳ וָואס מֵיינְט ׳אֵיינְצִיג מַיין הַארְץ?׳ דָאס מֵיינְט אִיךְ זָאל לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, כְּמָא דְאַתְּ אָמַר אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים עג, כו): ׳צוּר לְבָבִי וְחֶלְקִי׳ דֶער בַּאשֶׁעפֶער, פוּן מַיין הַארְץ, וְכָל דָּא אֲנָא תָּבַע דָאס אַלֶעס בֶּעט אִיךְ דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, ׳לְיִרְאָה אֶת שְׁמֶךָ׳ אִיךְ ווִיל נָאר פוּן דִיר מוֹרָא הָאבְּן, לְאִתְדַּבְּקָא בְּדַחֲלָתָךְ אִיךְ ווִיל זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דִיר, לְאִסְתַּמְּרָא אוֹרְחֵי כִּדְקָא יָאוֹת אִיךְ זָאל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס. ׳לְיִרְאָה שְׁמֶךָ׳ אִיךְ זָאל מוֹרָא הָאבְּן פוּן דִיר, אֲתַר חוּלְקִי מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן זָאל זַיין, דְּבֵיהּ שַׁרְיָא דַחֲלְתָּא לְמִדְחַל נָאר מוֹרָא הָאבְּן פוּן דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת חֹשֶׁן מִשְׁפָּט פִּקָּדוֹן ג, ז): "וּבֶאֱמֶת אִי אֶפְשָׁר לְהָבִין זֹאת כִּי הוּא גַּם כֵּן מֵהַקֻּשְׁיוֹת שֶׁאִי אֶפְשָׁר לְתָרְצָם בְּשׁוּם אֹפֶן כִּי אִם בֶּאֱמוּנָה לְבַד", מֶען קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין מִיט׳ן שֵׂכֶל ווִי אַזוֹי דָאס אַרְבֶּעט; פוּן אֵיין זַייט אִיז דָא אַ בְּחִירָה, מֶען זָאגְט דֶעם מֶענְטְשׁ ׳דוּ זָאלְסְט זַיין גוּט׳, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זָאגְט מֶען אִים ׳בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט זַיין גוּט׳; דָאס קֶען מֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, מֶען דַארְף גְלֵייבְּן בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז בֵּיידֶע זַאכְן דַארְפְן מִיר טוּן, מִיר דַארְפְן זַיין גוּט אוּן מִיר דַארְפְן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיר זָאלְן זַיין עֶרְלִיךְ.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רחצ): "שֶׁהַכֹּחַ שֶׁהָיָה לְדָוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם לוֹמַר שְׁמוֹנֶה פְּעָמִים אַבְשָׁלוֹם בְּנִי בְּנִי, וְעַל יְדֵי זֶה הֶעֱלָה אוֹתוֹ מִשִּׁבְעָה

מְדוֹרֵי גֵּיהִנּוֹם וְהִכְנִיסוֹ לְגַן עֵדֶן", דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט אַרוֹיס גֶענוּמֶען זַיין זוּן אַבְשָׁלוֹם פוּן גֵיהִנּוֹם אוּן אִים אַרַיין גֶעלֵייגְט אִין 'גַן עֵדֶן'; מִיט דֶעם וָואס עֶר הָאט אִים גֶערוּפְן אַכְט מָאל אַבְשָׁלוֹם בְּנִי, בְּנִי, בְּנִי - זִיבְּן מָאל בְּנִי, הָאט עֶר אִים אַרוֹיס גֶענוּמֶען פוּן גֵיהִנּוֹם, אוּן דֶער אַכְטֶע מָאל הָאט עֶר אִים אַרַיין גֶעלֵייגְט אִין גַן עֵדֶן, "זֶה הַכֹּחַ יֵשׁ לוֹ גַּם כֵּן, שֶׁהוּא יָכוֹל זֹאת גַּם כֵּן, לְהַעֲלוֹת בְּדִבּוּרוֹ בְּעָלְמָא אֶת הָאָדָם מִכָּל הַשִּׁבְעָה מְדוֹרֵי גֵּיהִנּוֹם וּלְהַכְנִיסוֹ לְגַן עֵדֶן", הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ דֶעם זֶעלְבְּן כֹּחַ וָואס דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעהַאט, אִיךְ קֶען רֶעדְן מִיט אַ מֶענְטְשׁ אוּן אִים אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דֶעם טִיפְסְטְן גֵיהִנּוֹם, אוּן אִים אַרַיין לֵייגְן אִין גַן עֵדֶן".

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַ טֵייעֶר וָוארְט פוּן אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד, אַז אַלֶע קוּנְטְרֵסִים הֵייבְּט מוֹהֲרָא"שׁ אָן 'אַהוּבִי בְּנִי', יֶעדֶעס קוּנְטְרֵס הֵייבְּט זִיךְ אָן 'מַיין קִינְד', 'מַיין קִינְד', וַוייל אַז מֶען לֶערְנְט דִי קוּנְטְרֵסִים, אֲפִילוּ מֶען זָאל זַיין אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל עֲבֵירָה - אַן אַבְשָׁלוֹם'נִיק, קֶען מֶען אַרוֹיס גֵיין פוּן אַלֶע שִׁבְעָה מְדוֹרֵי גֵיהִנּוֹם אוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִלִּים מב, יא): "בְּרֶצַח בְּעַצְמוֹתַי חֵרְפוּנִי צוֹרְרָי בְּאָמְרָם אֵלַי כָּל הַיּוֹם אַיֵּה אֱלֹקֶיךָ". זַיינֶע שׂוֹנְאִים פְּלֶעגְן אִים כְּסֵדֶר טְשֶׁעפֶּען אוּן שְׁטֶעכְן מִיט שְׁפִּיז וֶוערְטֶער, זֵיי פְּלֶעגְן אִים פְרֶעגְן יֶעדְן טָאג: "דָוִד הַמֶּלֶךְ, דוּ בִּיסְט דָאךְ פַארְנוּמֶען צוּ רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם, פַאר יֶעדְן זָאגְסְטוּ אַז מֶען זָאל נָאר רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, פַארְוָואס וֶוערְסְטוּ נִישְׁט גֶעהָאלְפְן - 'אַיֵּה אֱלֹקֶיךָ'?! אָבֶּער דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט וַוייטֶער גֶעגְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן צוּ זִיךְ גֶעזָאגְט: "מַה תִּשְׁתּוֹחֲחִי נַפְשִׁי וּמַה תֶּהֱמִי עָלָי, הוֹחִילִי לֵאלֹקִים", פַארְוָואס בִּיסְטוּ אַזוֹי צוּגֶעלֵייגְט אוּן צֶעבְּרָאכְן? הָאף צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער. דָאס אִיז וָואס אַ מֶענְטְשׁ דַארְף טוּן: וַוייטֶער הָאפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן וַוייטֶער מִתְפַּלֵּל זַיין, אוּן וַוארְטְן אוֹיף דִי יְשׁוּעָה. חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת לב:): וָואס זָאל אַ מֶענְטְשׁ טוּן אַז עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן עֶר הָאט נָאךְ נִישְׁט גֶעזֶען אַ יְשׁוּעָה? עֶר זָאל נָאכְאַמָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים כז, יד): "קַוֵּה אֶל ה', חֲזַק וְיַאֲמֵץ לִבֶּךָ, וְקַוֵּה אֶל ה'".

איך בעט דיר זייער אַז דו זאָלסט זיך שטאַרקן מיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, און נעם אַריין אין דיר אַז אַלעס איז דער אייבערשטער און אַלעס טוט נאָר ער אַליין, און וואס דער אייבערשטער טוט איז נאָר גוט; איי וועסטו פרעגן, אַז אַלעס איז דער אייבערשטער, און אַלעס טוט נאָר ער אַליין, און אַלעס איז זיכער נאָר לְטוֹבָה, דעמאָלט ווי אַזוי קענען מיר מִתְפַּלֵּל זיין אויף אַ זאך וואס איז זיכער גוט, אַז עס זאָל זיין פאַרקערט? נאָר דער אייבערשטער האָט אונז באַפוילן מיט די מִצְוָה פון תְּפִלָּה – אַז מיר זאָלן דאַוונען און מְבַטֵּל זיין אַלע שלעכטע גְזֵירוֹת.

מען זעט ביי דָוִד הַמֶּלֶךְ (שמואל ב, יב), אַז ווען זיין זון איז קראַנק געוואָרן האָט ער געפאַסט און ער האָט זיך נישט געלייגט אין בעט שלאָפן נאָר ער איז געשלאָפן אויף דער ערד, און וויפיל מען האָט אים געוואָלט טרייסטן האָט ער זיך נישט געלאָזט; ער האָט נישט געוואָלט מיט עסן מיט זיינע באַדינער, און ער האָט געהאַלטן אין איין מִתְפַּלֵּל זיין צום אייבערשטן אויף זיין קינד. ווען דער קינד איז געשטאָרבן האָבן די באַדינער מוֹרָא געהאַט צו דערציילן פאַר דָוִד הַמֶּלֶךְ אַז זיין זון איז געשטאָרבן, ווייל זיי האָבן געטראַכט: מַה־דאָך ווען דאָס קינד האָט געלעבט און ער איז נישט געזונט געווען האָט דָוִד הַמֶּלֶךְ זיך נישט געלאָזט טרייסטן, וואס וועט שוין זיין יעצט ווען ער וועט הערן אַז דאָס קינד איז געשטאָרבן!?

ווען דָוִד הַמֶּלֶךְ האָט געזען ווי זיי שושקען זיך, האָט ער זיי געפרעגט: "הֲמֵת הַיֶּלֶד, וַיֹּאמְרוּ מֵת", האָט זיך דָוִד הַמֶּלֶךְ גלייך אויסגעטון זיין זאַק, און ער האָט זיך געזעצט אויף זיין שטיל און געבעטן אַז מען זאָל אים ברענגען עסן; זיינע קנעכט האָבן דאָס נישט פאַרשטאַנען און זיי האָבן אים געפרעגט: "מָה הַדָּבָר הַזֶּה אֲשֶׁר עָשִׂיתָה", וואס גייט דאָ פאָר, "בַּעֲבוּר הַיֶּלֶד חַי, צַמְתָּ וַתֵּבְךְּ, וְכַאֲשֶׁר מֵת הַיֶּלֶד, קַמְתָּ וַתֹּאכַל לָחֶם", ווען דיין קינד איז געווען נישט געזונט און ער האָט נאָך געלעבט האָסטו געפאַסט און געוויינט, און יעצט ווען ער איז געשטאָרבן שטייסטו אויף פון דער ערד און דו עסט אַ סְעוּדָה?! האָט זיי דָוִד הַמֶּלֶךְ געענטפערט: "וַיֹּאמֶר, בְּעוֹד הַיֶּלֶד חַי, צַמְתִּי וָאֶבְכֶּה, כִּי אָמַרְתִּי מִי יוֹדֵעַ וְחַנַּנִי ה' וְחַי הַיָּלֶד, וְעַתָּה מֵת, לָמָּה זֶּה אֲנִי צָם הַאוּכַל לַהֲשִׁיבוֹ, עוֹד, אֲנִי הֹלֵךְ אֵלָיו, וְהוּא לֹא יָשׁוּב אֵלָי", ווען מיין קינד האָט נאָך געלעבט, האָב איך געטראַכט אַז איך וועל בעטן דעם אייבערשטן, אֶפְשָׁר וועט דער אייבערשטער מיר העלפן, אָבער יעצט אַז ער איז געשטאָרבן, ווייס איך אַז עס איז אַ גְזֵירָה פונעם אייבערשטן, און איך קען אים שוין נישט צוריק ברענגען צו מיר.

זעט מען אַז ווען עס איז דאָ אַ גְזֵירָה דאַרף מען בעטן דעם אייבערשטן, אָבער מען טאָר זיך נישט פאַרלירן נאָר מען דאַרף געדענקען אַז אַלעס איז נאָר לְטוֹבָה, און אֲפִילוּ מיר זעען עס נישט, דאַרפן מיר ווייטער גלייבן אין אים.

דער הייליגער רֶבִּי האָט געזאָגט: "אַ מענטש דאַרף בעטן דעם אייבערשטן אַז ער זאָל זוֹכֶה זיין צו האָבן אַסאַך קינדער - אֲפִילוּ די קינדער וועלן אויסוואַקסן נישט אַזוֹי ווי עס דאַרף צו זיין, ווייל ווען מָשִׁיחַ וועט קומען און צוריק ברענגען אַלע אידן צום אייבערשטן וועט ער מְתַקֵּן זיין נישט נאָר יענעם דוֹר, נאָר מָשִׁיחַ וועט פאַרריכטן אַלע דוֹרוֹת".

וואָס זאָלן מיר טון אַז בַּעֲווֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים האָט זיך אַריין געכאַפּט ביי אידישע קינדער די קְלִיפָּה פון נישט האָבן קינדער רַחֲמָנָא לִצְלָן, מענטשן זענען מֵסִית וּמֵדִּיחַ אַנדערע נישט צו האָבן קינדער מיטן אויסרייד: "וואָס וועט זיין מיט פַּרְנָסָה?" אָדער אַנדערע נאַרישע סְבָרוֹת.

דאַנק דעם אייבערשטן אַז דו האָסט אַ געזונטע ווייב וואָס האָט כֹּחַ צו זיין אַ מאַמע פאַר קינדער און הער נישט אויס וואָס נאַרישע מענטשן זאָגן: "אויף וועמענ'ס חֶשְׁבּוֹן האָסטו קינדער?" אָדער אַנדערע לֵיצָנוּת.

געדענק אַז נאָר קינדער און איינִיקלעך בלייבט איבער פונעם מענטש; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זאָגן (בָּבָא בַּתְרָא קטז.): ווען אַ מענטש גייט אַוועק פון דער וועלט און לאָזט איבער קינדער וואָס לערנען תּוֹרָה איז כְּאִילוּ לֹא מֵת, אַזוֹי ווי עס שטייט (מְלָכִים א כא, יא): "וַהֲדַד שָׁמַע בְּמִצְרַיִם כִּי שָׁכַב דָּוִד עִם אֲבֹתָיו, וְכִי מֵת יוֹאָב שַׂר הַצָּבָא", דער קעניג פון מִצְרַיִם האָט געהערט אַז דָוִד ליגט און אַז זיין גענעראַל יוֹאָב איז געשטאָרבן, פאַרוואָס ביי דָוִד הַמֶּלֶךְ שטייט "שָׁכַב דָּוִד" און ביי יוֹאָב שטייט "מֵת יוֹאָב"? ווייל דָוִד הַמֶּלֶךְ האָט איבערגעלאָזט קינדער צַדִּיקִים, הייסט עס נישט ווי ער איז געשטאָרבן נאָר כְּאִילוּ ער שלאָפט, אָבער אַז מען לאָזט נישט איבער קינדער וואָס גייען בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה, דעמאָלט ווען דער מענטש גייט אַוועק פון דער וועלט איז ער אַ טויטער מענטש.

דו שרייבסט אַז דו האָסט נישט קיין צייט פאַר דיר צו אָטעמען ווייל דו ביסט פאַרנומען מיט דיינע קינדער וְכוּ'; פאַרברענגען דאַרף מען מיט די ווייב און קינדער, און אָטעמען זאָלסטו אין שְׁטוּבּ. אַנשטאָט צו זוכן וואו מען קען אַרויס

לויפן פון שְׁטוּב פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט חֲבֵרִים פַארְבְּרֶענְג עֶנְדֶערְשׁ אִין שְׁטוּב מִיט דַיין ווייב אוּן קִינְדֶער.

מוֹהֲרַא"שׁ פְלֶעגְט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג דֶערְמַאנֶען אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין חֲבֵרִים, דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים ס, יג): "וְשָׁוְא תְּשׁוּעַת אָדָם", אַ מֶענְטְשׁ קֶען דִיר נִישְׁט הֶעלְפְן; נָאךְ זָאגְט דָוִד הַמֶּלֶךְ (תְּהִלִּים קטז, יא): "אֲנִי אָמַרְתִּי בְחָפְזִי כָּל הָאָדָם כֹּזֵב", אַ מֶענְטְשׁ אִיז אֵיינֶער אַלֵיין; וָואס הָאט יָא אַ מֶענְטְשׁ, וֶועם הָאט מֶען יָא? דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי תּוֹרָה אוּן דִי מִצְוֹת. דָאס נֶעמְט אַ מֶענְטְשׁ מִיט אוּן דָאס בְּלַייבְּט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

פַארְבְּרֶענְג מִיט דַיינֶע קִינְדֶער, שְׁפִּיל מִיט זֵיי שְׁפִּילֶערַייעֶן, פַארְצֵייל זֵיי שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים אוּן הֶער אוֹיס זֵייעֶרֶע מַעֲשֶׂה'לֶעךְ וָואס זֵיי הָאבְּן צוּ דֶערְצֵיילְן. אַזוֹי וֶועלְן זֵיי אוֹיסְוַואקְסְן גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, זֵיי וֶועלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר נָאכְאַמָאל, טַאנְץ פַאר שִׂמְחָה אַז דוּ הָאסְט אַ גֶעזוּנְטֶע ווייב וָואס הָאט דִי כֹּחוֹת צוּ מְגַדֵּל זַיין אַ שְׁטוּב מִיט קִינְדֶער; אַנְטְלוֹיף פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס שְׁפֶּעטְן אָפּ פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן וָואס הָאבְּן גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע שְׁטִיבֶּער מִיט קִינְדֶער, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען נַחַת פוּן אַלֶע דַיינֶע קִינְדֶער.

מִיר הָאבְּן אַ רֶבִּי וָואס הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה וָואס הֵייסְט 'הִתְבּוֹדְדוּת', אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען זִיךְ אוֹיס צוּ רֶעדְן זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן, עֶר זוּכְט זִיךְ אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן עֶר שְׁמוּעֶסְט זִיךְ דָארְט אוֹיס זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פַארְצֵיילְט אִים אַלֶעס וָואס שְׁטֶערְט אִים - דֶער מֶענְטְשׁ לֶעבְּט אַן אַנְדֶערֶע סָארְט לֶעבְּן, עֶר אִיז אַן אֱמֶת'עֶר עוֹשֶׁר. עֶר אִיז רַייךְ וַוייל עֶר לֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים אַלֶעס גֶעבְּן, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵייעֶר לִיבּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַארְצֵיילְט אִים אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים, אַזוֹי וִוי דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (פַּרְשַׁת בָּלָק, קצה.) אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶנְטְפֶערְט פַאר אַן אָרִימַאן שְׁנֶעלֶער וִוי עֶר עֶנְטְפֶערְט פַאר דֶעם גְרֶעסְטְן צַדִּיק. אוּן וֶוען דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעזֶען דָאס חֲשִׁיבוּת פוּנֶעם אָרִימַאן'ס תְּפִלָּה הָאט עֶר אוֹיסְגֶעטוּן דִי בִּגְדֵי מַלְכוּת אוּן זִיךְ גֶעזֶעצְט אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (תְּהִלִּים פו, א): "תְּפִלָּה לְדָוִד,

הַטֵּה ה׳ אָזְנְךָ עֲנֵנִי", הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער הֶעלְף מִיר, הֶער אוֹיס מַיין גֶעבֶּעט, "כִּי עָנִי וְאֶבְיוֹן אָנִי", וַוייל אִיךְ בִּין אַזוֹי ווִי אַן אָרִימַאן; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז זֵייעֶר נָאנְט צוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז בַּיי זִיךְ צֶעבְּרָאכְן וְכוּ׳.

גֶעבּ אַכְטוּנְג מִיט וֶועם דוּ דְרֵייסְט זִיךְ, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט זֵייעֶר נִשְׁפָּע פוּן אַ חָבֵר; אַ חָבֵר קֶען אַרוֹיף בְּרֶענְגֶען אַ מֶענְטְשׁ עֶר זָאל וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, אוּן פַּארְקֶערְט אוֹיךְ חַס וְשָׁלוֹם - אַז מֶען דְרֵייט זִיךְ מִיט נִישְׁט גוּטֶע מֶענְטְשְׁן וֶוערְט מֶען נִשְׁפָּע פוּן זֵיי. זָאל מֶען זַיין דֶער גְרֶעסְטֶער צַדִיק, אוֹיבּ מֶען דְרֵייְדְט זִיךְ מִיט שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן וֶוערְט מֶען אַזוֹי ווִי זֵיי.

דֶער הֵיילִיגֶער רַמְבַּ"ם זָאגְט בַּיי דִי סִימָנִים פוּן כָּשֵׁר׳ע אוּן טָמֵא׳נֶע עוֹפוֹת (פֶּרֶק א׳ מֵהִלְכוֹת מַאֲכָלוֹת אֲסוּרוֹת, הֲלָכָה כ): "וְכָל הַשּׁוֹכֵן עִם הַטְּמֵאִים וְנִדְמֶה לָהֶן, הֲרֵי זֶה טָמֵא", דִי פֵייגֶעלֶעךְ וָואס דְרֵייעֶן זִיךְ מִיט עוֹפוֹת טְמֵאִים זֶענֶען אַלֵיינְס טָמֵא׳נֶע עוֹפוֹת; אַזוֹי ווִי דִי וֶועלְט זָאגְט: "וַוייז מִיר דַיין חָבֵר וֶועל אִיךְ שׁוֹין ווִיסְן וֶוער דוּ בִּיסְט".

בִּכְלָל דַארְפְסְטוּ ווִיסְן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ ווִי ׳חֲבֵרִים׳; מֶענְטְשְׁן טוּעֶן אַלֶעס פַאר זֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, מֶען פַארְבְּרֶענְגְט טֶעג אוּן נֶעכְט מִיט חֲבֵרִים, אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער וֶועלְן דִי חֲבֵרִים זַיין דִי עֶרְשְׁטֶע זֵיי צוּ בַּאגְרָאבְן; אַ חָבֵר אִיז נָאר דֶער וָואס אִיז מְחַזֵּק דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מִיר גֶעפִינֶען בַּיי דָוִד הַמֶּלֶךְ (שְׁמוּאֵל ב טז, טז): "חוּשַׁי הָאַרְכִּי רֵעֶה דָוִד", חוּשַׁי הָאַרְכִּי אִיז גֶעוֶוען דֶער חָבֵר פוּן דָוִד, זָאגְט רַשִׁ"י (דִבְרֵי הַיָּמִים א כז, לג): "כְּשֶׁחָטָא דָּוִד בְּבַת שֶׁבַע", וֶוען דָוִד הַמֶּלֶךְ אִיז אַרִיבֶּער דִי מַעֲשֶׂה פוּן בַּת שֶׁבַע, "שָׁאַל לְחוּשַׁי הָאַרְכִּי", הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט פוּן חוּשַׁי הָאַרְכִּי, "אִם יָשׁוּב בִּתְשׁוּבָה, אִם יְקַבְּלֵהוּ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בִּתְשׁוּבָה לָתֵת לוֹ אֲרוּכָה לְחֶטְאוֹ", צִי עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, אוּן אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אָנֶעמֶען זַיין תְּשׁוּבָה, "וְאָמַר לוֹ כֵּן", הָאט אִים חוּשַׁי הָאַרְכִּי גֶעזָאגְט עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טוּן; ׳דָאס אִיז אַ חָבֵר!׳ דֶערִיבֶּער וֶוערְט עֶר אָנְגֶערוּפְן "רֵעֶה הַמֶּלֶךְ" - דָוִד הַמֶּלֶךְ׳ס חָבֵר, וַוייל אַ חָבֵר אִיז דֶער וָואס אִיז מְחַזֵּק צוּ תְּשׁוּבָה טוּן.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר מַיין טֵייעֶרֶער תַּלְמִיד ..., גֶעבּ אַכְטוּנְג מִיט וֶועם דוּ דְרֵייסְט זִיךְ; זֶע זִיךְ צוּ דְרֵייעֶן מִיט עֶרְלִיכֶע אִידְן, מִיט חֲבֵרִים וָואס וֶועלְן דִיךְ

מְחַזֵק זַיין זָאלְסְט לֶערְנֶען און דַאוֶונֶען, אַזוֹי וֶועסְטוּ אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען און דַאוֶונֶען. אַנְטְלוֹיף פון חֲבֵרִים וָואס מַאכְן לֵיצָנוּת פון עֶרְלִיכֶע אִידְן און לָאז דִיךְ אָפּ פון חֲבֵרִים וָואס קִילְן אָפּ דַיין אִידִישְׁקֵייט. בַּיי עֲמָלֵק שְׁטֵייט (דְּבָרִים כה, יח): "אֲשֶׁר קָרְךָ בַּדֶּרֶךְ", טַייטְשְׁן דִי צַדִיקִים, אַז עֲמָלֵק קִילְט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר מַאכְט לֵיצָנוּת פון עֶרְלִיכֶע אִידְן.

זַיי נִישְׁט קְלוּגֶער פון עֶרְלִיכֶע אִידְן; מַאךְ זִיךְ אַלֵיינְס אַ חֶשְׁבּוֹן צוּ אַ פָּאוֹן וָואס אִיז אָפְן צוּ דִי וֶועלְט בְּרֶענְגְט דִיר יִרְאַת שָׁמַיִם אָדֶער עֶס נֶעמְט אַרוֹיס פון דִיר יֶעדֶעס בְּרֶעקֶעלֶע יִרְאַת שָׁמַיִם, דוּ וֵוייסְט דָאךְ אַלֵיינְס דֶעם אֱמֶת - אַז דָאס אִיז נִישְׁט גוּט.

# תְּהִלִּים

יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת אִיז דֶער יָארְצַייט פון דָוִד הַמֶּלֶךְ, יֶעצְט אִיז אַ צַייט וָואס אִיר זָאלְט זִיךְ פָּארְנֶעמֶען צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים, און זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. וָוען מֶען זָאגְט תְּהִלִּים קֶען מֶען פּוֹעֵל'ן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת - סֵיי פַאר אַייךְ אַלֵיין, סֵיי פַאר אַייעֶר מַאן און פַאר אַייעֶרֶע קִינְדֶער, און פַאר אַלֶע אִידְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן צח): "אֲמִירַת תְּהִלִּים מַעֲלָה גְּדוֹלָה, כְּאִלּוּ אֲמָרָם דָּוִד הַמֶּלֶךְ בְּעַצְמוֹ. כִּי הוּא אֲמָרָם בְּרוּחַ הַקֹּדֶשׁ, וְהָרוּחַ הַקֹּדֶשׁ מֻנָּח בְּתוֹךְ הַתֵּבוֹת, וּכְשֶׁאוֹמְרָם הוּא מְעוֹרֵר בְּרוּחַ פִּיו אֶת הָרוּחַ הַקֹּדֶשׁ, עַד שֶׁנֶּחֱשָׁב כְּאִלּוּ אֲמָרָם דָּוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם בְּעַצְמוֹ. וְהוּא מְסֻגָּל מְאֹד לִרְפָאוֹת הַחוֹלֶה לִהְיוֹת לוֹ בִּטָּחוֹן רַק עַל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, שֶׁעַל יְדֵי אֲמִירַת תְּהִלִּים יוֹשִׁיעוֹ ה'", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט תְּהִלִּים אִיז עֶס אַזוֹי חָשׁוּב כְּאִילוּ דָוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם וָואלְט דָאס גֶעזָאגְט, וַוייל דָוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם הָאט גֶעזָאגְט דֶעם תְּהִלִּים מִיט רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, און אִין דִי וֶוערְטֶער פון תְּהִלִּים לִיגְט דִי רוּחַ הַקוֹדֶשׁ. דֶערְפַאר, וֶוען מֶען זָאגְט דִי וֶוערְטֶער פון תְּהִלִּים אִיז עֶס אַזוֹי וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ אַלֵיין וָואלְט עֶס גֶעזָאגְט. נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז דוּרְךְ תְּהִלִּים קֶען מֶען אוֹיסְהֵיילְן חוֹלִים, עַיֵּן שָׁם.

דֶערְפַאר, זֶע צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תְּהִלִּים, און אַז מֶען גֶעוואוינְט זִיךְ צוּ צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים, שְׁפִּירְט מֶען ווי אַן אַנְדֶערֶער מֶענְטְשׁ. אַ מֶענְטְשׁ הָאט אִין טָאג זַייעֶר אַסַאךְ צַייט וָואס עֶר נִיצְט נִישְׁט אוֹיס, לְמָשָׁל וֶוען מֶען אִיז אוּנְטֶערְוֶועגְנְס, אָדֶער מֶען וַוארְט אִין אַ וַוארְט-זַאל וְכַדוֹמֶה, און אַז דֶער מֶענְטְשׁ גְרֵייט זִיךְ אָן אַ זֶעקֶל מִיט סְפָרִים, דֶעמָאלְט קֶען עֶר אַסַאךְ אָנְקוּמֶען פוּן דִי אַלֶע זַייטִיגֶע צַייטְן.

עֶס אִיז גוּט אֵייבִּיג צוּ טְרָאגְן מִיט זִיךְ אַ זֶעקֶל סְפָרִים - אַ חוּמָשׁ; אַ מִשְׁנָיוֹת; אַ תְּהִלִּים; אַ גְמָרָא; און וֶוען מֶען הָאט אַפָּאר אִיבְּרִיגֶע מִינוּט, כַאפְּט מֶען אַרַיין אַבִּיסְל תּוֹרָה וּתְפִלָּה, און וויסְן זָאלְסְטוּ אַז דִי אַלֶע קַאפִּיטְלֶעךְ וָואס מֶען זָאגְט, וֶועט דִיר שְׁפֶּעטֶער צוּנִיץ קוּמֶען.

רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג זָאגְן דֶעם יוֹם תְּהִלִּים, אַזוֹי פְלֶעגְט עֶר עֶנְדִיגְן דֶעם גַאנְצְן תְּהִלִּים יֶעדֶע וָואךְ. און דְרֵיי מָאל אַ יָאר - שׁוֹבָבִי"ם, סְפִירָה, און אֱלוּל וַעֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה - פְלֶעגְט עֶר זָאגְן צְוֵויי מָאל אַ טָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים, כְּדֵי עֶר זָאל עֶנְדִיגְן צְוֵויי מָאל אַ וָואךְ דֶעם 'סֵפֶר תְּהִלִּים'. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען בִּזְכוּת דִי פָּשׁוּט'עֶ אִידְן וָואס זָאגְן אַסַאךְ תְּהִלִּים, און דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בְּרֶענְגְט דָאס אַרָאפּ אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ וַיּוֹאֶל מֹשֶׁה (מַאֲמַר יִשּׁוּב אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, סִימָן קג) אַז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען בִּזְכוּת דִי אַלֶע עֶרְלִיכֶע פָּשׁוּט'עֶ אִידְן וָואס זָאגְן תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג.

זָאג יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים; וֶוער עֶס זָאגְט יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים אִיז זוֹכֶה אַז דָוִד הַמֶּלֶךְ אַלֵיין אִיז מֵלִיץ יוֹשֶׁר בַּיים כִּסֵּא הַכָּבוֹד פַאר אִים, און מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ זֶען נִסִּים וְנִפְלָאוֹת.

זֶע מֶען זָאל מַקְפִּיד זַיין בַּיי דִיר אִין שְׁטוּב זִיךְ צוּ וַואשְׁן אִינְדֶערְפְרִי גְלַייךְ וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף - נֶעגְל וַואסֶער; דָאס פַארְטְרַייבְּט דִי קְלִיפּוֹת פוּן שְׁטוּב.

אוֹיךְ זָאל דַיין וַוייבּ זָאגְן יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים, וּבְעִקָּר זָאל זִי זָאגְן שַׁבָּת תְּהִלִּים; זָאגְן תְּהִלִּים נֶעמְט אַוֶועק אַלֶע בֵּייזֶע רוּחוֹת. אַזוֹי ווִי מִיר גֶעפִינֶען, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם

לִבְרָכָה זָאגְן (מִדְרָשׁ שׁוֹחֵר טוֹב א, ח) דָּוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוער עֶס זָאגְט תְּהִלִּים זָאל דָאס זַיין חָשׁוּב אַזוֹי וִוי מֶען לֶערְנְט מַסֶּכֶת נְגָעִים אוּן מַסֶּכֶת אָהֳלוֹת; וָואס עֶפֶּעס דִי צְוֵויי מַסֶּכְתּוֹת? ווייל וֶוען מֶען זָאגְט תְּהִלִּים נֶעמְט מֶען אַרָאפּ פוּן זִיךְ אַלֶע קְרֶעץ, אוּן אַלֶע טֻמְאוֹת, אַלֶע רוּחוֹת - גֵייעֶן אַוֶועק.

זֶעט צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תְּהִלִּים; אַז אִיר קֶענְט זָאגְן דֶעם יוֹם תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג אִיז נָאךְ בֶּעסֶער, אָבֶּער אַז אִיר קֶענְט נָאר זָאגְן אַבִּיסְל - זָאגְט וִויפִיל אִיר קֶענְט.

אַלֶע יְשׁוּעוֹת לִיגְן אִין תְּהִלִּים; אֵייעֶר שִׁידוּךְ וֶועט קוּמֶען בִּזְכוּת דִי קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים. דֶער וָואס זָאגְט תְּהִלִּים וֶוערְט זַיין אֱמוּנָה גֶעשְׁטַארְקְט. עֶס לִיגְט אַ גְרוֹיסֶע קְדוּשָּׁה אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן תְּהִלִּים אוּן וֶוען מֶען זָאגְט תְּהִלִּים אִיז אַזוֹי וִוי דָּוִד הַמֶּלֶךְ אַלֵיינְס הָאט דָאס גֶעזָאגְט.

## יָארְצַייט בַּעַל שֵׁם טוֹב

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר דוּרְךְ זִיךְ טוֹבֵל'ן אַסַאךְ אִין מִקְוֶה.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ אַלֶע זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת ווייל עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר נִזְהָר צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה יֶעדְן טָאג.

וָואלְסְטוּ גֶעוִויסְט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן מִקְוֶה אוּן פוּן מַקְפִּיד זַיין אוֹיף טְבִילַת עֶזְרָא - וָואלְסְטוּ גֶעטוּן אַלֶעס אִין דֶער וֶועלְט צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה.

אֲפִילוּ עַל פִּי הֲלָכָה אִיז בָּטֵל גֶעוָוארְן טְבִילַת עֶזְרָא, אָבֶּער דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן זַיינֶע הֵיילִיגֶע תַּלְמִידִים - הָאבְּן

דָאס צוּרִיק מְחַזֵק גֶעוֶוען אוּן בַּאפֶעסְטִיגְט. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק דֶער מָאוֹר וָשֶׁמֶשׁ בְּרֶענְגְט (פָּרָשַׁת אֱמוֹר, דִבּוּר הַמַּתְחִיל וְנִרְאֶה) וְזֶה לְשׁוֹנוֹ: "וְהָיָה הָעוֹלָם שָׁמֵם", דִי וֶועלְט אִיז גֶעוֶוען וְוִיסְט, "עַד שֶׁבָּאוּ שְׁנֵי הַמְּאוֹרוֹת הַגְּדוֹלִים לְעוֹלָם", בִּיז דִי צְוֵויי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים זֶענֶען גֶעקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט, "הַבַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ [זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ], וְאַדְמוֹ"ר הָרַב רַבֵּינוּ אֱלִימֶלֶךְ נִשְׁמָתוֹ בְּגִנְזֵי מְרוֹמִים, וְהֵם פִּתְחוּ שַׁעַר לַשֵׁם, צַדִיקִים יָבוֹאוּ בוֹ", אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעעֶפֶנְט דִי טִירְן אָנְצוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "שֶׁלֹּא יְהַרְהֵר אָדָם שׁוּם הִרְהוּר תּוֹרָה", אַז מֶען זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען קַיין תּוֹרָה, "עַד שֶׁיִּטְבֹּל עַצְמוֹ לְקִרְיוֹ", נָאר נָאכְן גֵיין אִין מִקְוֶה, "שֶׁחַכְמֵי הַגְּמָרָא לֹא בִּטְּלוּהוּ אֶלָּא מִפְּנֵי שֶׁאֵין רוֹב הַצִּבּוּר יְכוֹלִין לַעֲמוֹד בָּהּ", דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים הָאבְּן מְבַטֵל גֶעוֶוען דִי זַאךְ, וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אַז עֶס אִיז שְׁוֶוער פַאר רוֹב מֶענְטְשְׁן, "אֲבָל אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרוֹצִים לְהַשִּׂיג גּוּפֵי הַתּוֹרָה וּמִצְוֹת, צְרִיכִין לִהְיוֹת נִזְהָר מְאֹד בִּטְבִילָה זוּ" וְכוּ', אָבֶּער וֶוער עֶס ווִיל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַ צַדִיק - זָאל זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה.

עֶר זָאגְט וַוייטֶער: "הַכְּלָל הָעוֹלֶה מִזֶּה, מִי שֶׁהוּא לוֹמֵד פַּשְׁטוּת הַתּוֹרָה בִּלְתִּי טָהוֹר, אֲזַי אֵינוֹ יָכוֹל לְהַשִּׂיג בְּשׁוּם אוֹפֶן מַה הִיא יִרְאָה", אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה אָן מִקְוֶה - קֶען מֶען נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וּמִי שֶׁהוּא לוֹמֵד סִפְרֵי קַבָּלָה וְאֵינוֹ זָהִיר בִּטְבִילָה זוּ", אוּן אַז מֶען לֶערְנְט קַבָּלָה אָן גֵיין אִין מִקְוֶה - "יוּכַל לָבוֹא חָלִילָה לִידֵי אַפִּיקוֹרְסוּת וְהוּא מְטַמֵּא נַפְשׁוֹת יִשְׂרָאֵל הַנִּגְרָרִים אַחֲרֵיהֶם", קֶען מֶען חַס וְחָלִילָה וֶוערְן אַן אַפִּיקוֹרֶס, עַיֵין שָׁם.

דִי זַאךְ פוּן טְרָאגְן אַ שְׁטְרַיימְל הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מְתַקֵן גֶעוֶוען וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען וָואס דִי פָּרִיצִים טוּעֶן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זֵיי פְלֶעגְן נֶעמֶען אַ אִיד אוּן חוֹזֶק מַאכְן פוּן אִים, אִים אָנְטוּן אַ הוֹיט פוּן אַ חַיָ' אוּן גֶעהֵייסְן טַאנְצְן, דִי פָּרִיצִים זֶענֶען גֶעזִיצְן אִין קְרֶעטְשְׁמֶע גֶע'שִׁיכּוֹר'ט אוּן גֶעהוּלְיֶעט, אוּן דֶער צֶעבְּרָאכֶענֶער גָלוּת אִיד הָאט גֶעדַארְפְט טַאנְצְן וֶוען אַלֶע לַאכְן פוּן אִים; הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעמַאכְט פוּן דֶעם אַ שֵׁיינֶעם לְבוּשׁ פַאר שַׁבָּת קוֹדֶשׁ.

גֵיי שַׁבָּת מִיטְן שְׁטְרַיימְל אִין שׁוּל, אֲפִילוּ עֶס וֶוערְט אוֹיסְגֶענוּצְט; יֶעדֶע בֶּגֶד וָואס מֶען טוּט אָן וֶוערְט אוֹיסְגֶענוּצְט, פַאר דֶעם צְוֶועק קוֹיפְט מֶען דָאס, עֶס זָאל

זִיךְ אוֹיסְנוּצְן; וָואס דַארְפְסְטוּ דֶעם שְׁטְרַיימְל אוֹיב דוּ גֵייסְט נִישְׁט מִיט דֶעם, סְתָּם צוּ הָאבְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטְרַיימְל זָאלְן לִיגְן אִין שְׁטְרַיימְל הַאלְטֶער?

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זִיךְ פְרֵייעֶן שַׁבָּת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן יז): "צָרִיךְ לִזָּהֵר מְאֹד לִהְיוֹת שָׂמֵחַ וְטוֹב לֵב בְּשַׁבָּת", שַׁבָּת דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ; זִינְג אוּן טַאנְץ מִיט דַיינֶע קִינְדֶער. וֶוען קִינְדֶער זֶעעֶן אַ פְרֵיילִיכֶע שְׁטוּב שַׁבָּת - ווילְן זֵיי בְּלַייבְן עֶרְלִיכֶע אִידְן; דָאס אִיז דֶער עִיקָר, דָאס אִיז וִוויכְטִיגֶער פוּן אַלֶעמֶען, וִויכְטִיגֶער פוּן אַ שֵׁיינֶע שְׁטְרַיימְל.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן לג): "שָׁמַעְתִּי בְּשֵׁם הַבַּעַל שֵׁם טוֹב, שֶׁאָמַר, אוֹי וַאֲבוֹי! כִּי הָעוֹלָם מָלֵא מְאוֹרוֹת וְסוֹדוֹת נִפְלָאִים וְנוֹרָאִים, וְהַיָּד הַקְּטַנָּה עוֹמֶדֶת בִּפְנֵי הָעֵינַיִם, וּמְעַכֶּבֶת מִלִּרְאוֹת אוֹרוֹת גְּדוֹלִים", אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט נָאכְזָאגְן פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "גִיוַואלְד! דִי וֶועלְט אִיז פוּל מִיט לִיכְט, פוּל מִיט וואוּנְדֶערְלִיכֶע סוֹדוֹת, אוּן דֶער קְלֵיינֶער הַאנְט פַארְשְׁטֶעלְט אַלֶעס"; מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט דָאס שְׁטֶענְדִיג חַזֶר'ן מִיט אוּנְז, וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן, מֶען הוֹיבְּט אָן לֶעבְן, מֶען הֶערְט דִי וואוּנְדֶערְלִיכֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, מֶען הָאט חִיזּוּק אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְן, מֶען הָאט כֹּחַ אַרִיבֶּערְצוּגֵיין אַלֶע שְׁוֶוערִיקַייטְן, שְׁוֶוערִיקַייטְן פוּן פַּרְנָסָה, שְׁוֶוערִיקַייטְן מִיט אַ וַוייבּ, מִיט קִינְדֶער, שְׁוֶוערִיקַייטְן פוּן וְכוּ' וְכוּ', - בִּיז עֶס קוּמְט דֶער קְלֵיינֶער הֶענְטֶעלֶע אוּן פַארְשְׁטֶעלְט אַלֶעס, מֶען טְרֶעפְט אַ לֵץ, עֶר פְרֶעגְט: "וואוּ דְרֵייסְטוּ זִיךְ?" נָאכְן עֶנְטְפֶערְן: "אִיךְ דְרֵיי זִיךְ אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ", מַאכְט דֶער לֵץ מִיט דִי הַאנְט אַזַא תְּנוּעָה פוּן בִּיטּוּל, דֶער מֶענְטְשׁ בַּאקוּמְט פוּן דֶעם חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, דֶער קְלֵיינֶער מַאךְ מִיט דִי הַאנְט פַארְשְׁטֶעלְט אַלֶעס, אוֹיף דֶעם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעשְׁרִיגְן: "גֶעוַואלְד!" אוּן אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען טַאקֶע שְׁרֵייעֶן: "גֶעוַואלְד"!

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זִיךְ וואוּנְדֶערְן, וִוי קֶען זַיין אַ מֶענְטְשׁ זָאל אָפְּלָאזְן דִי הֶערְלִיכֶע לֶעבְן וָואס עֶר הָאט גֶעפוּנֶען בַּיים רֶבִּי'ן צוּלִיבּ אַ מַאךְ מִיט דִי הַאנְט? צוּלִיבּ אַ דְרֵיי מִיט דִי נָאז, וִוי קֶען זַיין אַזַא זַאךְ?! עֶס הָאט דָאךְ נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל! דוּ גֶעדֶענְקְסְט דָאךְ וִוי אַזוֹי דוּ הָאסְט גֶעטְרַאכְט, וִוי אַזוֹי דוּ הָאסְט גֶעלֶעבְט, בֶּעסֶער גֶעזָאגְט נִישְׁט גֶעלֶעבְט; וִוי אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען דַיין גוּסְטֶע? דַיין שְׁלוֹם בַּיִת, דַיין כִּיבּוּד אָב וָאֵם, דַיין מְהַלֵּךְ מַחֲשָׁבָה, אוּן וָואס נִישְׁט... אוּן וֶוען דוּ הָאסְט

גֶעטְרָאפְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הָאט זִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ דְרֵיי אִיבֶּער אַלֶעס לְטוֹבָה, וָואס זָאלְסְטוּ אֲפִילוּ קוּקְן אוֹיף דִי קְלֵיינֶע הֶענְטֶעלֶע? וָואס זָאלְסְטוּ קוּקְן אוֹיף יֶענֶעמְ'ס נָאז ווִי אַזוֹי עֶר מַאכְט אַ פַּאקֶס?

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַ וֶועג ווִי אַזוֹי אַלֶעס זָאל גֵיין ווִי אַזוֹי מֶען ווִיל, דוּרְךְ גָארְנִישְׁט וֶועלְן. דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זָאגְט: "ווִיל ווִי עֶס גֵייט – וֶועט גֵיין ווִי דוּ ווִילְסְט", אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ב, ד): "בַּטֵּל רְצוֹנְךָ מִפְּנֵי רְצוֹנוֹ, כְּדֵי שֶׁיְּבַטֵּל רְצוֹן אֲחֵרִים מִפְּנֵי רְצוֹנֶךָ", דָאס אִיז מַמָּשׁ דִי וֶוערְטֶער 'ווִיל ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט – וֶועט אַלֶעס זַיין ווִי דוּ ווִילְסְט'; גֶעבּ זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

רֶעדְט אַסַאךְ פוּן נִישְׁט וֶוערְן צֶעמִישְׁט פוּן לָשׁוֹן הָרָע אוּן לֵיצָנוּת. מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן 'וֶוער גֶעבְּט מִיר חִיזוּק אוֹיף אֱמוּנָה? וֶוער גֶעבְּט מִיר חִיזוּק אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת? וֶוער גֶעבְּט מִיר חִיזוּק צוּ קֶענֶען שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? אוּן אַז מֶען רֶעדְט אוֹיף דֶעם צַדִּיק טָאר אִיךְ עֶס נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן'; וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט, אִין יֶעדֶע דוֹר זֶענֶען דָא צַדִּיקִים וָואס קֶענֶען גְרֵינְגֶערְהֵייט מְקָרֵב זַיין גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר דֶער סַמֶּ"ךְ מֶ"ם אוּן זַיינֶע מִיטְהֶעלְפֶער מַאכְן חוֹזֶק, מַאכְן לֵיצָנוּת אוּן רֶעדְן לָשׁוֹן הָרָע, דָאס אִיז גוֹרֵם מֶען זָאל זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן פוּן דִי צַדִּיקִים, אוּן אַזוֹי בְּלַייבְּט מֶען נֶעבֶּעךְ יֶעדֶער אֵיינֶער אִין זַיין שֶׁקֶר.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף דִיר; אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר מוֹרָא פַאר דִיר, פַאר דַיין עָתִיד; אִיךְ זֶע פַאר מַיינֶע אוֹיגְן אַז עֶס גֵייט דִיר חָרוּב וֶוערְן דַיין שְׁטוּבּ, דוּ זָאגְסְט דוּ לַיידְסְט פוּן דַיין וַוייבּ אוּן דַיין וַוייבּ זָאגְט זִי לַיידְט פוּן דִיר; אִיךְ שְׁפִּיר ווִי אָט אָט פַארְלִירְסְטוּ אַלֶעס.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, אִיךְ הָאבּ מְקַבֵּל גֶעוֶועְן פוּן מוֹהֲרָא"ש אַז שָׁלוֹם בַּיִת

איז תָּלוּי אִינֶעם מַאן; דער מַאן דארף זיין דֶער מְוַתֵּר, דער מַאן דארף זיין דער וָואס איז מוֹחֵל, דער וָואס רֶעדְט שַׁיין, דֶער וָואס שְׁלִינְגְט.

מִיר הָאבְּן אַ קַבָּלָה פוּן מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וֶוען עֶס גֵייט שְׁוֶוער פַּארְן מֶענְטְשׁ, מֶען לַיידְט פוּן דִי וַוייבּ - דָאס קוּמְט ווייל מֶען רֶעדְט נִישְׁט שַׁיין. מוֹהֲרָא"ש זָאגְט בְּשֵׁם דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: "כְּשֶׁאָדָם פּוֹגֵם בְּמֹחַ מַחֲשַׁבְתּוֹ, אֲזַי הוּא סוֹבֵל מִילָדָיו", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט מִיט שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת - וֶועט עֶר לַיידְן פוּן זַיינֶע קִינְדֶער, "וּכְשֶׁאָדָם פּוֹגֵם בְּדִבּוּרוֹ, הוּא סוֹבֵל מֵאִשְׁתּוֹ", אוּן וֶוער עֶס אִיז פּוֹגֵם מִיטְ'ן דִיבּוּר - דֶער לַיידְט פוּן דִי וַוייבּ, "וּכְשֶׁאָדָם פּוֹגֵם בְּמַעֲשָׂיו, סוֹבֵל מֵאֲנָשִׁים שֶׁמְּצַעֲרִים אוֹתוֹ", אוּן וֶוער עֶס אִיז פּוֹגֵם מִיט שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים - דֶער לַיידְט פוּן מֶענְטְשְׁן; זָאגְט מוֹהֲרָא"ש, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זָאגְט "נֶגֶד הַפֶּה הוּא הָאִשָּׁה", אַז מֶען פַארְזִינְדִיגְט זִיךְ מִיטְן מוֹיל לַיידְט מֶען פוּן דִי וַוייבּ; אַז מֶען זָאגְט אַ שְׁלֶעכְט וָוארְט פַאר דִי וַוייבּ - וֶוערְט זִי בַּאלֵיידִיגְט אוּן מֶען לַיידְט.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, בַּארֶעכְן זִיךְ, לָאז נִישְׁט דַיין לֶעבְּן חָרוּב גֵיין; עֶס אִיז נִישְׁט עֶק וֶועלְט אַז דַיין וַוייבּ הָאט דִיר גֶעזָאגְט, זִי הָאט דִיר גֶעטְשֶׁעפֶּעט, זִי הָאט דִיר דֶערְמַאנְט עֶפֶּעס אַן אַלְטֶע מַעֲשֶׂה; מַאךְ נִישְׁט קַיין גַאנְצֶע טְרַאסְק פוּן דֶעם, זַיי אִיר מוֹחֵל אוּן גֵיי וַוייטֶער מִיט דַיין לֶעבְּן.

אִיךְ וַוארְט אוּן הָאף אַז דוּ וֶועסְט אָנְנֶעמֶען מַיינֶע וֶוערְטֶער פוּן מַיין צֶעבְּרָאכֶענֶע הַארְץ; גְלֵייבּ מִיר, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ; דַיין וַוייבּ וֵויינְט אַז זִי גֵייט צוּגְרִינְד, עֶס פֶּעלְט שְׁטִיקֶער פוּן אִיר; אִיךְ קֶען דָאס נִישְׁט צוּזֶען, אִיךְ וִויל נָאר דִיר זָאל גוּט גֵיין.

וָואס דַארְף מֶען מֶער פוּן אַ טוֹבָה טוּן פַאר אַ אִיד, מְחַזֵּק זַיין אַ צְוֵוייטֶער אִיד. דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא הָאט נָאכְגֶעזָאגְט פוּן זַיין רֶבִּי'ן דֶער הֵיילִיגֶער מַגִּיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס הָאט גֶעהֶערְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ דֶעם דִּבּוּר: "אַ נְשָׁמָה קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן לֶעבְּט דָא אָפְּ זִיבֶּעצִיג אַכְצִיג יָאר - נָאר כְּדֵי אַ טוֹבָה טוּן פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד"; הֶער וֶוערְטֶער, וָואס הֵייסְט אַ טוֹבָה טוּן פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד: "עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ לֶעבְּן זִיבֶּעצִיג יָאר אַבִּי אַ טוֹבָה צוּ טוּן פַאר אַ צְוֵוייטְן"; וָואס הֵייסְט אַ טוֹבָה טוּן אַ אִיד? נָאר אַז מֶען אִיז יֶענֶעם מְזַכֶּה מִיט תּוֹרָה, תְּפִלָּה, מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים.

**אַ מְלַמֵד זָאל דֶערְצֵיילְן פַאר דִי קִינְדֶער מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִיקִים**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ב שְׁבָט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן**

**מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

ווָאוּיל אִיז דִיר אַז דוּ בִּיסְט אַ מְלַמֵד פַאר קִינְדֶער, דוּ לֵייגְסְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער תּוֹרָה, יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן מִידוֹת טוֹבוֹת, ווָאוּיל אִיז דִיר אַז דַיין פְּלָאג אוּן מִיה אִיז אִין זַאכְן ווָאס זֶענֶען נִצְחִיּוּת, דוּ בּוֹיסְט אוֹיף סָאלְדַאטְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זֶע צוּ דֶערְצֵיילְן פַאר דִי קִינְדֶער מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִיקִים, דֶערְצֵייל זֵיי דִי מַעֲשֶׂה ווָאס הָאט אוֹיפְגֶעפְלַאמְט דֶעם רֶבִּינ'ס הַארְץ ווֶען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אַ קְלֵיין קִינְד. עֶס אִיז דָא אַפָּאר גִירְסָאוֹת אִין דִי מַעֲשֶׂה, דֶערְצֵייל זֵיי אַזוֹי ווִי מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט עֶס אִין סֵפֶר פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק (עַיֵין סִימָן כו).

דִי מַעֲשֶׂה גֵייט אַזוֹי, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט פַארְצֵיילְט ווִי אַזוֹי עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אָנְצוּהוֹיבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דוּרְךְ דֶעם ווָאס עֶר הָאט גֶעהֶערְט מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִיקִים, ווַייל דֶעם רֶבִּינ'ס מַאמֶע פֵיגָא הָאט גֶע'יַרְשְׁ'נְט דִי הוֹיז פוּן אִיר מַאמֶע - דִי צַדֶיקֶת אָדֶל - דֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב'ס טָאכְטֶער, ווָאס זִי הָאט גֶע'יַרְשְׁ'נְט דָאס הוֹיז פוּן אִיר טַאטֶע דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

אִין דֶעם הוֹיז אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן. ווֶען דִי תַּלְמִידִים פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב פְלֶעגְן קוּמֶען קַיין מֶעזִיבּוּז צוּם צִיוּן פוּן זֵייעֶר רֶבִּי - דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, פְלֶעגְן זֵיי אַרַיינְגֵיין אִין שְׁטוּבּ פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב אוּן זִיךְ דֶערְמַאנֶען דִי צַייטְן ווָאס זֵיי פְלֶעגְן זַיין בַּיים בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, זֵיי פְלֶעגְן שְׁמוּעֶסְן צְווִישְׁן זִיךְ פוּן זֵייעֶר גְרוֹיסֶער רֶבִּי. דֶער רֶבִּי זַייעֶנְדִיג נָאךְ אַ קְלֵיין אִינְגְל פְלֶעגְט אוֹיסְהֶערְן דִי שְׁמוּעֶסְן פוּן דִי קְדוֹשֵׁי עֶלְיוֹן, דִי צַדִיקִים תַּלְמִידֵי הַבַּעַל שֵׁם טוֹב, זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ.

אַמָאל הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה ווִי אַזוֹי דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, אַז זַיין מַאמֶע שָׂרָה אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַלְט בְּשַׁעַת זִי הָאט גֶעבּוֹירְן דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב אוּן זִי אִיז גְלַייךְ נָאכְדֶעם נִפְטָר גֶעוָוארְן, שְׁפֶּעטֶער ווֶען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז אַלְט גֶעוֶוען פִינְף יָאר הָאט אִים זַיין טַאטֶע גֶערוּפְן צוּ זִיךְ אוּן אִים גֶעזָאגְט בְּזֶה הַלָּשׁוֹן: "יִשְׂרָאלִיק! אִיךְ גֵיי יֶעצְט אַוֶועק פוּן דֶער ווֶעלְט - כְּדֶרֶךְ כָּל הָאָרֶץ, גֶעדֶענְק דוּ בִּיסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אַלֵיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר,

בַּיי דִיר אוּן נֶעבְּן דִיר, זָאלְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם", אוּן מִיט דִי וֶוערְטֶער אִיז עֶר נִפְטָר גֶעוָוארְן.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז אוֹיסְגֶעוַואקְסְן אֵיינֶער אַלֵיין אִין אַ גְרוֹיסֶע וֶועלְט, אָבֶּער עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקְט זַיין טַאטְנְ'ס לֶעצְטֶע וֶוערְטֶער: "גֶעדֶענְק דוּ בִּיסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אַלֵיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, בַּיי דִיר אוּן נֶעבְּן דִיר, זָאלְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם", מִיט דִי וֶוערְטֶער הָאט עֶר גֶעלֶעבְּט אוּן דָאס אוֹיסְגֶעפִירְט לְמַעֲשֶׂה, וָואס עֶר הָאט נָאר גֶעדַארְפְט הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בִּיז אֵיינְמָאל שְׁפַּאצִירְט עֶר אִין וַואלְד בִּשְׁעַת עֶר זִינְגְט זִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִינְמִיטְן זֶעט עֶר וִוי עֶס קוּמְט צוּ גֵיין אַ מֶענְטְשׁ אוּן פְרֶעגְט אִים: "וָואס טוּסְטוּ דָא אַלֵיין אִין וַואלְד?" רוּפְט עֶר זִיךְ אָן צוּ אִים: "אִיךְ בִּין נִישְׁט אַלֵיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא מִיט מִיר", רוּפְט זִיךְ אָן דֶער מֶענְטְשׁ: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אוֹיבְן אִין הִימְל, עֶר אִיז זֵייעֶר הוֹיךְ, עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט דִי וֶועלְט", אוּן עֶר לֵייגְט צוּ אַז עֶס אִיז אַ בְּפֵירוּשׁ'עֶ פָּסוּק (יְחֶזְקֵאל ח, יב): "עָזַב ה' אֶת הָאָרֶץ", (וָואס בֶּאֱמֶת שְׁטֵייט דָארְט מֶען זָאל נִישְׁט זָאגְן אַזוֹי וִוי דִי וָואס זָאגְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט נִישְׁט וָואס מֶען טוּט אִין דִי פִינְסְטֶערְנִישׁ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז פַארְלָאזְט).

דֶער מֶענְטְשׁ הָאט וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ גֶעוֶועזְן צוּ רֶעדְן צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב קֶעגְן דִי אֱמוּנָה, הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעכַאפְּט אַ צְוַויג פוּן דֶער עֶרְד אוּן אִים אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ שְׁלָאגְן, אוּן בִּשְׁעַת עֶר הָאט גֶעשְׁלָאגְן דֶעם אַלְטְן נַאר הָאט עֶר גֶעשְׂרִיגְן דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים צב, י): "יִתְפָּרְדוּ כָּל פֹּעֲלֵי אָוֶן", פְּלוּצְלוּנְג זֶעט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב וִוי עֶר אִיז נִישְׁטָא, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז פָּשׁוּט גֶעוֶועזְן אַן אוֹיג פַארְבְּלֶענְדֶענִישׁ פוּנֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם; פוּן דֶעמָאלְט אִיז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעוָוארְן נָאךְ שְׁטֶערְקֶער אִין דִי אֱמוּנָה, עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם וִויל אִים אַיינְרֶעדְן קֶעגְן דִי אֱמוּנָה הָאט עֶר זִיךְ נָאךְ אַסַאךְ מֶער גֶעשְׁטַארְקְט.

דִי מַעֲשֶׂה הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעהֶערְט וֶוען עֶר אִיז נָאךְ גֶעוֶועזְן אַ קְלֵיין קִינְד. וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה אִיז אַרַיין אִין אִים אַ מוֹרָא'דִיגֶע חֵשֶׁק צוּ וֶוערְן אַ צַדִיק, עֶר הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ טְרַאכְטְן: 'גֶעוַואלְד! אִיךְ וִויל אוֹיךְ זַיין אַ צַדִיק! אֶפְשָׁר אַז אִיךְ וֶועל דָאס נָאכְטוּן, אִיךְ וֶועל אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועל אִיךְ אוֹיךְ וֶוערְן אַ צַדִיק?' דֶער רֶבִּי אִיז גְלַייךְ אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ

און געגאנגען צום ציון פון בעל שם טוב און געוויינט צום אייבערשטן: "רבונו של עולם, איך וויל אויך זיין א צדיק, איך וויל אויך זיין אן ערליכער איד וכו' וכו'". ביז דער רבי האט זוכה געווען צו וואס ער האט זוכה געווען.

דערציילט זיי די מעשה א גאנץ יאר, נאכאמאל און נאכאמאל, קינדער דארפן נישט קיין נייע מעשיות, קינדער האבן מער ליב מעשיות וואס זיי האבן שוין געהערט. דערציילט זיי עס מיט תמימות, עס זאל אריינגיין אין זייער הארץ, ווייז זיי ווי אזוי מען רעדט צום אייבערשטן, אויף אן אופן פון קענען נאכמאכן, עס זאל ווערן איינגעקריצט אין זייער הארץ די אמונה אינעם אייבערשטן.

איך האב דיך ליב, איך האב נאך אסאך צו שרייבן אבער איך בין זייער פארנומען איך מוז ענדיגן.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

באהאלט זיך אונטער די שאטן פונעם אייבערשטן, די בעסטע פלאץ זיך צו באהאלטן איז ביים אייבערשטן. דוד המלך בעט דעם אייבערשטן (תהלים יז, ח): "בצל כנפיך, תסתירני", ער איז דואיג, ער זאגט צו זיך "ובצל כנפיך אחסה", איך וועל זיך באהאלטן אין די שאטן פונעם אייבערשטן, "עד יעבר הוות", ביז די צרות וועלן אריבערגיין, אויך זאגט דוד המלך: "ובצל כנפיך ארנן", אונטער די שאטן פונעם אייבערשטן זינג איך און איך לויב אים, עס איז דאך אזוי גוט ווען מען אנטלויפט צום אייבערשטן, מען רעדט צו אים, מען דערציילט אים אלעס, מען דערציילט אלע ווייטאג, "ובצל כנפיך ארנן", און אויך זינגט מען צו אים.

"וועלטעלע וועלטעלע" - האט דער הייליגער בעל שם טוב געזאגט - "דו ביסט נישט ווערט א קרעכץ"; די לעבן גייט אריבער און די גוטע זאכן וואס מען כאפט ארויס - דאס בלייבט, די תורה, תפלה און גמילת חסדים - הפצה - געבן צו טועם זיין דעם רבינ'ס גוטע מאכלים פאר אנדערע - נאר דאס בלייבט.

זאג ארויס אלעס וואס דו האסט פוגם געווען במחשבה, דיבור ומעשה, אפילו עס קומט אריין נאכאמאל די מחשבות פון עבירות וכו' וכו'; ווייל דער רבי

זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ה), וָוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט - גֵייט אַרַיין דִי עֲבֵירָה אִין זַיינֶע בֵּיינֶער, אוּן נָאר דוּרְךְ אַרוֹיסְזָאגְן דִי עֲבֵירוֹת לִפְנֵי תַּלְמִיד חָכָם, פַאֲרְן צַדִּיק - גֵייעֶן אַרוֹיס דִי עֲבֵירוֹת אוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע צֵרוּף וָואס אִיז אַיינְגֶעקְרִיצְט אִינֶעם מֶענְטְשׁ, נָאר אַזוֹי קֶען מֶען צוּרִיק בְּרֶענְגֶען דִי מַלְכוּת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן שְׁפִּירְן טַעַם עוֹלָם הַבָּא.

דֶער רַבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן נח), עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד, וָואס פְּלֶעגְט גֵיין צוּם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ דֶער אִיד אִיז לֹא עָלֵינוּ קְרַאנְק גֶעוָוארְן, דֶער אִיד הָאט גֶעשִׁיקְט אַ שָׁלִיחַ צוּם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב בֶּעטְן עֶר זָאל קוּמֶען צוּ אִים, וְכֵן הֲוָה, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז גֶעפָארְן מְבַקֵּר חוֹלֶה זַיין, אוֹיפְן וֶועג הָאט דֶער שָׁלִיחַ גֶעפְרֶעגְט דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב: "אִיךְ הָאבּ דָאךְ גֶעהֶערְט פוּן אַייךְ אַז אוֹיבּ מֶען טוּט אֱמֶת'דִיג תְּשׁוּבָה וֶועט מֶען זִיכֶער נִישְׁט שְׁטַארְבְּן פַאר דִי צַייט, אוֹיבּ אַזוֹי וִוי קֶען זַיין אַז דֶער חוֹלֶה צוּ וֶועם מִיר פָארְן יֶעצְט עֶר הָאט דָאךְ תְּשׁוּבָה גֶעטוּן אוּן עֶר אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וִוי קֶען זַיין עֶר זָאל שְׁטַארְבְּן פַאר דִי צַייט?" הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעעֶנְטְפֶערְט: "עֶס אִיז טַאקֶע וָואר דָאס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט, אַז אוֹיבּ מֶען טוּט אֱמֶת'דִיג תְּשׁוּבָה וֶועט מֶען נִישְׁט שְׁטַארְבְּן פַאר דִי צַייט אוּן עֶס אִיז אוֹיךְ וָואר אַז דֶער אִיד הָאט אֱמֶת'דִיג תְּשׁוּבָה גֶעטוּן אוֹיף זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אָבֶּער עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט מִתְוַדֶּה גֶעוֶוען פַארְן אֱמֶת'עֶן צַדִּיק, דֶערִיבֶּער קֶען עֶר נִישְׁט וֶוערְן אוֹיסְגֶעהֵיילְט, אוּן דֶערְפַאר פָאר אִיךְ צוּ אִים כְּדֵי עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען מִתְוַדֶּה זַיין פַאר מִיר, אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין פַאר מִיר וֶועט עֶר גְלַייךְ אוֹיסְגֶעהֵיילְט וֶוערְן, אוּן אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ נִישְׁט וֶועלְן מִתְוַדֶּה זַיין - וֶועט עֶר וֶוערְן נָאךְ מֶער קְרַאנְק אוּן עֶר וֶועט אָנְהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן 'גֶעוַואלְד, וֵויי וֵויי' - פוּן גְרוֹיס וֵוייטָאג, בִּיז עֶר וֶועט שְׁטַארְבְּן, אוֹיבְן אִין הִימְל רֶעכְנְט מֶען אִים נִישְׁט דִי עֲבֵירוֹת וַוייל עֶר הָאט שׁוֹין תְּשׁוּבָה גֶעטוּן, אוּן אוֹיךְ נָאכְן שְׁטַארְבְּן וֶועלְן דִי קְלִיפּוֹת אוּן דִי חִיצוֹנִים נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם כֹּחַ אוֹיף אִים וַוייל עֶר הָאט שׁוֹין תְּשׁוּבָה גֶעטוּן אָבֶּער וִוי לַאנְג עֶר לֶעבְּט נָאךְ וֶועלְן דִי חִיצוֹנִים זִיךְ נוֹקֵם זַיין אִין אִים".

וְכֵן הֲוָה, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז גֶעקוּמֶען אוּן אִים גֶעזָאגְט בָּזֶה הַלָּשׁוֹן: "זָאג מִיר דַיינֶע עֲבֵירוֹת וָואס דוּ וֵוייסְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט אוּן אוֹיךְ אִיךְ וֵוייס", דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט דָאס אִיבֶּערְגֶעזָאגְט דְרֵיי מָאל, אָבֶּער דֶער אִיד הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט, עֶר הָאט זִיךְ גֶעשֶׁעמְט, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן: "אוֹי וֵויי, אוֹי

וַויי" – אוֹיף זַיינֶע וֵוייטָאג וַוייל זַיינֶע גְלִידֶער הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן זִיךְ צֶעבְּרֶעכְן בִּיז עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן.

דַארְפְסְט נִישְׁט וַוארְטְן בִּיז דוּ קוּמְסְט קַיין אוּמַאן צוּ מְקַיֵים זַיין וִידוּי דְבָרִים לִפְנֵי תַּלְמִיד חָכָם, קֶענְסְט שׁוֹין יֶעצְט – וֶוען דוּ בַּאקוּמְסְט דֵי בְּרִיוּו – זִיךְ פַארְמַאכְן דִי אוֹיגְן אוּן זִיךְ גוּט אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בְּמַחְשָׁבָה – אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, וּבְדִבּוּר – אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע רֵייד, וּבְמַעֲשֶׂה – אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים.

פַארְמַאךְ דַיינֶע אוֹיגְן אוּן זָאג: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ ווִיל דִיר דֶערְצֵיילְן מַיינֶע מַעֲשִׂים, אִיךְ שֶׁעם זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק ווִי אִיךְ בִּין אַזוֹי גֶעפַאלְן, אִיךְ הַאלְט נִישְׁט אוֹיס דִי בּוּשָׁה, אִיךְ קֶען עֶס נִישְׁט דֶערְהֵייבְּן, וָואס אִיז גֶעשֶׁען מִיט מִיר? אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען אַ רֵיינֶע הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה אוּן דָאס אַזוֹי פַארְשְׁמִירְט מִיט מַיינֶע פְּגָמִים, אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן ... אוּן גֶעטְרַאכְט ... אוּן גֶערֶעדְט ...; הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ מַאךְ יֶעצְט וִידוּי דְבָרִים פַאר דִיר, בֶּעט אִיךְ דִיר, נֶעם אַרוֹיס מַיינֶע עֲבֵירוֹת פוּן מַיינֶע בֵּיינֶער אוּן מֹחַ מַחֲשָׁבָה, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ אֶמֶת'עֶ תְּשׁוּבָה, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְרֶעכְטְן וָואס אִיךְ הָאבּ פּוֹגֵם גֶעוֶוען".

דָאס אִיז דֶער עִיקָר וָואס מֶען אִיז מְקַבֵּל בַּיים צַדִּיק, עֲנָוָה וְשִׁפְלוּת (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עב); מֶען הוֹיבְּט אָן שְׁפִּירְן 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר', מֶען הוֹיבְּט זִיךְ אָן שֶׁעמֶען פַאר אִים. דָאס אַלֶעס בַּאקוּמְט מֶען בַּיים צַדִּיק, אַזוֹי ווִי מֶען דֶערְצֵיילְט אַז אַמָאל הָאבְּן זִיךְ דִי תַּלְמִידִים פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ צַאמְגֶעזֶעצְט, זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁמוּעֶסְט פוּן דִי מוֹפְתִים פוּן זֵייעֶר רֶבִּי, בַּיינַאכְט אִיז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעקוּמֶען אִין חָלוֹם צוּ אֵיינֶע פוּן דִי תַּלְמִידִים אוּן גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס רֶעדְט אִיר פוּן מַיינֶע מוֹפְתִים? פַארְוָואס רֶעדְט אִיר נִישְׁט פוּן דִי יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן פוּן דִי עֲנָוָה וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיי אוּנְז?!" וַוייל דָאס אִיז דֶער עִיקָר פוּן קוּמֶען צוּם צַדִּיק; עֶס פַאלְט אַ שִׁפְלוּת, מֶען הוֹיבְּט זִיךְ אָן שֶׁעמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען בַּאקוּמְט אַ שְׁטַארְקֶע דְבֵיקוּת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַיךְ פְּרֵיי זִיךְ זַייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ לֶעבְּסְט אַ נַייעֶ לֶעבְּן זַייט דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַזֵּק מִיטְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער; הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן גֵּיין אִין מִקְוֶה, הָאסְט זִיךְ גֶענוּמֶען לֶערְנֶען, דַיין צוּגַאנְג אִין שְׁטוּבּ צוּ דַיין וַוייבּ, בַּיי דִי אַרְבֶּעט אוּן אַלֶעס – אִיז מִיט דֶּרֶךְ אֶרֶץ וְכוּ' וְכוּ'; עֶס אִיז מַמָּשׁ אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנח): "מִיט יֶעדֶע שִׂיחָה וָואס אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט עֶנְק קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, נִישְׁט סְתַּם אַן עֶרְלִיכֶער אִיד נָאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אַזוֹי וִוי אִיךְ מֵיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד".

אַז מֶען לֶעבְּט מִיט אַ צַדִּיק אִיז דָאס לֶעבְּן גָאר אַנְדֶערְשׁ, מֶען לֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען נֶעמְט עֲבוֹדַת הַשֵּׁם מִיט שִׂמְחָה. חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים זָאגְן (בְּרָכוֹת לג:) אוֹיפְן פָּסוּק (דְּבָרִים י, יב): "וְעַתָּה יִשְׂרָאֵל מָה ה' אֱלֹקֶיךָ שֹׁאֵל מֵעִמָּךְ, כִּי אִם לְיִרְאָה אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ, לָלֶכֶת בְּכָל דְּרָכָיו וּלְאַהֲבָה אֹתוֹ, וְלַעֲבֹד אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ בְּכָל לְבָבְךָ וּבְכָל נַפְשֶׁךָ", – מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זָאגְט פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל: "וָואס בֶּעט שׁוֹין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פוּן אַייךְ, נָאר צוּ הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם", פְּרֶעגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים: "אִיז דֶען יִרְאַת שָׁמַיִם עֶפֶּעס אַ קְלֵיינִיקֵייט, אַז דוּ זָאגְסְט: 'וָואס בֶּעט שׁוֹין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, נָאר צוּ הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם?!'" עֶנְטְפֶערְט דִי גְּמָרָא: "אִין, לְגַבֵּי מֹשֶׁה מִילְּתָא זוּטַרְתָּא הִיא", פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז יִרְאַת שָׁמַיִם אַ קְלֵיינִיקֵייט; פְּרֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (עַיֵּין דֶּגֶל מַחֲנֶה אֶפְרַיִם פָּרָשַׁת תְּצַוֶּה, בִּתְחִלַּת הַפָּרָשָׁה), מֹשֶׁה רַבֵּינוּ רֶעדְט דָאךְ צוּ אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אִיז דָאךְ וַוייטֶער שְׁוֶוער, אִיז דֶען יִרְאַת שָׁמַיִם אַ קְלֵיינִיקֵייט? עֶנְטְפֶערְט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: "לְגַבֵּי מֹשֶׁה", אַז מֶען גֵייט צוּ אַ צַדִּיק, מֶען אִיז דָבוּק אִין מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, "מִילְּתָא זוּטַרְתָּא הִיא", דֶעמָאלְט אִיז יִרְאַת שָׁמַיִם אַ קְלֵיינִיקֵייט, וַוייל דֶער צַדִּיק בְּרֶענְגְט צוּ זַיינֶע מֶענְטְשְׁן צוּ זַיין מַדְרֵגָה אוֹיף אַ גְרִינְגֶע וֶועג, וֶוען מֶען אִיז מְקוֹרָב צוּם צַדִּיק הֶערְט זִיךְ דִי מִצְווֹת אַנְדֶערְשׁ וִוי וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט קֵיין צַדִּיק.

יֶעצְט דַארְפְסְטוּ הָאבְּן הַכָּרַת הַטּוֹב פַארְן רֶבִּי'ן; אַז דוּ הָאסְט בַּאקוּמֶען לֶעבְּן דַארְפְסְטוּ דָאס פַארְגִינֶען אוֹיךְ פַאר אַנְדֶערֶע, פַארְשְׁפְּרֵייט דִי עֵצוֹת פַאר נָאךְ מֶענְטְשְׁן, פַארְוָואס זָאלְן נִישְׁט אַנְדֶערֶע וִויסְן פוּן דִי גוּטֶע מֶעדֶעצִין זִיךְ צוּ הֵיילְן פוּן אַלֶע שְׁוֶועריְקֵייטְן.

הער אַ מַעֲשֶׂה וָואס אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶועז צוּ הֶערְן פוּן מוֹהֲרָא"ש, אַ מַעֲשֶׂה פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב. אִין שְׁטָאט פְּרִימִישְׁלַאן הָאט גֶעווּאוֹינְט אַ צַדִּיק מִיטְן נָאמֶען רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע פְּרִימִישְׁלַאנֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. דָארְט אִין שְׁטָאט הָאט אוֹיךְ גֶעווּאוֹינְט אַ שְׁנֵיידֶער וָואס פְלֶעגְט אִים זֵייעֶר אַסַאךְ מְצַעֵר זַיין אוּן פַארְשֶׁעמֶען יֶעדְן טָאג אָן אוֹיפְהֶער, אָבֶער רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי בִּזְיוֹנוֹת בְּאַהֲבָה, עֶר הָאט דָאס אָנְגֶענוּמֶען פַאר כַּפָּרַת עֲווֹנוֹת.

אֵיינְמָאל אִיז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אָנְגֶעקוּמֶען קַיין פְּרִימִישְׁלַאן, זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע הָאט צוּגֶעשְׁטֶעלְט אַ שֵׁיינֶע סְעוּדָה לְכָבוֹד דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב, אֵיידֶער דִי סְעוּדָה הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן הָאט רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע גֶעבֶּעטְן פוּנֶעם שְׁנֵיידֶער: "יֶעצְט אֵיינְמָאל בֶּעט אִיךְ דִיר זָאלְסְט מִיךְ נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען פַאר מַיין רֶבִּי'ן, אוּן אוֹיבּ דוּ וֶועסְט מִיר דָאס נִישְׁט צוּלִיבּ טוּן, וֶועל אִיךְ מוּזְן צוּשְׁפַּארְן דִי טִיר, אוּן דִיךְ נִישְׁט אַרַיינְלָאזְן".

דֶער שְׁנֵיידֶער הָאט זִיךְ אַרוּמְגֶעדְרֵייט אוּן גֶעזוּכְט אַ וֶועג אַרַיין, בִּיז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אֵיין קְלֵיין פֶענְסְטֶערְל וָואס אִיז גֶעבְּלִיבְּן אָפְן, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרַיינְצוּשְׁרֵייעֶן מִיט קוֹלוֹת אוֹיף רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע, אַלֶע מִינֵי בִּזְיוֹנוֹת, אוּן רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט דֶערְפוּן.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶעפְרֶעגְט וָואס אִיז דִי גֶעשְׁרֵייעֶן וָואס מֶען שְׁרֵייט, הָאט רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע דֶערְצֵיילְט: "דָאס אִיז דֶער שְׁנֵיידֶער פוּן שְׁטָאט, וָואס פַארְשֶׁעמְט מִיךְ יֶעדְן טָאג. אִיךְ בִּין עֶס אֵייבִּיג מְקַבֵּל בְּאַהֲבָה, אָבֶער הַיינְט הָאבּ אִיךְ אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל מִיךְ נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען פַאר מַיין רֶבִּי'ן, אָבֶער עֶר הָאט דַוְקָא יָא גֶעוָואלְט מִיךְ פַארְשֶׁעמֶען."

הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעזָאגְט: "הַלְוַואי וָואלְט אִיךְ גֶעהַאט אַזַא מֶענְטְשׁ וָואס זָאל מִיךְ פַארְשֶׁעמֶען יֶעדְן טָאג, אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען"; וַוייל דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אֵיינֶעם וָואס לַיידְט בִּזְיוֹנוֹת - קֶען מֶען גָארְנִישְׁט אָפְּשַׁאצְן, דָאס בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ זָאל וֶוערְן זֵייעֶר נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דָאס לַייטֶערְט אִים אוֹיס פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס.

## אִסְרוּ חַג

### אָנְהַאלְטְן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן פוּן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב׳, ח׳ סִיוָן, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

חַסְדֵי הַשֵּׁם מִיר הָאבְּן גֶעהַאט אַ הֶערְלִיכֶער יוֹם טוֹב, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, עֶס אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ שֵׁיינֶער קִיבּוּץ; אִיךְ הָאבּ הַנָאָה גֶעהַאט צוּ זַיין דָארְט יֶעדֶע אֵיינְצִיגֶע מִינוּט.

יֶעצְט דַארְף מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן אָנְצוּהַאלְטְן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן. יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת הָאבְּן מִיר זֵייעֶר גֶעבֶּענְקְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי תּוֹרָה, יֶעצְט דַארְף מֶען אָנְהַאלְטְן דָאס בֶּענְקֶען; וַוייטֶער בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּענְקֶען צוּ דִי תּוֹרָה אוּן צוּ אַלֶע הֵיילִיגֶע זַאכְן.

דֶער עִיקָר דַארְף מֶען בֶּענְקֶען, וֶועלְן אוּן הָאפְּן. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף זַיין מְחוּתָּן, הָרַב הַצַּדִּיק מְוָואלְטְשִׁיסְק זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, וָואס הָאט פֶּערְצִיג יָאר גֶעבֶּענְקְט צוּ אָנְקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן וֶוען דֶער חְמֶעלְנִיקֶער רַב (אוֹיךְ אַ מְחוּתָּן פוּן רֶבִּי׳ן) הָאט דָאס גֶעהֶערְט - הָאט עֶר גֶעזָאגְט: ״וָואס דַארְף מֶען זִיךְ בֶּענְקֶען? אוֹיבּ וִויל מֶען פָארְן עֶפֶּנְט מֶען דִי בֶּערְזְל, מֶען נֶעמְט גֶעלְט אוּן מֶען פָארְט״.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר גֶעזָאגְט: ״דֶער מְחוּתָּן פוּן וָואלְטְשִׁיסְק וֶועט אָנְקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן דֶער מְחוּתָּן חַמֶעלְנִיקֶער רָב - נִישְׁט״, וַוייל דֶער עִיקָר אִיז דָאס בֶּענְקֶען, וֶועלְן אוּן הָאפְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

### י״ב סִיוָן

הַיינְט י״ב סִיוָן אִיז מַיין יוֹם הוּלֶדֶת; הַיינְט אִיז דֶער לֶעצְטֶער טָאג פוּן דִי שִׁבְעָה יְמֵי תַּשְׁלוּמִין, עֶס אִיז דִי לֶעצְטֶע טָאג פוּן דִי זִיבְּן טֶעג וָואס מֶען קֶען מַשְׁלִים זַיין דִי קָרְבָּנוֹת - דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען צוּ בְּרֶענְגֶען זֵייעֶרֶע קָרְבָּנוֹת אִינֶעם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת.

אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דִי זְכִיָה צוּ לֶערְנֶען מִיט

בַּחוּרִים און אִינְגֶעלַייט, זַיי אויסְלֶערְנֶען אַז מֶען קֶען אַלֶעס מַשְׁלִים זַיין; אֲפִילוּ דוּ הָאסְט נָאךְ נִישְׁט גֶעבְּרֶענְגְט דַיינֶע קָרְבָּנוֹת, הָאסְטוּ נָאךְ צַייט דָאס צוּ בְּרֶענְגֶען שְׁפֶּעטֶער. אַזוֹי אוֹיךְ אַז מֶען הָאט גֶעטוּן נַארִישְׁקַייטְן קֶען מֶען נָאךְ אַלֶעס פַארֶעכְטְן, און מֶען קֶען זִיךְ אַלֶעמָאל צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ מַאךְ זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן, הַיינְט אִיז מַיין יוֹם הוּלֶדֶת, מַיין גֶעבּוּרְטְס-טָאג; הַיינְט בִּין אִיךְ אַרַיין אִין דִי יְמֵי בִּינָה, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (אָבוֹת ה, כא): "בֶּן אַרְבָּעִים לַבִּינָה"; מַאךְ אִיךְ זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן: 'וָואס טוּ אִיךְ? וָואס וֶועל אִיךְ מִיט נֶעמֶען מִיט מִיר? נָאר דָאס בִּיסְל וָואס אִיךְ פּוֹעֵל בַּיי מַיינֶע תַּלְמִידִים זַיי זָאלְן לֶערְנֶען און דַאוְוענֶען'.

בעזרת השם יתברך

# מהדורת אייבענשטיין

הספר הקדוש הזה נתנדב לזכות

מוה"ר

## שמואל אייבענשטיין

הי"ו

וזוגתו

**מירל פראדל**

תחי'

ובנם **אהרן מאיר** שיחי'

הקדוש ברוך הוא ימלא כל
משאלות לבם לטובה, ויתברכו
מפי עליון בבני חיי ומזוני
רוויחא, וזכות רבינו ז"ל ותלמידיו
הקדושים יגן וימליץ בעדם תמיד,
אמן כן יהי רצון.